STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05945

IN SHTROM FUN LEBEN

H. Ardichev

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „רוסלאנד-אמעריקא"

אין שטראם פון לעבען

ערצייהלונגען פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא

פון

ה. ארדיטשעוו.

הויפטפערלאג

רוסלאנד:
ווילנא, י. פיראזשניקאוו.
דרוק אנשטאלט

אמעריקא:
נו-יארק, מ. מייזעל.
422 גרענד סט.

ВЪ ПОТОКѢ ЖИЗНИ.

Собраніе разсказовъ **Г. ОРДИЧЕВА.**

Вильна тип. И. І. Пирожникова, Завальная ул. д. № 24.
1909

גֶעפַאנְגֶען

(אַ מעשה׳לע)

אין אַ וואַלד האָב איך געבלאָנדזשעט. אין אַ געדיכטען וואַלד.
און בלאָנדזשענדיג האָט מיך אַהין געצויגען,
פון וואַנען ס׳האָט דער עכאָ׳ס קלאַנג
דעם רויש פֿון שווערע וועסלעס איבער אַ וואַסער פלאַך,
מיט ווייבען, שטילען פליאָסק מיר צוגעטראָגען.
מיך האָט אַהין געצויגען.
איך בין געגאַנגען. אַ שמאָלע שטעשקע האָט דעם וועג געוויזען מיר.
די זון האָט הויך געברענט אין הימעל און דורך די דיכטע בוימער=צווייגען,
האָט זי געקוקט אויף מיר מיט טויזענד שטראַהלען=אויגען.
געקוקט, געוואַרעמט מיך, געבריהט, און איהר וויא אויף להכעיס,
האבען די גרויסע שאָטענס פון די בוימער געלאַשצעט מיך, געקיהלט.

די בוימער האָבען שטיל געשאָקעלט זיך אין ווינט,
געפליסטערט און גע'סוד'עט זיך—גערעט א בלעטער שפּראך
וואָס נור די פֿויגלען האָבען פאַרשטאַנען און געענטפערט מיט
געזאַנג...

געזונגען האָבען זיי, געשפּרונגען
פון צווייג אויף צווייג, פון בלום אויף בלום צום טאַקט און חן
פון יענע קלאַנגען אין דעם וואַלד, וואָס גיסען זיך צונויף
מיט יעדען זשומזשען פון א פליג, א שפּערלינג און א שמעטערלינג,
מיט יעדען פישטש און קוויטש און גרילץ פון וועווערקע און
קראָט און גריל,

מיט יעדען ברום און רעווע און געשריי
פון ווילדע חיות אַלערליי...
איך בין געגאַנגען. די גרעזעלעך, די יונגינקע, האָבען געקוקט
צו מיר
מיט חן'עווידיגע אייגעלעך פון זילבער קלאָהרען טוי.
געוואונקען האָבען בשמים'דיגע בלומען מיט א זיסען שמייכעל
צו דער זון—צום לעבען—האָבען זיי די פיעל קאָלירטע קעפּעלעך
מיט שטאָלצען מוטה געהויבען.
איך בין געגאַנגען, און אונטער מיינע פיס האָבען געקרעכצעט
מיט יעדען טריט
די צווייגען טרוקענע, די בלעטער געל-פאַרוועלקטע.
געקנאַקט-מיט טאַקט
צו יעדען קראַך און קלאַנג און טראַך—דעם אוי-געשריי
פון גוסס'דיג פאַרטריקענטע, פון אַלטע, טויטע בוימער.
בעצויבערט האָט דער וואַלד מיך אויף מיין וועג,
בערוישט האָט מיך די גרויסע, גרויע מאַכט.

פאַר׳כשופט האָט מיך די סימפאָניע פון קלאַנגען און געזאַנגען!...
און איך בין אַלץ געגאַנגען....

. . . .

געפירט האָט מיך דער וועג צו אַ גרויסען וואַסער שפּיגעל.
אַן אָזיערע וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט
מיט בלוילִיך־גאָלדענעם גלאַנץ צווישען בערג און וועלדער,
און האָט אין טהאָל—אין גרויסען, ברייטען—
געלעבט מיליאָנען יאָהרען שוין.
בייטאָג—געשפּילט זיך מיט די שטראַהלען פון דער זון;
ביינאַכט—שטיל און טרוימעריש געדרעמעלט און געשלאָפען
בעדעקט מיט שוואַרצע שטערענדיגע הימלען.
און אַ מאָל גאָר—
אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט
געקריגט זיך מיט די ווינטען...

. . . .

אויף דעם קלאָהרען, קריסטאָל קלאָהרען, גאָלד געפאַרבטען וואַסער שפּיגעל
האָט זיך גרינג געהוידעט און געוויגט אַ שיפעלע, אַ קליינס.
אַ שיפער איז אין דעם געזעסען. יונג און שטאַרק איז ער געווען.
מוסקולען פעסטע, ברייטע ביינער, וויא פון שטאָהל געשמיט די ברוסט,
און די שטריכען פון דעם פּנים, פון דער זון פאַרברענט,
האבען דורך זיין זעעלע׳ס כּשוף מיט אַ צויבער מאַכט געגליהט.
אין די אויגען גרויסע האָט געפלאַמט אַ פייער,

און די יונגע לוסט צום לעבען האָט אין זיי געפינעט און געשלאָגען
וויא אַ קוואַל פון באַרג...
געגען איהם איז זי גיזעסען. איהרע וועסלעס אין די רינגען פעסט געהאַלטען

האָבען אויף איהר שוים גערוהט.
זי איז יונג—נאָך בלוט און מילך—שיין וויא גאָלד געווען
רויטע וויא די עפּעל באַקען, ברוינע האָר אַ קרוין.
רונדע ברוסט, וויא אייטערס פולע, האָבען אין דעם רונד־געקאַרבטען בוזעם,
האַלב אין דרויסען—וויא אַלבאַסטער־ווייסע לעבענס־פּאָמפּעס —
זיך געהויבען און געפּלאַטערט מיט דעם לייוועגדענעם העמד.
און אויף זיי פאַרשייט געשפּילט זיך האָט אַ יונגער זונען־שטראַהל
וועלכער האָט זיך טויזענד מאָל צעבראָכען
אויף דעם פערעלמוטער קנאָפּף פון איהר אָפענער קאַמזאָלקע...
שיין וויא גאָלד!,
נור די אויגען טיפע, בלויע, האָבען עפּעס וויא דערציילט
סודות פון דער זעלע...
ביידע זיינען שטיל געזעסען.
ער מיט האָפענונג פולע אויגען האָט געקוקט איהר אין דער זעלע
און געוואַרט, געהאָפט...
זי האָט שטיל געקוקט אַרונטער און געוואַרט, געשוויגען...
דורך דעם פישערים שיפעל, טיעף אין מוטנעם וואַסער גרונט
האָט זי עפּעס זעהען געוואָלט...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • •

און ער האָט זיין נעץ פאַרוואָרפען וויים און שטאַרק,

מיט יונגער מאַכט, אַ פישעלע צו כאַפּען.
און ער האָט די עקען שטריק צום שיפעל צוגעבונדען
און האָט ווידער שטיל געוואַרט... געוואַרט...
זי איז געגען איהם געזעסען און האָט אַלץ געטראַכט...
געטראַכט...

נור די זון האָט אנגעפילט דעם גאַנצען רוים מיט ליכט
און די שטראַהלען האָבען שטיל, וויא שפּיזען גאָלדענע געשטיפּט,
געשפּילט זיך מיט דעם בלויען וואַסער,
טאַנצענדיג און בלישצענדיג מיט דעם זיבעטען חן.
נור די וואַסער האָט געלעבט, געהוידעט זיך און שעמערירט
און דאָס שיפעל האָט געוויגט זיך אויף דעם וואַסער פלאַך.
נור די ביימער מיט די שאָטענס—אָבגעשפּיגעלט קאָפּ אראָב—
האָבען זיך געשאָקעלט שטיל אין דעם קיהלען ווינטעל,
און די קולות פון דעם וואַלד האָבען אין דעם פוסטען רוים
ערגעץ וואו געעכאָ'ט!...

* * * * * * * * * * * * * * * * * * * *

פּלוצלונג האָט דאָס שיפעלע געטהון אַ שטאַרקען ציטער.
אין אָבגרונט, טיעף דאָרט, האָט געציטערט דעם פישערס נעץ...
און די וואַסער האָט געציטערט. און די שפּילענדיגע שטראַהלען
האָבען אויף דעם וואַסער שפּיגעל אויך געציטערט און געטאַנצט.
און אין איהר האָט די נשמה אויפגעוואַכט...
און געציטערט האָט זי—
פול מיט ליעבע...
און די בלויזע אָרעמס איהרע האָבען איהם אַרום געכאַפּט.
און די ליפען קאַרשען-רויטע האָט זי אויף די ליפען זיינע

מיט דעם אימפעט פין איהר זעעלע פעסט געשלאָסען —

און אַ קוש האָט זיך געהערט.

אַ זילבער קלאַנג האָט זיך פון די זיסע ליפען אָבגעטיילט

און איינגעהילט אין דער ליבעס פייער האָט ער זיך געטראָגען אין דער לופט

פעדער גרינג—העכער, העכער... ביז ער איז פערשוואונדען

אין דעם אייביגען עפיר.

איך האָב דעם קוש געהערט, כ׳האָב איהם אין דער לופט געזעהען שוועבען.

וויא אַ רינג—אַ נעבעל־רינג — האָט ער ריינע זעעלען צוויי אַרום געקעטעט...

און איך האָב מיר שטיל געטראַכט אַז אין דעם נעץ האָט דאָרט מסתמא

דער שטאַרקער, יונגער פישער—אַ פישעלע געפאנגען.

אָבער... ווען דער פישער האָט זיין נעץ אין שיפעלע געבראַכט

זיינען דאָרטען צוויי געוועזען— צוויי פישעלעך געפאַנגען.

. . . .

גליקליך איז געוועזן דער פישער, גליקליך איז זי אויך געוועזן.

פעסט געשלאָסען איינס אין צווייטען האָט ער איהר געקושט דאָס פנים

און אינאיינעם מיט די שטראַהלען האָט ער זיין געזיכט געבאָדען

אין איהר ווייסער ברוסט.

זי איז אויף זיין האַלז געהאַנגען, טרוימעריש פאַרמאַכט די אויגען

שכור פון איהר גליק...

און דאָס שיפעל האָט געוויגט זיך און האָט זיי פאַרוויגט.

. . . .

ווידער האָט ער זיינע וועסלעס אין די שטאַרקע הענד גענומען

און איך האָב געזעהען פון וויטענס וויא זיי זיינען אָבגעשוואומען.
ווייט, אַהין... צו די ברעגעס וואו די בערג און וואו דער וואַלד
וואַרפען שאָטענס גרויסע...

לאַנג נאָך האָב איך זיי געזעהען צווישען העלען ליכט און שאָטען.
ווייט, ווייט אויף דעם וואַסער שפיגעל
האָט זיך שטיל געגליטשט דאָס שיפעל

נור ניט צוויי האָב איך געזעהען—ביידע זיינען איינס געווען—
און איך האָב געטרוימט—אַז איינער איז שוין דאָרט פאַרשוואונדען
אין דעם נעבעל רינג געפאַנגען—אין דער ליבעם רינג פאַרשקלאַפט!..

* * *

דִי נִיט גֶעעֶנְדִיגְטֶע עֶרְצֶעהלוּנג.

זי האָט איהם איבערגעשלאָגען די ארבייט. שטילערהייד איז זי צוגעגאַנגען צו איהם פון הינטען; מיט איהרע האלב-נאַקעטע אָרעמס האט זי ארומגענומען זיין איינגעבויגענעם האלז-און-נאַקען. איהר קערפּער האָט זיך אַ וויילע געטהון, איהר שיינער קאָפּ מיט די קאשטאַנענע האָר, אָקאָרשט פאַרקעמט פאַרין שלאָף, האָט זיך איבערגעבויגען איבער זיין פנים און איהרע ליפּען האָבען אָבגעדריקט אויף זיינע ליפּען אַ שטאַרקען אַ הילכיגען קוש.

דער קוש האט משוגה'דיג אָבגעקלונגען אין דעם שטילען צימער און האט זיך מאָדנע אָבגערופען אין זיין נשמה...

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ חלום. אָבער דעמאָלט האָבען שוין איהרע צוויי גרויסע ברוינע אויגען, פול מיט גליהענדען פייער, געקוקט אין זיינע טיפע טרוימערישע אויגען אַזוי זיס, אַזוי ליעבליך; און דער כשוף'דיגער שמייכעל וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער איהר פנים האָט איהם פשוט בעצויבערט...

אַ פּאָר מינוט האט זי איהם געהאַלטען אין איהרע אָרעמס און האָט זיך געוויגט מיט איהם אין דעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען ביי זיין אַרבייט, און דער נעשמאַקפאָלער גערוך פון איה-

שעהנעם פוכלעם קערפער האָט איהם ביסלעכווייס פערשכור'ט.

און זי האָט געמורמעלט: — דו אַרבייטסט נאָך... אַרבייטסט... אַרבייטסט!..

ער האָט זי נור אָנגעקוקט. אינסטינקטיוו האָט זיך זיין קערפער אויסגעצויגען, האַלב אונטער'ן טיש, ביי וועלכען ער האָט געאַרבייט, און האַלב אויף דעם צוריקגעבויגענעם שטוהל, אויף וועלכען ער איז געזעסען. זיינע הענט האָבען זיך אויסגעשטרעקט אין דער הויך און האָבען זי ליבליך אַרומגענומען און ווידער האָט זיך אין דער שטילקייט פון דעם צימער געהערט אַ קוש.

— גענוג דיר שוין... גענוג, קום... עס איז שוין צייט צו שלאָפען... האָט זי איהם גערופען.

עס איז געווען שפעט ביי נאַכט; זי איז ערשט געקומען פון דער אָפּערא. ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבייט. זי איז תמיד געווען אַ מונטערע, אַ לעבעדיגע, אַ פריילינע, און אַ צינד—נאָך דעם, ווי די וואונדערבאַרע מוזיק פון פאַגליאַציאַ האָט אַביסעל צורודערט איהרע נערווען און דאָס טולען זיך צו זיין קערפער האָט דערוואַרעמט די ליבע אין איהר נשמה, האָט איהר פנים געלויכטען מיט אַ בעזונדערען צויבער. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט און איהרע אויגען האָבען קאָקעטיש געפינקעלט איבער זיין געזיכט. ער אָבער איז געווען אַ פאַרחלום'טער, אַנ'איינזאַמער טרוימער. אָפט פלעגט ער ווערען היגגעריסען פון אַנ'אינערליכער קראַפט צו בעשאַפען בילדער און מענשען, און גראד איצט האָט ער געשוועבט אין יענע ספערען פון זיין קונסט. ער איז נאָך ניט אַרויס פון דעם רשות פון יענער קראַפט אפילו דעמאָלט ווען זי האָט איהם גע-האַלטען אין איהרע אָרעמס. און ער האָט געקוקט אויף איהר, פונקט ווי ער וואָלט געווען ווייט-ווייט פון איהר... עס איז שוין געווען

אַהיבשע צייט זינט זיי האָבען חתונה געהאַט. זי האָט איהם אָבער נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק ליעב געהאַט ווי אַמאָל. צייטענווייז פלעגט זיך איהר אויסווייזען, אַז זי האָט איהם וואָס אַטאָג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ליעב. און דאָך האָט זי גאַנץ גוט פערשטאַנען, אַז זיי ביידע לעבען צוויי בעזונדערע לעבענס.

זי איז געוועזען אַיונגע, שעהנע, גוט־געבויטע פרוי, פול מיט לעבען און ענערגיע, און זי האָט שטענדיג געפונען אַנ׳אויסדרוק פאַר איהר זעעלע: אַמאָל אין געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט, אַנ׳אַנדערס מאָל אין וועלטליכע פאַרגעניגענס; מעהרסטענטיילס אָבער—אין דער ליבע צו איהר מאַן און צו איהר היים. אָט פלעגט זי זיך ערשט, דוכט זיך, זאָרגען פאַר די יתומים פון אַ פאַרשטאָר־בענעם אָרימאַן, און אָט פלעגט זי שוין צום צעהנטען מאָל איבער־שטעלען דאָס מעבעל אין איהרע שיינע פאַרפוצטע צימערס. אָט איז זי, דוכט זיך, ערשט געגאַנגען הערען אַגרויסען זינגער, אָדער זעהען אַגרויסען אַקטיאָר, און אָט האָט זי שוין גאָר פאַרקאַטשעט די אַרבעל פון איהר לייזער בלוזע, פאַרהאַנגען זיך מיט אַדינער מאַ־קינטאָשענער שירץ, ארום געשפּילעט איהרע שיינע האָר מיט אַווייסער קטייקע, און האָט געבאָדען איהר הינטעלע — דעם „שוואַרצען פודעל", געפּליאַסקעט זיך מיט איהם אין דער וואַסער. ניט געלאָזט איהם אַנטלויפען, ווען ער האָט זיך געריסען פון איהר, און פערגאַנגען זיך אין אַקינדערשען געלעכטער ווען ער האָט נערוועז געטרייסעלט זיין קערפער מיט די נאַסע צעשויבערטע האָר.

און ... אָט גאָר פּלוצלונג—אינמיטען פון אַנ׳אַרבייט—פלעגט זי ארומכאַפּען איהר מרה־שחורה'דיגען טרוימער, האַלזען איהם און קושען איהם, און וועלען אויף אַמינוט כאָטש אויפמונטערען לע־בען אין איהם. צווינגען איהם צו טהיילען און געניסען מיט איהר

איהר לעבענס־לוסט. אָט אַזאַ איז זי געווען.

אָבער גאָר אַן׳אַנדער מענש איז ער געווען. אויך אפילו נאָך גאָר אַיונגער מאַן, איז ער אָבער געווען אַ מענש וואָס האָט זיך נאָך אַליין ניט געפונען. אַ מענש וואָס טאַפּט און זוכט נאָך זיין וועג... ער איז געווען אַ טרוימער, אַ דיכטער. געלעבט האָט ער אַליין מיט זיין נשמה, מיט זיינע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס, און פלעגט זיך אָפּטמאָל פילען איינזאַם אפילו אין גאַנץ לעבעדיגער געזעלשאַפט. מאָמענטענווייז—זעלטען ווען—פלעגט נאָך אַ בליטץ טהון לעבען אין איהם, עס פלעגט נאָך אַ פלאַקער טהון אַן׳אַלט פייעריל, אַ העלס, אַ ברענענדיגס; אָבער באַלד פלעגט עס פאַרטונקעלט ווערען דורך די שוואַרצע שאָטענס פון זיין טרויעריגער נשמה; עס פלעגט באַלד פאַרלאָשען ווערען, און ער פלעגט זיך ווידער פילען אַליין—אַליין מיט זיך, אַליין מיט זיינע פאַנטאַזיעס. אַזוי האָבען זיי ביידע אין איינעם פערשידען געלעבט—זי מיט איהר לעבענס־לוסט אין דער געגענוואַרט, ער מיט זיינע האָפנונגען אויף אַן׳אונבעשטימטער צוקונפט.

געאַרבייט האָט ער ביי טאָג און ביי נאַכט. ביי טאָג האָט ער געאַרבייט פאַר אַ גרויסער טעגליכער צייטונג; אין איהר האָט ער געשריבען גראַמען, אַפאָריזמען, רעפּאָרטען און גלאַט אַזוי אַרטיקלען—אַלץ וואָס מען האָט איהם געהייסען. אָבער ניט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, וואָס זיין נשמה האָט געלוסט. אַלע האָבען געוואוסט אַז ער איז אַ מענש מיט אַ טאַלאַנט, אַז ער האָט אַ קינסטלערישע זעלע און ליידעט ביי זיין טעגליכער אַרבייט, אַז זיין נשמה צעשפּרינגט אין שטיקער פון איהר לאַסט; אָבער ווער האָט איהם דען געקענט העלפען? אַז אַלעס וואָס ער האָט געשריבען אויסער דער רעדאַקציע האָט ניט געטויגט. עס האָט זיך

ניט צוגעפאַסט צו דעם געשמאַק פון דעם רעדאַקטאָר, און האָט דערפאַר אין דער וועלט פון מסחר גאָר קיין ווערט ניט געהאַט. און אַזוי פלעגט ער שרייבען ביי טאָג אַלץ וואָס מען האָט איהם גע־הייסען—ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט—דאָס איז גע־ווען דער איינציגער קוואַל פון וועלכען ער האָט געשעפּט זיינע אָרימע לעבענס־מיטלען.

דערפאַר אָבער ביי נאַכט, ווען אַלעס איז געוואָרען שטיל און רוהיג אַרום איהם, ווען ער האָט זיך אונגעשטערט געקענט סוד'ען מיט זיין אייגענער נשמה, בעפרייט פון דעם בייטאָגעדיגען יאָך, און לאָזען זי פאַנאַנדערשפּרייטען איהרע גרויסע גרינגע פליג־לען, אויפהויבען זיך מיט איהר און טראָגען זיך צווישען די וואָל־קענס און שטערען, פלעגט איהם עפּעס אַ וואונדער־ליכט בעלייכ־טען די ערד, אַ וואונדער־גייסט פלעגט זיין זעלע בעלעבען און ענטפּלעקען פאַר איהם אונענדליכע פאַנאָראַמעס פון בילדער און מענשען, און ער פלעגט זיי מאָלען און מאָלען—די מענשען און די בילדער—מיט שיינע ווערטער און העלע פאַרבען און פלעגט אַריין בלאָזען אין זיי יענעם גייסט וואָס האָט איהם אַליין בע־לעבט—און זיי פלעגען לעבען ... און ער מיט זיי.

דיזען אָבענד האָט ער אויך געלעבט, געשוועבט אין די עולמות פון בעגייסטערונג. ער האָט געמאָלען בילדער, געשרי־בען ... געאַרבייט.

ווען זיין ווייב איז געקומען פון דער אָפּעראַ, איז זי שטי־לערהייד אַריין געגאַנגען אין דעם פאָדערציממער אויסטהון זיך. זי האָט געמיינט אַז ער שלאָפט שוין לאַנג און האָט איהם ניט גע־וואָלט אויפוועקען מיט איהר קומען. באַלד אָבער האָט זי בע־מערקט אַז אין דעם ווייטעסטען חדר'ל ברענט נאָך דער גרינג־

אבאזשורע אויף זיין שרייב־טיש און צעגיסט דורך דעם מענטעל'ע איבער'ן פלאַם א גרויסען קרייז פון ווייסער ליכט. ער איז געזע־סען איבערגעבויגען איבער'ן טיש און האָט געשריבען. זי האָט גוט געקענט דאָס ליכט און די איינגעהויקערטע פיגור ביים טיש... און עס האָט זי א קלעם געטהון ביים האַרצען...

— ער זיצט נאָך... ער אַרבייט נאָך... האָט זי א טראַכט געטהון.

און איהר האָט זיך פאַרוואָלט א לאַשצע טהון איהם, א גלעט טהון, צופולען איהם צו זיך און דערוואַרעמען זיין איינזאַמע נשמה, זאָגען איהם עפּעס ליעבעס, זיסעס, דערציילען איהם ווי שיין מען האָט געזונגען אין דער אָפּערא, ווי ער—דער גרויסער איטאַליעני־שער טענאָר האָט געטליך געזונגען די אַריע פון פּאַגליאַציאָ. איהר האָט זיך פאַרוואָלט טהיילען מיט איהם דעם גרויסען פערגעניגען וואָס זי האָט געהאַט, און אָנצינדען אין איהם אויף א רגע דעם פלאַם פון לעבען...

זי האָט זיך גיך אויסגעטוהן, פאַרקאָמט איהרע שיינע שמעקענדיגע האָר צום שלאָף, און האָט אַרויפגעוואָרפען אויף איהר שיינעם קערפּער א דינעם יאַפּאָנעזישען מאַנטעל, און איז שטיל, אונבעמערקט צוגעגאַנגען צו איהם. אָט דעמאָלט האָט זיך אין צי־מער דערהערט דער קלינגענדיגער קוש... און זי האָט איהם אי־בערגעשלאָגען די אַרבייט.

— גענוג דיר שוין צו אַרבייטען... גענוג... האָט זי מיט קינדערשער ווייכקייט גערעט צו איהם, און האַלטענדיג איהרע הענט אַרום זיין נאַקען איז זי האַלב געשטאַנען, האַלב געלעגען ביי זיין זייט און האָט אַריין געקוקט אין זיינע טיפע טרוימערישע אויגען.

— ס'איז צייט צו רוהען, ס'איז צייט צו שלאָפען ... ביז וואַנען איז דער שיעור צו אַרבייטען ?

אָבער ער האָט שוין ניט געאַרבייט. זי האָט איהם איבערגעשלאָגען די געדאַנקען. די פען איז געבליבען שטיין אויפ'ן האַלבען וואָרט, און יענע נשמה יתירה וואָס האָט זיך ערשט געטראָגען אין די וועלטען פון לעבען און בילדער, איז אויפ'ן האַלבען וואָרט פאַרגליווערט געוואָרען. איצט—אין איהרע אָרעמס, מיט זיינע הענט אַרום איהר האַלז, אונטער איהר אָטעם וואָס האָט איהם פאַרכשופ'ט, האָט ער צוגעמאַכט די אויגען און איהם האָט זיך געדוכט אַז ער וואָלט אַזוי איינגעשלאָפען און זיס געחלומ'ט... אַן־אַנדער חלום...

און זי האָט זיך געוויגט מיט איהם הין און צוריק אין דעם שטוהל אויף וועלכען ער איז געזעסען, און האָט איהם פאַרוויגט אין דעם נייעם, זיסען חלום... יענע אַרבייט וועט ער שוין ניט ענדיגען... ווער ווייסט ווען זיין נשמה וועט זיך ווידער אומקערען צו איהר ?.. און וועט זי זיך גאָר אומקערען צו יענעם בילד ? צו יענער בעגייסטערונג, מיט וועלכער ער האָט איצט געמאָלען ?.. ווער ווייסט ?

און ער האָט, דוכט זיך, געמאָלען אַ שיין, אַ וואונדער־שיין בילד !..

* * *

אין הויז ביי איהם האָט זיך פון פיצעלע־ווייז אויף געהאָדעוועט אַ גרויסאַרטיגע, שיינע קאַץ; אין איינעם מיט דעם קליינעם שוואַרצען היגטעלע—דעם „שוואַרצען פודעל" האָט זי געלעבט און געהאָדעוועט זיך. ביידע האָבען זיך ליעב געהאַט ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. ביי זיי איז כמעט פאַרשוואונדען די נאַ־

טירליכע פיינדשאַפֿט פון די צוויי מינים חיות. אפילו ווען זיי זע־
גען עלטער געוואָרען פלעגען זיי זיך נאָך אַלץ ליעב האָבען. זיי
פלעגען זיך שפּילען אין איינעם און אָפטמאָל עסען פון איין טע־
לער. דאָס הינטעלע—אַ מאוס אפילו—איז אָבער געווען זעהער
אַ קלוגס און אַ דורכגעטריבענער, פאַרשייטער שטיפער. די קאַץ
איז געווען אַ בילד שיינע בעשעפעניש מיט ברייטע, גרויע פאַסען
אין רינגען פון אַ לעמפערט אויף אַ שוואַרצען זיידענעם פאָנד. זי
האָט געהאַט אַ סימעטריש לענגעריג פּנים און גרויסע אויגען וואָס
האָבען געבלישצעט ווי געשליפען גלאָז. אַ ווייסער פוכיגער פאַס
האָט זיך געצויגען פון איהר שפּיציג מאָרדעלע מיט די שטייפע
גרויע וואָנצען איבער איהר האַלז און איבער איהר בויך. זי אויך
פלעגט ליעב האָבען צו שפּילען זיך און שטיפען מיט דעם
הינטעלע.

אָבער ווען זיי פלעגען זיך שפּילען און שטיפען פלעגט דאָס
הויז זיין פול מיט זיי.

אָט פלעגען זיי זיך פאַנאַנדערלאָזען און לויפען איבער די
צימער ווי ווילדע. זי פאָראויס און ער נאָך איהר. און אָט פלעגט
ער זי פאַקען ביים עק, שלעפען איבער'ן פאָל, רייסען זי און דריי־
ען שעלמיש מיט'ן קאָפּ, און זי פלעגט אָנפילען דאָס צימער מיט
איהר ביטערליכען יאָמער. אָבער עס איז נור ספּאָרט געווען.
ער פלעגט זי באַלד אָבלאָזען. אַ מאָל, פלעגען זיי אַ שפּרונג טהון
איינער אויפ'ן צווייטען נור מאַקי מלחמה צו האַלטען און אין
אַ סעקונדע אַרום פלעגען זיי שוין ליגען אויפ'ן ווייכען דיוואַן—זי
אויף איהר רוקען, ער אויסגעשפּרייט אויפ'ן בויך נעבען איהר און
האַלטען זי ביים האַלז מיט די ציין—בייסען זי און שטיקען זי נור
צו דערוועגען. אָבער איהר קליין פיסעלע פלעגט איהם ענער־

גיש פאַטשען איבער'ן פנים, איהר קערפער פלעגט זיך דרייען ווי א שלאַנג ראַנגלען זיך מיט איהר מערדער, ביז ער פלעגט זי מו־זען אָבלאָזען. דעמאָלט פלעגט ער אויפשפּרינגען, שטעהן אַ ווײלע ווי אײנגעגראָבען איבער איהר, און מיט אַ ווילדען פייער אין זיינע אויגען פלעגט ער זי אָנקוקען. זי אויך פלעגט קוקען מיט אַ פיי־עריגען בליק אין זיינע אויגען און פלעגט אַנטלויפען פון איהם... און ער פלעגט איהר ווידער נאָכיאָגען... און ווידער פאַקען...

אַזוי האָבען זיי געלעבט און געוואַקסען אינאיינעם און פלעגען זיך שפּילען לעבעדיג, פריילִיך צופרידען.

אָבער זי איז גיכער געוואַקסען פון איהם. גיכער האָט זיך ענטוויקעלט איהר קערפּער, איהר מאַיעסטעטישע פיגור, איהר שיינקייט. און זי האָט אָנגעהויבען פערנאַכלעסיגען זיין פריינדשאַפט.

אויפ'ן הויף וואו איהרע בעלי הבתים האָבען געוואָהנט האָט זי אַ שטימע גערופען... אַ שטימע פון איהר אייגענעם מין... ניט קיין שוואַכע, ניט קיין אויסגעמאַטערטע שטימע איז דאָס געווען... ניט קיין פאַרפרוירענע שטימע!..

אין דרויסען איז שוין געווען וואַרעם. די ערשטע העלע שטראַהלען פון דער זון און פריהלינג האָבען שוין געוויזען זייער ליבליך שפּילענדיג פנים און האָבען געוואַרעמט מיט דעם חיות פון נייעם, יונגען לעבען. זיי האָבען זיך מיט בלישצענדיגען עזות נעשפּילט מיט דעם וואַסער פון אַ קליינער לוזשע אין הויף, און האָבען אָבגעשפּיגעלט אויף איהר אָבערפלעכע אַ גאָלד־גרינעם, רויטליכען גלאַנץ פון שימעל. די גרויע וואַנט פון דעם זייטיגען הויז דערביי איז נאָך אפילו געווען בעדעקט מיט די פאַראַיאָהריגע קריכענדיגע ווײן־צווייגלאַך, אָבער דאָ און דאָרט האָבען שוין אויף איהר נעגרינט די נייע בלעטלעך און האָבען זיך אַלץ געצויגען

העבער און העכער. דער גרויסער בוים און די קליינע בוימעלעך אין הויף האָבען זיך שוין אָנגעהויבען אָנטהון אין גרינס און אפילו דאָס אַלטע פאַר=פאַלק—די שוועלבעלאַך—האָבען זיך שוין אומ-געקערט און האָבען אין די צווייגען אויף דער וואַנט געזוכט דאָס אָרט פון זייער אַלטער נעסט.

עס איז שוין געווען וואַרעם, און די שטימע וואָס האָט גע-רופען די יונגע שיינע קאַץ איז געווען אַ מונטערע, אַ לעבעדיגע, פול מיט דער קראַפט פון דעם קומענדיגען פריהלינג... פול מיט לעבענס=לוסט. די קאַץ האָט זיך צוגעהערט צו דער שטימע און איז אַביסעל געוואָרען פאַרשייט. יענע שטימע האָט זי גערייצט... זי האָט זי גערופען עפּעס אויף אַ מין נייעם גענוס פון לעבע, וועלכען זי האָט נאָך גאָר ניט פאַרשטאַנען, אָבער עס האָט זי גע=צויגען אַהין... דאָס אונפערשטענדליכע, דער וואַרעמער געפיהל פון לעבען האָט זי געצויגען אַהין, אין הויף אַריין, וואו דער יונ=גער קול פול מיט צאַרטליכקייט און ליבע האָט זי גערופען צו אַ צויבער-טרוים...

און אין די שטילע אָבענדען, ווען דער הימעל וואָס האָט בעדעקט דעם הויף האָט געפינקעלט מיט בריליאַנטענע שטערען, און זיי האָבען זיך אין דעם בלויען רוים אַזוי ווי געוויגט און בע-וועגט, געשושקעט און גע'סוד'עט זיך אין דער הימעלשער ליבע—אין דער שטילער, אייביגער האַרמאָניע—האָט יענער רוף געקלונגען ווי אַ ליבעס=סערענאַדע געגען וועלכער איהר יונגע נשמה האָט ניט אויסגעהאַלטען... און זי פלעגט פאַרפאַלען ווערען ביז שפּעט אין דער נאַכט...

דאָס דינסט=מיידעל פלעגט זי שעלטען מיט טויטע קללות דערפאַר. זי פלעגט נעבאַך דאַרפען אויפשטעהען שפּעט ביי נאַכט

און אַריינלאָזען די „פריצטע״—ווי זי פלעגט זי רופען מיט קנאה—
אין הויז אַריין.

אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. אַ קורצע צייט איז פאַראיבערגעגאַנגען און יענע שטימע האָט אויפגעהערט צו רופען... די שיינע יונגע קאַץ איז עפּעס אומעדיג געוואָרען. פלוצלונג איז זי, דוכט זיך, דאַרער געוואָרען. זי האָט זיך אויסגעצויגען, לענ-גער געוואָרען. איהרע זייטען נור האָבען זיך אויפגעבלאָזען און די שיינע גרויע פּאַסען זענען ברייטער געוואָרען. צו ברייט—זיי האָבען זי מאוס געמאַכט. איהרע גרויסע קריסטאָלענע אויגען האָבען זיך מיט אַ דין-טונקעל הייטעל איבערגעצויגען. איהר פּיסקעל האָט זיך אויסגעצויגען. עס איז געוואָרען שפּיציג—העס-ליך... באַלד האָט מען געקענט בעמערקען אַז זי ליידעט. קוים וואָס זי האָט זיך אַרום געשלעפּט... אָפטמאָל פלעגט זי מיט שווע-ריגקייט אַרויפשפּרינגען אויף אַ בענקעל, דערגרייכען מיט די פע-דערשטע פּיס דעם טיש ביי וועלכען איהר בעל הבית האָט געשרי-בען און לאַשצען זיך צו איהם. רייבען איהר קאָפּ איבער׳ן טיש און רוקען זיך, שפּילעריש רוקען זיך נעהענטער און נעהענטער צו זיין שרייבענדער האַנט און קוקען אויף איהם מיט אַזאַ רחמנות בליק, אַקוראַט ווי עס וואָלטען זיך איהר געשטעלט טרערען אין איהרע איבערגעצויגענע אויגען, און זי וואָלט צו איהם געזאָגט:

— זעהסט, ער רופט מיך ניט מעהר... ער... פאַר-שטייסט?.. און זי פלעגט אַזוי שווער אָטעמען, פּאָכען מיט איהר גאַנצען קערפּער וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש.

ער פלעגט זי דעמאָלט אָנקוקען מיט אַ טרויעריגען בליק; מיט זיינע טיפע טרוימערישע אויגען און טראַכטען—

— אונגליקליכע, דו ליידסט...

עס האָט אויסגעוויזען ווי עפּעס אַ שווערע מאַסע נאָגט זי און ציהט זי ביי'ם האַרצען און ציהט פון איהר אַלע כחות אַרויס. די לעצטע טעג האָט זי כמעט ניט געגעסען. די היימישע אין הויז האָבען איהר צוגערייט אַ ריין, ציכטיג פּלאַץ און אַ פאַרבאָרגען אָרט און האָבען זי געלערענט דאָרט זיך צו בעהאַלטען. עס איז ניט שווער געווען זי אויסצולערנען, ווייל עס איז איהר געווען צו שווער אַרומצוגעהן. איהר בעל-הבית—דער וואַכער טרוימער—פלעגט זיך צוקוקען צו דעם בילד. ער פלעגט אָפט אַריין קוקען אין איהרע גרויסע גלעזערנע אויגען און זעהען אין זיי דעם גרויסען טרויער וואָס האָט זיך געפונען אַ געצעלט אין איהר זעלע, און איהם פלעגט זיך אַלץ אויסדרוכטען אַז זי פרעגט איהם אויף איהר שטום לשון:

— וואו איז ער? וואו איז ער?.. און דער טרוימער האָט זי אויף אַנ'אֶמת ליעב געקראַנען און פלעגט זי אָפט גלעטען און לאַשצען, ווען זי איז ווידער געזונד געוואָרען.

* * *

דעם אָוענד, ווען זיין פרוי איז אַוועקגעגאַנגען אין דער אָפּערא און, ער איז געבליבען אַליין, איז ער אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער. זיין ליבלינג—די שיינע קאַץ—איז געלעגען אויף דער סאָפע, איהר קערפּער אויף אַ זייט, האַלב אויסגעצויגען; די הינטערשטע פיס צונויפגעלייגט נעבען איהר בויך—די פעדערשטע אויסגעשפּרייט. אויף זיי האָט גערוהט איהר שיין-פיסקעל מיט די גרויע שטייפע וואָנצען. זי איז געשלאָפען, זיין אַריינקומען האָט זי אויפגעוועקט. פאַמעלעך האָט זי זיך אויפגעהויבען אויף אַלע פיער. זי האָט שטאַרק אויסגעבויגען איהר רוקען און האָט זיך פויל אויסגעצויגען אין דער הויך, דערביי האָט זי ווייט אויפגע-

עפענט איהר מויל און האָט אַ געגעץ געטהון מיט אַ משונה'דיגען קווימש. מיט איהרע בלישצענדיגע אויגען האָט זי אַ קוק געטהון אויף איהר הער. דער קוק האָט איהם פלוצלינג אַרויפגעבראַכט אויף די פאַסירונגען פון איהר לעבען מיט וועלכע ער איז אַזוי גוט בעקאַנט געווען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט זי פאַמעלעך געגלעט איבער'ן רוקען און זי האָט פריינדליך געריבען איהר קערפּער מיט די סאַמעטענע האָר אָן זיין קערפּער.

און די בילדער פון איהר לעבען האָבען אויפגעשוועבט פאַר זיינע אויגען. ער האָט זיי געזעהען אַזוי שאַרף, אַזוי קלאָהר, אַזוי בולט... און זיי האָבען איהם בעגייסטערט.

מעכאַניש האָט ער זיך געזעצט צום טיש. ער האָט גענומען די פען און האָט אָנגעהויבען צו שרייבען. די בילדער און די עפּיזאָדען פון איהר לעבען האָבען זיך פריי געמאָלען אין אויסגעוועבט פון שיינע ווערטער אויפ'ן פּאַפּיער. ער האָט געשריבען און די שטונדען זענען געפלויגען. יעגער שווערער געמיטה, וואָס איז ווי אַ שטיין דעם גאַנצען טאָג געלעגען אויף זיין נשמה, איז פאַרשוואונדען געוואָרען. איהם איז געוואָרען אַזוי גרינג, אַזוי גוט... ער האָט גאָרניט באַמערקט, אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט ביינאַכט. ער איז צופיעל געווען פאַרטהון אין זיין קונסט, צופיעל האָט זי איהם בעהערשט. זיין בעגייסטערונג האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזט, זיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט און זיין שעפּפונגס=קראַפט האָט געשוועבט צווישען בילדער, פון וועלכע זי האָט אויסגעוועבט דאָס לעבען—דאָס געהיימניספאָלע לעבען. און ער האָט געהאלטען אין ענטפלעקען אַ סוד פון דער נאַטור... אין דער טיפער שטילקייט פון דער נאַכט, ביי'ם אַרבייטס=טיש. איינגעבויגען ווי אַ שאָטען איבער דעם ווייסען צירקעל פון ליכט אונטער דער גרינער

אַבאַזשורע, האָט ער צו קיינעם ניט געהערט, נור צו זיין קונסט.

און ער האָט געשריבען:

„—ווידער איז געקומען דער פריהלינג. ווידער האָט גאָט'ס וועלטעל אויפגעלעבט, און ווידער זאָט די שיינע, פראַכטיגע נאַטור אויסגעשפרייט איהר לעבענס=לוסט אויף אַלעס וואָס קען זיך בענייען, בליהען און לעבען. ווידער איז אין מיין הויף געוואָרען לעבעדיג און פריילין. די שוועלבעלעך האָבען זיך שוין אומגעקערט, און שפרינגענדיג פון צווייגעל אויף צווייגעל, האָבען זיי געפישצעט און גערופען איינס דאָס אַנדערע צו דער אַרבייט. זיי האָבען געבויט זייער זומער=היים אין די גרינע פאַרפלאָנטעטע צווייגען אויף דער אַלטער גרויער וואַנט. אָבענד-צייט האָט דאָס שטיקעלע הימעל איבער מיין הויף ווי תמיד געפינקעלט מיט בריליאַנטענע שטערען, וואָס האָבען זיך ווי אימער געוויגט און געסיד'עט צווישען זיך. עס איז געוועןן אַ שיינער, וואונדער=שיינער אויפדערנאַכט. די בשמים'דיגע לופט אין דרויסען האָט גובר געווען די שטיקענדיגע לופט, וואָס האָט זיך געטראָגען פון די אָפענע פענסטער, און זי האָט געשמעקט מיט דעם גערוך פון אויפלעבונג —מיט פרישען לעבען. די לבנה איז, דוכט זיך, דעמאָלט געוועןן זילבער=ווייסער ווי תמיד. זי האָט זיך געבאָדען אין קליינע שניי=ווייסע וואָלקענדלעך, געשוואומען און געוואשען איהר ליכטיג פנים אין זיי, און האָט אין דעם שמאָלען רוים, צווישען צוויי שמאָלע הייזער, דורכגעשפּאַרט געגען מיין פענסטער איהרע זילבערנע שטראַהלען. זי האָט געלויכטען און געלאַכט מיר גלייך אין פנים אַריין. איך בין געזעסען בייים אָפענעם פענסטער און מיין נשמה האָט זיך געקוויקט מיט דע' וואונדער=שיינער נאַכט, זי האָט

אַנגעקוואָלען פון דעם תענוג פון לעבען. פלוצלינג האָב איך דער־הערט אַ בעקאַנטע שטימע.

— מיאַאו ... מיאַאו ... מיאַאו ... האָט די שטימע גערופען.

דער וואס האָט גערופען איז געזעסען אויפען פלויט פון מיין הויף, די פים צונויפגעלעגט אונטער זיך און האָט זיך געבעטען.

— מיאַאו ... מיאַאו ... האָט ער געצאַפּעלט זיך ... ניט קיין טרויער, ניט קיין פערצווייפלונג האָט זיך אין זיין שטימע געהערט. ווי פאַראַיאָהרען האָט זיך אין איהר געהערט דער רוף צום לעבען ... צו לעבענס־לוסט ...

איך האָב געקוקט אַהין פון וואַנען דער מוטהיגער רוף איז געקומען און האָב זיך געוואונדערט.

איהם געהט אַפּנים ניט אָן די פּראַכטפאָלע נאַטור, דער שיינער הימעל, די שמעקענדיגע לופט. ער קען ניט פאַרשטעהען די נשמה פון דער נאַטור — די האַרמאָניע פון איהרע שטימונגען, פון איהר זיין, פון איהר לעבען. ער קען ניט פיהלען איהרע ביל־דער און ער קען זיי ניט מאָלען ... און די מענשען? זיי געהען איהם אודאי ניט אָן. ער זעהט ניט זייער לעבען דורך די אָפענע פענסטער, ער זעהט ניט זייער קאַמפף, זייער שטרעבען. ער קען ניט אָנפאַסען זייער נשמה, בעגרייפען די טיפסטע ווינקעלעך פון זייער לעבען, די פאַרבעהאַלטענע סודות פון זייער טויט ... ער פיהלט ניט דאָס לעבען: ער האָט ניט קיין שעפּפונגס־קראַפט!..."

— מיאַאו ... מיאַאו ... מיאַאו ... האָט ער גערופען פול מיט חוצפה'דיגען בעגער. און אימיצער האָט זיך צעלאַכט.

— ער פיהלט ניט די נאַטור? האַ ... האַ ... האַ ... ער האָט ניט קיין שעפּפונגס־קראַפט? האָט אימיצער געהיימניספאָל געפרעגט.

— נאַרישער דיכטער — האָט יענער זיך געריי־צט מיט מיר —

איז עס ניט די פּרעכטיגע נאַטור, וואָס רופט איהם צום לעבען און לעבענס־לוסט? איז עס ניט די גרויס; שעפּפונגס־קראַפט אין איהם, וואָס רופט איהם צו ליבען און בעשאַפען?

און איך האָב זיך ווידער איינגעהערט.

— מיאַאו, מיאַאו... האָט ער גערופען פון דעם פּלויט. און דער רוף האָט געקלונגען מיט בעגייסטערונג... דוכט זיך, ער איז געווען דער אויסדריק פון אַ גרויסער שעפּפונגס־קראַפט... פּונקט ווי פאַראַיאָהרען האָט ער געקלונגען; די אייגענע שטימע, דער אייגענער רוף...

מיין קאַץ האָט זיך בעוויזען אויפ׳ן הויף.

— די אייגענע?.. האָט זיך אַ באַמבעל געטהון ביי מיר אין די געדאַנקען—איז ער דער אייגענער?.. און דער ער אויף וועלכען זי האָט מיך אַ מאָל געפרעגט מיט איהרע איבערגעצייגענע גלעזערנע אויגען—פאַראַיאָהרען אין די שווערסטע מינוטען פון איהר לעבען—וואו איז ער?

זי איז פאַמעלעך און קאָקעטיש געגאַנגען איבער׳ן הויף, ער האָט זי באַמערקט און האָט זיך אויפגעהויבען. דוכט זיך, ער איז פאַרטיג געווען אַראָבשפּרינגען צו איהר. איז זי אָבער אַנטלאָפען—די שעמעֶנדיגע—גלייך ווי זי וואָלט זיך דערשראָקען פאַר איהם.

— מיאַאו... מיאַאו... האָט ער ווידער גערופען. פרעהליכער... לעבעדיגער... זיכערער.

— מיאַאו... און זי איז ווידער געקומען—זי איז געגאַנגען צו איהם...

— איז עס טאַקי דער אייגענער... דער זעלבער?.. דער וואָס פאַראַיאָהרען? האָט זיך מיר אַלץ געוואָלט וויסען

— יאָ, יאָ... דוכט זיך מיר אויס.

— חי... חי... יענער איז געווען אַ גרויער און דער איז אַ שוואַרצער—רייצט זיך מיט מיר אימיצער, און שלאָגט מיר איבער דעם רעיון.

— אָבער... ביי דעם, פונקט ווי ביי יענעם, בלישצען די גרויסע געלע אויגען מיט דעם אייגענעם פייער... מיט דער איי־גענער שעפּפונגס־קראַפט..."

* * *

און אויף די ווערטער האָט זיך אבגעשטעלט זיין פּען. אין דעם מאָמענט האָט איהם זיין פרוי אַרומגענומען און האָט איהם געוויגט און געקושט.

— קום שוין, קום... לאָז די אַרבייט. רוה זיך אָב... דו וועסט זי מארגען ענדיגען. קום, און איך וועל דיר דערציילען ווי שיין, ווי זיס ער האָט געזונגען אין פּאַגליאַציאָ... אַך, טייערער, ער איז דער גרעסטער טענאָר אין דער גאַנצער וועלט.

איהר מאַן איז נאָך אַלין געלעגען איינגעצויגען אויף זיין שטוהל, זיינע הענד אַרום איהר האַלז, זיין פּנים צוגעטולעט צו איהר, די אויגען פאַרמאַכט. עפּעס איז ער געווען אין אַ מין הי־נערפּלעט. אין נירוואַנישער רוהע—צווישען דער פערגליווערטער בעגייסטערונג פון זיין קונסט, און וועלכער ער האָט אַ מינוט צוריק געשוועבט און די נאָך ניט אויפגעמונטערטע געפיהלען פון ליבע און לעבען, צו וועלכע עס האָט איהם גערייצט דער דופטענדער געשמאַק פון איהר קערפער.

— נו, קום שוין—האָט זי איהם ווידער אַ מונטער געטהון און האָט ווידער געקושט זיין פּנים. ער האָט געעפענט די אויגען

און זיין קערפער האָט א ציטער געטהון. ער האָט פריי געמאַכט איין האַנט און האָט זיך קונציג אַרויסגעהויבען פון דעם שטוהל. ער האָט זי אַרומגענומען, געדריקט צו זיך און ליידענשאַפטליך געקושט.

און זי האָט איהם פון דער אָפּערא דערציילט.

— אָה, זיין זינגען, זיין זינגען קען משוגע מאַכען, — האָט זי דערציילט מיט ענטציקונג.

— די אַריע פון פּאַגליאַציאָ איז פּשוט הימעלישע מוזיק. זי אָטעמט מיט ליבע, מיט ברענענדיגע ליבע. זיין קערפער האָט ווידער געציטערט. ער האָט זי שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און האָט געפיהלט די ווייכקייט און וואַרעמקייט פון איהר קערפער.

„דאָס אייגענע פייער... די אייגענע שעפּפערישע קראַפט!..“

איז דורכגעפלויגען ביי איהם אין די געדאַנקען און ער האָט זיך גאָר ניט געכאַפּט צו וואָס עס פּאַסט זיך...

— און, אַז ער צעוויינט זיך, האָט זי וויטער דערציילט, אַז ער צעוויינט זיך, זינגענדיג די אַריע אין פּאַגליאַציאָ, וויזט זיך אוים, אַז יעדער קלאַנג, יעדער נאָטע איז אַ הייסע, אַ זודיגע טרער... אַ ליעבעס־טרער...— און זי האָט איהם נאָך אַ מאָל געהאַלזט און גע־קושט. ער זי אויך: שטאַרקע, הייסע קושען... אין זיינע טיפע, טרויעריגע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ משונה׳דיג פייערעל. זי האָט פאַרצויגען דעם לאָמפּ. אַ קליינער טונקעלער פלאַם איז גע־בליבען צאַנקען. ער איז אַלץ קלענער און קלענער געוואָרען.

ביידע, זי מיט איהר האַנט אַרום זיין נאַקען, ער מיט זיין האַנט אַרום איהר קערפער, זענען פאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען פון דעם אַרבייטס־טיש און צווי מענשליכע שאָטענס צוגעטולעט איינס צום אַנדערען האָבען זיך ביסלעכווייז אויסגעשפּרייט איבער דעם

באָדען. זיי זענען געוואַקסען לענגער און לענגער; זיי זענען געוואָרען טונקעלער און טונקעלער, און האָבען זיך שנעל בעוועגט פאָראויס, פאָראויס. זיי האָבען נאָכגעיאָגט די צוויי ליבענדע, פונקט ווי זיי וואָלטען געוואָלט זיי אונטערהיילען גיכער צו געהען אַברוהען.

גערעטעט

I.

— דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל, מאַדאַם; די איינ=און=איינציגע מעגליכקייט. — און דער דאָקטאָר האָט אָבגעהאַקט זיינע רייד. ער האָט אנגעבויגען דעם קאָפּ, צענויפגעקנייטשט דעם שטערען און האָט איבער די ריימען פון זיינע ברילען געקוקט אויף דער יונגער פרוי. זיין שיינע גראָע באָרד האָט בעדעקט זיין ברוסט.

— אין וואָס=שזע איז די מניעה, דאָקטאָר? אויף וואָס וואַרט איהר דען? פאַר וואָס איילט איהר זיך ניט? גאָט, גאָט מיינער! — האָט די יונגע פרוי אין פערצווייפלונג אויסגעשריען. אַ פּאָר מינוט האָבען זיי ביידע געשוויגען.

— דאָקטאָר — האָט זי ווידער אנגעהויבען — איך בין ענטשלאָסען. טוהט וואָס איהר ווילט. אָבער ווילט ניט, רעטעט מיין קינד — האָט זי פעסט אויסגערעדט.

— איך בעט אייך, דאָקטאָר, שטעלט זיך ניט אָב פאַר קיין זאַך און רעטעט מיר מיין קינד — האָט זי שוין ווייכער, דורך

טרערען געבעטען. דער דאָקטאָר האָט פאַרוואונדערט אנגעקיקט די בלייכע יונגע מוטער. פון אויפרעגונג האָבען זיך אויף איהרע בלאַסע באַקען צוויי גרויסע רויטע פלעקען בעוויזען און די טיפע איינגעפאַלענע אויגען, פון די ניטדערשלאָפענע נעכט, האָבען מיט האָפנונג געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר.

— טאָר איך עס אָבער טוהן? — האָט ער רעדענדיג צו איהר אַזוי וויא זיך געיישובט מיט זיך אַליין. — מאַדאַם, טאָהרען מיר עס טוהן? — און זיין פנים איז געוואָרען שטרענג און ערענסט.

— טאָהר איך איינשטעלען אייער לעבען, אייער געזונד צוליעב א פראָבע, אַפילו ווען אַ קאָנסיליאום פון די בעסטע דאָקטוירים האָט בעשלאָסען אַז דאָס איז דאָס איינציגע מעגליכע מיטעל? — האָט ער ערענסט גערעדט צו איהר. — מען דאַרף זיך גוט איבער־לעגען... די פּראָבע קען זיך ניט איינגעבען... אַלעס קען זיין אומזיסט... האָט ער אין האַלבע פראַזען געענדיגט.

אַ מינוט איז די יונגע מוטער געשטאַנען אין פערצווייפלונג.

— אָבער, דאָקטאָר — איז זי באַלד ווידער צו זיך געקומען, — העהר דאָקטאָר, איצט איז ניט די צייט פון איבערלעגונג. מיין קינד איז אין אַ שרעקליכער סכנה און זי איז מיין לעבען, מיין חיות, מיין איין אויג אין קאָפּ... וועה איז מיר, דאָקטאָר, זאָל זי חלילה שטאַרבען — און זי האָט פאַרבראָכען איהרע הענט אין שרעק — שטאַרב איך מיט איהר. איך וועל עס ניט איבערלעבען, דאָקטאָר. און אויב איך זאָל עס איבערלעבען — וועל איך אַ לעבע־דיגער מת זיין... איך מוז זי רעטען, איך וועל זי רעטען, מעג עס מיך אַפילו מיין לעבען קאָסטען. צו ליעב איהר... צו ליעב מיר, דאָקטאָר, יאָ, צו ליעב מיר אַליין... — און זי האָט זיך אויסגעצויגען אין דער הייך אין איהר גאַנצער לענג. איהרע באַקען

האָבען געפלאָכטען און אַ מאָדנע פּייערל האָט געפינקעלט אין איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען, אַ פּייערל וואָס מען זעהט נור אין די אויגען פון אַ חיה, בשעה מען וויל ביי איהר רויבען איהרע קינדערלעך.

— נו, גוט, גוט...—האָט דער דאָקטאָר איבערגעביטען זיין האַלטונג, געריהרט פון איהר מעכטיגער ענטשלאָסענהייט. — אויב אייער מאַן וועט צושטימען — האָט ער נאָך געפּרופט לייגען אַ שטיין אין וועג—דאַן... יאָ, דאַן וועל איך טהון אַלעס מעגליכעס צו רעטען אייער קינד.

— איך דאַרף ניט די צושטימונג פון מיין מאַן, דאָקטאָר, איבער מיין קערפּער בין איך מיין הער. און אויב מען דאַרף — וועט ער צושטימען. אין דעם וועט קיין מניעה ניט זיין... אָבער אויף ווען לייגט איהר עס אָב? פאַר וואָס פאַרלירט איהר די טייערע מינוטען? איהר זאָגט דאָך אַליין אַז פון דעם הענגט אָב דאָס לעבען פון מיין קינד. דאָקטאָר איך וויל זי רעטען... איך מוז זי רעטען...— און זי האָט מיט אויגען פול מיט ליעבע און מיט טרערען געקוקט אויף איהר קראַנק טעכטעריל וואָס איז וויא אַ מת געלעגען אויף איהר בעטעל.

— איצט איז זאָ־ווי־זאָ אונמעגליך. עס איז צו שפּעט, ביינאַכט. אין דער פריה; דאָס ערשטע מאָרגען פריה—האָט דער דאָקטאָר אונרוהיג פערזיכערט און האָט זיך געזעגענט אַוועקצוגעהען. די אונגליקליכע מוטער האָט איהם בעגלייט ביז צו דער טיהר און האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר קינד, צו וואַרטען צווישען האָפענונג און פערצווייפלונג ביז אין דער פריהע.

* * *

עס איז געווען שטיל אין צימער. א שווערע, מורא׳דיגע שטילקייט. די שטונדען האָבען זיך נאָך האַלבער נאַכט געצויגען אַזוי פּאַמעלאַך, אַזוי לאַנגזאַם פּאַמעלאַך, פּונקט וויא זיי וואָלטען געווען די אייביגקייט אַליין. דאָס קינד איז געלעגען אויפ׳ן בעט, בלייך וויא דער טויט, אָהן דער מינדעסטער בעוועגונג, דאָס קעפּעל איינגעהילט אין אַ ריימעל פון גילדערנע האָר. דאָס בלאַסע פּנים, אָהן אַ טראָפּען בלוט, האָט צוגעגעבען אַ טויטליך־מאַטען שיין צו דער טונקעלע־ בעלייכטונג פון דעם צימער. די יונגע מוטער איז געזעסען אויף אַ נידעריג בייגקעל ביים בעט און האָט אין איהר האַנט געהאַלטען דאָס קליינע הענטעלע פון איהר קינד. די שטונדען האָבען זיך געצויגען און די מידיגקייט האָט בעוועלטיגט די אָרעמע מוטער. זי האָט אנגעבויגען איהר קאָפּ און איהר קערפּער איבער׳ן בעט נעבען איהר קינד און האָט ניט אויסגע־האַלטען... זי איז פּאַמעלאַך איינגעשלאָפען... און די שטונדען האָבען זיך געצויגען או געצויגען. דאָס קינד איז טיפער און טיפער געזונקען וויא אין אַ שטילען רוהיגען שלאָף.

עס איז אָקאָרשט טאָג געוואָרען. די ע׳רשטע בלויע פאַסען ליכט פון דעם פריה־מאָרגען האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך דעם פענסטער אויף מזרח־זייט, און דאָס קליינע בלאַסע פּנים׳על פון דעם קראַנקען קינד איז ערדיש־טונקעל געווען. דאָס אַטעמען האָט כמעט וויא אויפגעהערט. נור דאָס קינדערשע האַרץ האָט נאָך קוים־קוים געקלאַפּט צום טאַקט פון לעבען.

עס איז געווען שטיל און טונקעל און מורא׳דיג.

אין צימער איז די לופט וויא אַ דיקער נעבעל געשטאַנען, אין דיקען נעבעל האָט זיך אייף גרויסע שוואַרצע פליגלען אַ ריזיגע פיגור פון הוילע ביינער געטראָגען. אַ ריזיגע אין אַ מאוסע; מיט

אַ גרויסען נאַקעטען שאַרבען פאַר אַ קאָפּ. פון די טיפע, גרויסע אויגען־לעכער אין דעם שאַרבען האָט די פינסטערניש פון דעם קבר מיט שרעק ארוים געקוקט. די איינגעפאַלענע לעכעריגע נאָז האָט אומעדום דעם גערוך פון מתים געזוכט, און די שצאַרע רייהע פון גרויסע פאַרבלוטיגטע ציין האָבען וויא געשמייכעלט מיט נצחון. דער שוואַרצער ריעז האָט געשוועבט און פאַרשפּרייט זיך אין דעם נעבעל. זיין לאַנגע ביינערנע האַנט האָט זיך געשטרעקט נעהענטער און נעהענטער צום קינד. דאָס האַרץ האָט ער געוואָלט... דאָס קינדערשע האַרץ... און טויט שרעק האָט אין צימער געהערשט; אַ טויט שרעק פאַר'ן טויט... ניט קיין אומבעקאַנטער צווישען מענשען איז דער ריעז געווען. עס איז געווען דער מיליאָנען יאָהריגער צווילינג ברודער פון דעם לעבען — עס איז געווען דער טויט. און ער האָט געשוועבט אינדערלופטען און ער איז נעהענטער און נעהענטער געקומען צום קינד.

אויף דער מוטער האָט ער קיין שליטה ניט געהאַט, ווייל ער געוועלטיגט נור דאָרט וואו דאָס לעבען ווערט קאַליע, וואו עס צאַנקט... וואו עס געהט אוים... און די העסליכע ביינערנע האַנט פון דעם שוועבענדען ריעז האָט זיך געטראָגען איבער דעם אנגעלעהגטען קערפער פון דער מוטער און האָט זי ניט אנגע־רירט. דער ריעז האָט זיך מורא'דיג אויסגעצויגען איבער איהר צום קינד„.. צום קינד... אָבער ער האָט זיך אין עפּעס פאַרטשעפּעט און איז הענגען געבליבען אין דער לופטען.

די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדיגער זון האָבען זיך דורכגעשלאָגען דורך דעם מזרח־פענסטער, עס איז ליכטיגער געוואָרען. דער נעבעל אין דעם צימער איז דינער און דינער געוואָרען„

פון די אָקסעל פון דער שלאָפענדיגער מוטער האָט זיך וויא אַ בלישצענדיגע זון אַ שרעטעלע אויפגעהויבען — אַ גנאָם. אין דער צעבראָכענער שאָלעכטס פון אַ שטראָוס־איי איז אַ מיליאָנען יאָהריג שרעטעלע — אין אייביג בליהענדער יוגענד — געשטאַנען. פון זיין קאָפּ האָבען, וויא אויסגעקעמטע ליאַנגע פעדער, די דינגע גאָלדענע האָר וויא גאַנצע סנאָפּעס זונען שטראַהלען געלויכטען. זיינע קליינע לעבעדיגע אויגען האָבען וויא פרישע קוואַלען געפינ־קעלט און אין זיי האָט זיך געשפּילט און אָבגעשפּיגעלט אַ מלאך'על — אַ קופּיד, וואָס האָט פון זיין פיילענבויגען ליעבע אין האָפענונג געשאָסען. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט זיך וויא דער שלייאַך פון דער אייביגקייט אין דעם רוים געצויגען, און דורך איהר, אויף די לאַנגע ווייסע האָריגע פעדים, האָבען פון זיין קליין צאַפּעלדיג האַרץ בוואַליעם פון לעבען געפלאָסען און זיי האָבען זיך געשלענגעלט און געצויגען אין דער אייביגקייט, און יעדער אָטעם זיינער, יעדע בעוועגונג האָט עפּעס לעבעדיגעס געשאַפען. זיין ווייך, פוכלע שטראַהלענדיג פנים האָט פרייד געבראַכט און זיין נשמה איז געגום געווען. מיט אידום זיינען אין צימער געקומען ליכט און האָפענונג — דאָס לעבען איז געקומען. ער האָט עס דעם העסליכען ריעז דעם וועג פאַרשטעלט...

איבער דעם קראַנקען, בלאַסען קינד און דער שלאָפענדיגער מוטער האָט ער זיינע קליינע שעפּעריש'ע הענט אויסגעשטרעקט און האָט מורמלענדיג, וויא אַ פליסענדער שטראָם געשעפּצעט אין דער לופט.

— וואָרט, ברודער, וואָרט... פריהער אָדער שפּעטער וועסטו גובר זיין... איינציגוויים, אַלע... אָבער אין גרויסען גאַנצען — די וועלט, זיי מוחל, זי געהערט מיר — דעם לעבען.

דאָ אָבער, דאָ... וואַרט, וואַרט אַביסעל... און די שטראַהלען פון דער זון האָבען בעלויכטען דאָס צימער פון מזרח־זייט, עס איז העלער, ליכטיגער און וואַרעמער געוואָרען. דער נעבעל אין דער לופט איז פערשווונדען... עס איז שוין טאָג געוואָרען.

* * *

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען אויף אַן׳אָפּעראַטיאָן טיש צוויי פּאַציענטען געלעגען.ביידע האָבען שווער געאַטעמט אונטער אַ שלאָף־טרונק. דאָס זיינען געווען די מוטער מיט איהר קינד.

די מוטער האָט וויא אין אַ טיפען שלאָף שטאַרק און שווער געשנאָרכעט. דאָס קינד האָט שוואַך געצויגען דעם אָטעם. זיי ביידע האָט פעראייניגט נור אַ קליינע רעהר וואָס האָט זיך געצויגען פון אַן׳אָדער פון דער מוטער צו אַן׳אָדער פון דעם קינד. מיט יעדען פּולסירענדען קלאַפּ פון דער מוטערס האַרץ האָט זיך דאָס רעהרעל אַ הויב געטהון און האָט איבער געטראָגען אַ קליינע כוואַליע פון איהר וואַרעם לעבעדיג בלוט — פון איהר לעבענס־זאַפט — אין דעם קראַנקען קערפּער פון איהר טאָכטער׳ל. און די קינדערשע אָדערלאַך זיינען מיט יעדער כוואַליע פון בלוט אויפגעשוואָלען, און דאָס בלוט האָט זיך אין זיי כוואַליעס ווייז געטראָגען צום קליינעם הערצעלע. פון דאָרט האָט דאָס קינדערשע האַרץ צעטראָגען פרישען לעבענס־זאַפט איבער דעם גאַנצען אָבגעשוואַכטען קערפּעריל. די דאָקטוירים זיינען געשטאַנען אַרום די קראַנקע אין זייערע לאַנגע קיטלען און האָבען מיט מורא און מיט האָפענונג געהיט די ביידע הערצער. געהיט און געציילט די פּולסען. און זייערע פּנים׳ער האָבען געשטראַהלען מיט פרייד, ווען זיי האָבען באַמערקט, אַז דאָס מוטער־האַרץ שיקט בלוט און לעבען דעם

קינדער=האַרץ... און דאָס קינדער הערצעלע האָט זיך געצאַפּעלט און געקלאַפּט צום טאַקט. אין די אָדערלעך האָט זיך שטאַרקער און שטאַרקער געהערט דער פּולס, און די בעקעלעך האָבען זיך געפאַרבט מיט בלוט און מיט לעבען.

די דאָקטוירים זיינען גליקליך געווען. אַפּילו די דערבאַרמונגס=שוועסטער, מיט די קלאָהרע ווייסע שירצען און קיסייענע טשעפּ=טשיקעס אויפ'ן קאָפּ, זיינען אַרום געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און האָבען זיך פאַרוואונדערט געשושקעט.

— געֿרעטעט, געֿרעטעט... האָט איינע דער אַנדערער אויפ'ן אויער דערציילט.

— יאָ, יאָ, גערעטעט האָט די אנדערע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט פרייד. און אַלע האָבען מסכּים געווען אַז דאָס קען נור אַ מוטער... אַ ליבענדע מוטער... די דאָקטוירים האָבען זיך גע=פרייט. געשפּאַסט צוביסלעך און געפרייט זיך. זיי האָבען געוואו=נען—די מעדיצין האָט טריאומפירט.

ביידע פּאַציענטען זיינען צו זיך געקומען. דאָס קינד האָט געעפענט די אויגעלעך און האָט ווידער געקוקט אויף גאָטס שיינער וועלט.

— מאַ-מע—האָט זי מיט אַ שוואַך קולי'כעל גערופען. די מוטער האָט איהר צום צווייטען מאָל לעבען געגעבען.

די מוטער איז אויך צו זיך געקומען. זי האָט פּאַמעלעך גע=עפענט די אויגען און האָט זיך וויא אַ שכּור'ע אַרומגעקוקט.

— וואו בין איך? —האָט זי געפרעגט. און ווען זי האָט אַן ענטפער געקריגען איז איהר אַלעס קלאָהר אויפ'ן זכּרון געקומען, און זי האָט זיך פּאַמעלאַך אַרומגעקוקט.

— וואו איז מיין קינד?—האָט זי געפרעגט. מען האָט איהר געוויזען איהר קינד.

— איהר האָט אייער קינדס לעבען געראטעט... העלדיש בראַוו—האָט דער דאָקטאָר לוסטיג געזאָגט. זי האָט איהם אַמינוט אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען און האָט זיי ווידער צוגעמאַכט אויף אַ ווייל‌ע גלייך ווי זי וואָלט זיך געקליבען ווידער איינצושלאָפען. און זי האָט מיעד אָבער גליקליך איבער גליקליך געשמייכעלט...

און גליקליך איז זי געווען. איהר קינד איז געווען געראטעט...

דאָס לעבען האָט געזיגט...

II.

די אַלטעצקע האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבען אויף איהר געלעגער. יעדער בעוועגונג פון איהר קערפּער האָט איהר שרעקליך וועה געטהון. מיט גרויס מיהע האָט זי זיך ארויפגערוקט אויף איהר בעט האָט זיך איינגעמאָסטעט, האַלב זיצענדיג, האַלב ליגענדיג, ביים טיש וואָס איז געשטאַנען ביי איהר צוקאָפּענס. עטליכע מינוטען האָט זי אָבגערוהט. מיט יעדען אָטעם־צוג האָט זיך איהר אַלט געקנייטשט פּנים געביטען און פאַרקרימט. קענטיג איז געווען אַז זי האָט שרעקליך געליטען.

זי האָט אויסגעשטרעקט איהר דאַרע האַנט איבער׳ן טיש און האָט צוגעשלעפּט צו זיך אַן אַלט צעריסען ספר׳ל. זי האָט עס אויפגעמאַכט און האָט מיט איהרע אויסגעלאָשענע אויגען געזוכט אויף דעם טיש איהרע אַלטע ברילען; זי האָט זיי געפונען. מיט

ציטערדיגע הענט האָט זי זיי פֿאַמעלעך אנגעטהון, פריהער איין האָלאָבלע, דערנאָך די אַנדערע און האָט שטיל געקוקט אין ספר׳ל. מיט אַ מאָל האָט זי אַפיהר געטהון איהרע דאַרע פינגער איבער איהרע ליפען און האָט גיך אַמיש געטהון די בלעטלעך און האָט ווידער אַוויילע שטיל געקוקט אין ספריל. אַ טיפער שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר קראַנקער ברוסט.

עס איז געווען רוהיג, שטיל אין צימער. די אַלטע האָט זיך איבערגעבויגען איבער׳ן ספר. האָט אנגעשפאַרט איהר עלענ־בויגען אין דעם קישען און האָט אַרויפגעלייגט איהר שוואַכען קאָפּ אויף דער אָפענער האַנט און מיט דעם אַלטען וויינענדיגען נגון האָט זי אונגעהוי ן אין דער שטיל.

— למנצח בנגינות על השמינית מזמור לדוד... און איהרע גרויסע שטאַרע אויגען זיינען פאַרזאָטען געוואָרען מיט טרערען.

— אדני — האָט זי אַביסעלע העכער אויסגערופען — אל באפך תוכיחנו — גאָטוניו, האָט זי טרויעריג פאַרטייטשט די ווערטער, רבונו של עולם, טוה מיך ניט אַוועק שטויסען פון דיר אין דיין צאָר׳ן — ואל בחמתך תיסרני — און טוה מיך ניט שטראָפען אין דיין גרימצאָר׳ן. — חנני אדני — דערבאַרעם זיך אויף מיר, פאָטער באַרעמהערציגער — כי אמלל אני — וואַרום איך בין אַזוי קראַנק; — רפאני אדני — טוהע מיך היילען, רבונו של עולם, האָט זי וויינענדיג געזונגען אויף אַ קול — אָדער נעם מיך צו דיר, האָט זי מיט טיפער כונה געבעטען דורך טרערען; — כי נבהלו עצמי — ווייל אַלע מיינע גלידער זיינען געשטרויכעלט "און איך קען שוין ניט אויסהאַלטען מעהר, פאָטער באַרעמהערציגער אין הימעל" —

האָט זי פון זיך צוגעלייגט. און פונקט וויא זי וואָלט פאַרגעסען אין דעם טרויער פון דוד'ם הייליג לידעלע איהרע אייגענע וועהטאָגען, און זיי וואָלטען גרינגער געוואָרען פון דעם טרערען אויסגוס פון איהר נשמה, האָט זי שוין הויך אויף אַ קול געזונגען און פאַרטייטשט די פסוקים פון דעם תהלים.

— ונפשי נבהלה מאד — און מיין זעל טוהט אַזוי געשטרויבעלט — ואתה — און דו — אדני — גאָטוניו — עד מתי — ביז וואַנען? ביז וואָנען וועסטו זיך טהון דערוויטערען פון מיר?...

שטיל איז געווען אין צימער. אַ שווערע שטילקייט, נור אונטערבראָכען פון איהר הויך, הילכיג געזאַנג און איהר גרויסען טרויער.

איהר טאָכטער איז געזעסען פון דערוויטענס, צוריק געלעהנט אויפ'ן שטוהל; די הענט פאַרלייגט אונטער'ן קאָפּ און האָט געקוקט אויף דעם טרויעריגען בילד. שווערע, שרעקליכע געדאַנקען האָבען בעלאַגערט איהר פאַרשטאַנד. אַ טיפער שמערץ האָט געפרעסט איהר נשמה. זי אויך האָט זיך געפרעגט די שרעקליכע קשיא — עד מתי? ביז וואַנען? ביז וואַנען וועט די אונגליקליכע ליידען און איבערטראָגען איהרע וועהטאָגען: ביז וואַנען וועט זי רופען דעם טויט — איהר דערלייזער — און ער וועט ניט קומען... ביז וואַנען וועט די אַלטע ליידענדע מוטער זיין אַ לאַסט פאַר זיך אַליין... פאַר איהר... פאַר אַלעמען. ביז וואַנען? עטוואָס שרעקליכס האָט געקעמפפט און געראַנגעלט זיך אין איהר זעלע, עפּעס האָט זיך געריסען פון איהר נשמה... עפּעס... צו העלפען איהר. וואָס אין דער וועלט, דוכט זיך, וואָלט זי ניט געטהון גרינגער צו מאַכען איהרע גרויסע ליידען; צוגעמען זיי ביי איהר,

רעטען זי... אָבער, זי ווייסט, נור איין זאַך קען איהר העלפען...
קען רעטען זי... און...

— אַך!.. וויא עס האָט געשטורעמט און געקעפפט אין איהר נשמה...

עטליכע טריט ווייטער איז געשטאַנען דער קליינער דוד'ל— איהר זוהנעלע — דער אַלטערס איינעקעל און האָט פארגאַפפט גע־קוקט אויף דער אַלטער. מיט קינדערישער נייגיהר האָט ער זיך צוגעהערט צו איהר געבעט, און מיט זיינע קליינע לייכטענדיגע אויגעלעך האָט ער נאָכגעקוקט נאָך די רינענדיגע שטראָמען פון טרערען אויף איהר צעקנייטשטע פּנים.

— שיבה אדני—טוה זיך אומקערען צו מיר, גאָטוניו, האָט זי מיט אַ פערוועהטאָגטע התלהבות געשריגען און געבעטען; — חלצה נפשי — טוה אַרויסציהען מיין זעל; — הושיעני למען חסדך — טוה מיך ראַטעווען, באַרעמהערציגער פאָטער, פון דיין חסד וועגען; — כי אין במות זכרך — וואָרום ווער קען דיר טהון געדענקען נאָכ'ן טויט; — בשאול מי יודה לך — און ווער קען דיר טהון קענען אין קאַלטען קבר. „גאָטוניו„! האָט זי געשריגען;

יגעתי באנחתי — רבונו של עולם, איך בין מיעד פון מיינע קרעכצען;

— אשחה בכל לילה מטתי — איך טוהע מיט מיין געוויין נאַס מאַכען מיין לאַגער אַלע נאַכט — בדמעתי — און מיט מיינע טרערען — ערשי אמסה — טוה איך בעגיסען מיין געלענער.. האָט זי הויך געשריגען און געזונגען. און די אַלטע שטימע האָט ציטעריג געקלונגען און געהילכט אין דער שטילקייט פון דעם צימער און טייכען טרערען האָבען זיך געגאָסען פון די אַלטע אויגען אַזוי וויא פון נייע געעפענטע קוואַלען. דער אַלטער שוואַבער קאָפּ איז

צוגעפאַלען צום תהלים און אַ הויכער געוויין האָט זיך געהערט אין שטילען צימער.

דודיל איז מיט שרעק צוגעגאַנגען צו דער אַלטער.

— באָבוסע—האָט ער אויסגערופען און האָט אַרויפגעלייגט זיין הענטעלע אויף איהר אנגעלעהנטען קאָפּ. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דורך איהרע טרערען געקוקט אויפ'ן קינד. דאָס קינד האָט מיט זיין פולע הענטעלע געגלעט איהר נאַסע באַק.

— באָבוסע, האָט ער געפרעגט, וואָס שרייסטו אזוי... וואָס וויינסטו, באָבוסע? ס'טוהט דיר וועה? די אַלטע האָט איהם אָנגעקוקט. דורך איהרע שמערצען און טרערען האָט זיך דורכגעריסען אַ וואַרעמער נשמה שטראַהל און זי האָט ליבליך געקוקט אויף איהר אייניקעל.

— יאָ, מיין קינד, עס טהוט מיר זעהער וועה, זעהער וועהע... איך שריי און בעט, מיין קינד, ביי גאָט ער זאָל מיר שיקען דעם טויט. איך קען שוין די וועהטאָגען ניט איבערטראָגען... איך וויל בעסער שטאַרבען. דאָס קינד האָט אַ ווײלע אָנגעקוקט די אַלטע. ער האָט זי ניט מיט אַ מאָל פאַרשטאַנען.

— באָבוסע, ווילסט שטאַרבען? האָט ער געפרעגט און האָט אַ ציטער געטאָהן.

— איך האָב מורא. באָבוסע, שטאַרב ניט, איך וועל וויינען.

— ניין, קינדוניו. נאָך וואָס זאָלסטו וויינען? האָט זי געפרעגט, און אַ טרויעריגע שמערצהאַפטע מינע האָט צונויפגעקנייטשט איהר פנים.

— נאָך מיר וועט קיינער ניט וויינען, קיינער וועט ניט

קלאָגען נאָך מיר... איך וועל קיינעם ניט אָבגעהען... איך האָב שוין יעדען זיך צוגעגעסען... זעהסטו, מיין קינד, איך בין טויט קראַנק. אָט דאָ טאַטשעט מיך אַ וואָרעם, אַ וועהטאָג — אַ שרעקליכער ראַק עסט מיך לעבעדיגערהייד... די דאָקטוירים זאָגען אַז איך מוז שטאַרבען, איך קען ניט מעהר לעבען... אָבער אַלץ איז ביי גאָט אין די הענט. ווען איך און קלאָג און בעט און שריי אַ דער באַרעמהערציגער פאָטער אין הימעל זאָל דערהערען מיינע קולות, מיין געבעט, און זאָל זיך דערבאַרעמען איבער מיר... ער זאָל מיך נעמען צו זיך... אָדער... שיקען מיר אַ רפואה שלמה— די אַלטע האָט זיך אָבגעשטעלט. זי וואָלט נאָך געוואָלט ריידען. זי האָט געפילט אַז ער איז דער איינציגער, פאַר וועמען זי קען אויסריידען איהר פאַרוועהטאָגט האַרץ, אויסגיסען איהר פאַרביטערטע נשמה. אָבער אַ שרעקליכער שמערץ האָט פאַרענדערט איהר געל-גרוי פנים... דאָס קינד האָט זיך דערשראָקען פאַר דער אַלטער און האָט מיט מורא אָבגעטראָטען צו זיין מוטער. צו איהר האָט ער זיך מיט שרעק צוגעטולעט און האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט וויא פון אַן אונרוהיגען שלאָף און האָט איהם מיט אַ ווילדען אימפּעט אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט צו זיך זיין קליין קערפּערל. זי האָט איהם באַדעקט מיט קושען און האָט איהם אַוועקגעשיקט צום פענסטער זיך שפּילען... ער איז אַוועקגעגאַנגען. זי איז אויפגעשטאַנרן פון איהר שטוהל, האָט זיך אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג פון איהר שטאַרק-געבויטען קערפּער און האָט געקוקט אויף דער אַלטער, וועלכע האָט זיך פון איהרע וועהטאָגען אינדרייען געדרייט אויף איהר געלעגער.

אַ מינוט איז זי געשטאַנען רוהיג. די פעסטע שטריכען פון

איהר לענגליך פּנים האָבען אַ ווײלע נערוועז געצוקט און זײנען פלוצלונג פאַרשטײנערט געוואָרען אין אַ שרעקליכען אויסדריק פון מאַכט און ענטשלאָסענהייט.

— אָה! נור איין איינציגע מינוט פון מוטה און איך וואָלט זי בעפרייט פון איהרע לײדען —, האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט. — צוליעב איהר... צוליעב מיר... און אין איהרע אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ מאָדנע פייערל, אַ שרעקלי-כעס, אַ ווילדע — אַזאַ וואָס מען זעהט נור אין די אויגען פון פאַרברעכער אָדער משוגעים... און דאָס פייערל האָט געפלאַ-קערט... ביסלעכווייז איז עס פאַרלאָרען געוואָרען אין דעם טונ-קעלען שאָטען וואָס האָט זיך אויסגעשפרייט אין צימער.

אין דרויסען איז נאַכט געוואָרען, די זון האָט זיך געזעצט. וואו-ניט-וואו האָבען זיך נאָך דורכגעשלאָגען די לעצטע שטראַה-לען פון דער פאַרגעהענדיגער זון דורך די ווייטע פענסטער פון מעריב-זייט, אָבער די שטראַהלען האָבען שוין ווענינ געלויכטען, עפּעס אַ שטאַרקע פינסטערניש האָט זיך אויסגעשפרייט אין דעם ווייטעסטען ווינקעל פון דעם צימער, עס איז טונקעלער און טונ-קעלער געוואָרען, זי האָט זיך מעהר און מעהר פאַרשפרייט.

— טאָכטער, האָט די אַלטע גערופען, — גיב מיר די רפואה. גיב מיר, טאָכטער, טאָמער וועט מיר עפּעס בעסער ווערען.

די טאָכטער איז צו דער קראַנקער מוטער געגאַנגען. דאָס ווילדע פייערל אין די אויגען האָט איהר דעם וועג בעלויכטען.

זי האָט דער מוטער די מעדיצין געגעבען. די אַלטע האָט

די מעדיצין געטרינקען . עס האָט איהר דעם אָטעם פאַרכאַפּט . . . עס האָט איהר די צונג פאַרברענט . . . דעם האַלז צונויפגעצויגען . . . זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגען, האָט זי אָבער ניט געקענט. זי האָט זיך נור געראַנגעלט און האָט מיט די הענט צום האַלז זיך געכאַפּט . . . די טאָכטער האָט אַ שוידער געטהון . זי האָט זיך צו דער מוטער אַלאָז געטהון . . . העלפען איהר . . . האָט זיך אָבער מיט שרעק אָבגעקערט . . . עס האָט זי געשווינדערט און זי האָט מיט די געשלאָסענע פינגער פון איהרע הענט די אויגען זיך פאַרשטעלט און האָט זיך אַ מינוט געשאָקעלט . . . אַלץ האָט אין אַ סעקונדע פּאַסירט , אָהן אַ שאָרך פון אַ געדאַנק אין איהר געהירן , אָהן אַ ריהר פון אַ געפיל אין איהר נשמה — דורך אַ געוואַלטיגער קראַפט . אַן אונערקלערליכע , און אונבעגרייפליכע .

און אין צימער איז טונקעלער און טונקעלער געוואָרען . שרעקליכער און שרעקליכער . . . די זון האָט זיך געזעצט . איהרע שטראַהלען האָבען זיך איינציגוויים אויסגעלאָשען . דוכט זיך , אַזוי וויא פון דער טאָכטערס אַקסלען האָט זיך אין דער מוראָ'דיגער דונקעלהייט אַ גרויסער מיעסער ריעז אויף שוואַרצע פליגלען אויפגעהויבען , מיט אַ נאַקעטען שאַרבען , מיט שוואַרצע קאַלטע קברים-אויגען , מיט אַ טויט בלאַסען שמייכעל פון נצחון אויף זיינע שצאַרע פאַרבלוטיגטע ציין האָט ער געשוועבט און געשוועבט אין דער לופט .

די אַלטע האָט זיך געראַנגעלט . איהרע ליפּען האָבען עפּעס געמורמעלט . זי האָט אַפנים געוואָלט וויסען צו איז עס די ריכטיגע רפואה געווען .

קיינער האָט איהר ניט געענטפערט .

מיט די צונויפגעליינטע הענט איבער די אויגען איז איהר טאָכטער וויא אַ שכּור'ע אַוועקגעגאַנגען פון דעם צימער. נור דער שוואַרצער ריעז האָט אין צימער איבער דער אַלטער געשוועבט. זיין שרעקליכע ביינערנע אויסגעשטרעקטע האַנט האָט איהר האַלז געזוכט, דעם אַלטען קראַנקען האַלז... און קיינער האָט ניט געשטערט.

פון דעם וויטעסטען פענסטער האָט זיך דער לעצטער אָבענד שטראַהל שוין אַרונטער געקאַטשעט. די זון איז פאַרגאַנגען, נור ווייט, ווייט האָט זיך נאָך וויא אַ ברעג פון אַ בלוטיגען ים אין פלאַמען געראָוויטעלט און געפלאַמט.

אין צימער איז שוין נאַכט געוועהן. אַ טויט שרעק האָט געהערשט.

עפעס האָט אַ שטאַרקען כאָרכעל געטהון. די שרעקליכע האַנט האָט דעם האַלז דערטאַפּט און דער אַלטער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהון.

די טאָכטער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר הינער פּלעט, און האָט מיט איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען געקוקט אין דעם ווינקעל וואו די אַלטע איז געלעגען. צוויי גלעזערנע אויגען האָבען זי אויך אָנגעקוקט. דאָס פאַרגליווערטע פּנים האָט ד׳כט זיך געשמייכעלט.

די טאָכטער האָט געציטערט און האָט בעהאַלטען איהר פּנים אין איהרע אָפענע הענט. אין דער פינסטערניש פאַר זיך האָט זי מחנות אויפגערייצטע מענשען געזעהען. מיט שטיי=

נער אין די הענט האָבען זיי זיך נאָך איהר נאָכגעיאָגט און האָבען איהר נאָכגעשריען.

— מוטער=מערדערין!.. מוטער=מערדערין!

אָבער די אַלטע איז רוהיג געלעגען אין איהר בעט. פריי פון איהרע שמערצען און וועהטאָגען... גערעטעט...

דער טויט האָט געזיגט!...

צווישען לעבען און אידעאל

(בילדער און בילדעלעך)

I.

דער מארק און דער פארק.

געשטאנען איז די אלטעצקע אין סאמע מיטען פון דעם אידישען מארק. אין די וואכעדיגע טעג פלעגט זי שטעהען אויף איהר פלאץ פון דעם גרויען פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט. אנגעטהון אין טראנטעס און אין שמאטעס; איינגעהויקערט און איינגעבויגען איבער א קורצען שטעקען איז זי געשטאנען נע-בען איהר קאשעקעל מיט דעם ארעמען ביסעל סחורה. דאס אלטע פארמעטענע פנים איז געוועזען טיעף געקנייטשט און געריג-צעלט. די דינע באקען איינגעפאלען. די בלויע ליפען איינגע-שרימפפען. די שפיציגע פאררויסענע מאָרדע בעוואקסען מיט

אַ גרויליכען מאַך. איהרע אַלטע אויגען האָבען געקוקט פון די טי־פע אויגענלעכער, און האָבען קוים-קוים געזעהען די ליכטיגע וועלט. איהר גרויער קאָפּ בעדעקט מיט אַ שוואַרץ־אָבגעריבען שטערען־טיכעל האָט זיך וויא אַ מאַיאַטניק געשאָקעלט פון אַלטקייט.

אין איהר אויסגעשטרעקטער האַנט האָט זי מיט די קרומע דאַרע פינגער געהאַלטען סאַמפּעלס פון איהר סחורה, און מיט אַ דינער ציטעריגער שטימע, אין וועלכער עס האָט זיך געהערט דער טיפער טרויער פון איהר נשמה, האָט זי פּאַמעלאַך אויסגעצויגען און אויסגעזונגען.

— ליכט... און מעט-שעם... מעעט-שעם און לי-כט...
צוויי—פאַר אַ-פע-ני... קויפט... ווייבער... צוויי-פּאַר-אַ-פּעני. —

„די באָבע" האָט מען זי אין מאַרק גערופען, ווייל אַלעס וואָס זי האָט געהאַט אין דער וועלט איז געוועזן אַן׳איינעקעל — אַ יתום׳ל פון אַ יאָהר זיבען. ער איז איהר געבליבען אַ טרויעריגע ירושה פון איהר איינציגער טאָכטער וואָס איז מיט אַ יאָהר דריי צוריק געשטאָרבען פון טשאַכאָטקע. שכנים און אַזוי גוטע לייט האָבען אַפילו דעמאָלט דער אַלטער אַן׳עצה געגעבען — זי זאָל אַוועק געבען דאָס יתום׳ל אין וויזען הויז אַריין.

— וויא אַזוי וועט איהר איהם דען דערנעהרען? — האָבען זיי מיט רחמנות געפרעגט.

— יאָ, וויא אַזוי? אָבער זי האָט ניט געקענט... איהר האַרץ האָט ניט דערלאָזט. זי האָט ניט געקענט פועלען ביי זיך אַוועקצוגעבען דאָס איינציגע וואָס איז איהר געבליבען אין לע־בען. און... פון דעמאָלט אָן שטייט זי אָט דאָ, אין מאַרק,

זומער און ווינטער, אין רעגען און שניי און רופט מיט איהר אַל־
טער פאַראומערטער שטימע.

— ליכט... און מעט-שעם... מעעט-שעם און ליכט...
צוויי-פאַר-אַ פע-עני... קויפט...ווייבער. — צוויי פאַר-אַ-
פ ע ע נ י.

* * *

עס איז געווען פרייטאָג פאַרנאַכט אין אַ שיינעם וואַרעמען זומער־טאָג. די גרויסע גליהענדיגע זון האָט זיך ווי אַ גאָלדענע טאַצע געגליטשט אין מעריב זייט איבער דעם האָריזאָנט פון דעם הימעל, און האָט געפינקעלט און געבלישצעט איבער אַ געגילטען צלם פון אַ הויכען קלויסטער. דער הימעל איז געווען לויטער קלאָהר. ערטערווייז ביים סאַמע האָריזאָנט זיינען אין דער לופט געהאַנגען גרויסע שנייענע בערג־וואָלקענס, און אונטער זיי האָט זיך וויא אַ זוים אַרום דער טונקעלער ערד געצויגען אַ ברייטער בלאָער פאַס. פון דרום זייט האָט זיך געטראָגען אַ קיהל ווינטעל וואָס האָט אָבגעפרישט די פאַרשוויצטע הענדלער און טענד־לער פון דעם מאַרק. אין מאַרק האָט געקאָכט און געזאָטען.

עס איז געווען ערב שבת. די גרויסע מאַסע קונים האָבען זיך געהיילט איינצוקויפען וואָס זיי האָבען בעדאַרפט, און גיך לוי־פען אַ היים.

זיי האָבען זיך געשטופט געשטויסען און געדריקט אין דער ענגשאַפט, און האָבען געפילדערט און געליאַרעמט. די וואָגענס אין די געדרענגטע גאַסען האָבען זיך קוים דורכגעשלאָגען אַ וועג, און די טרייבער האָבען גראָב געשאָלטען און געזידעלט דעם עולם פאַר

דער גרויסער ענגשאַפּט. הונדערטער פעדלערס שטעהענדיג ביי שטופּוועגעלעך, אָדער שטופּענדיג די וועגעלעך פאַראויס צווישען דער מאַסע איינקויפער, האָבען אויף אַ קול אויסגערופען די מעלות פון זייערע סחורות, און האָבען מיט ליאַרעם און געפילדער איינער דעם אַנדערען אַקאָמפּאַנירט און איבערגעשריגען.

— אָר-ענד-זשעים — האָט זיך געריסען אַ רויט אידעל מיט אַ דיקען קאַרק און אַ הייזעריגער שטימע, — קאַ—לי—פאָני... אָרענד-זשעים... דריי פאַר אַ ניקעל... דריי פאַר אַ ניקעל... דריי פאַר.. אַ-ני-י-קעל... האָט ער געשריגען און האָט צונויפגעלייגט זיינע רויטע און געלע מאַראַנצען אין צוויי גרויסע פּיראַמידען.

איהם האָט אַקקאָמפּאַנירט אַ דין, ווייך שטימעלע פון אַ גרין אינגעל:

— גריי-פּעס... גריי-פּעס... וויינ-טרויבען... האָט ער געקווישעט אויף אַ מיידעלש קול. ציימענווייז האָט זיי ביידע פאַרהילכט די בייזע שטימע פון אַן אַלטען גרויען אידען:

— רעטעכער... רעטעכער... רעטעכער — האָט ער אין אָטעם זיך געבייזערט. ער האָט מאָדנע גיך געווישט די וואָנצעס אַהין און אַהער מיט דער אויסערליכער זייט פון זיין האַנט און האָט ווייטער געדונערט. — רעטעכער... רעטעכער... רעטעכער... ביז דער אָטעם האָט געכאַפּט. אַביסעל ווייטער האָט אַ לאַנגער דאַרער איד מיט אַ געל פּנים און אַ בלאָנד שיטער בערדעל געשטופּט זיין וועגעלע פאַר זיך און האָט מיט אַ רחמנות-דיגען נגון געבעטען:

— טשיי-נע... פאַרצעליי אויף שבת... קויפט... קויפט אויף שבת... אַ טויט שרעק איז אין זיינע אויגען געווען. און

ניט אומזיסט: ער איז טאַקי ערשט קוים נצל געוואָרען פון דעם טויט. פון אונטער אַ גרויסען ביער=ברויערס וואָגען איז ער קוים אַלעבעדיגער אַרויסגעקראָכען.

דער טרייבער פון דעם וואָגען—אַ דיקער דייטש מיט צעשויבערטע וואָנצעס, מיט אַ פאַר׳שכּור׳ט פעט פּנים און רציחות׳דיגע אויגען האָט מיט זיינע אייזערנע הענט צוריק געהאַלטען די שטאַרקע פערד, כּדי דורכ=צולאָזען. דעם עלעקטרישען טראַמוויי אויף די רעלסען וואָס האָבען איבערגעשניטען זיין וועג. דער טראַמוויי האָט דערפאַר אָהן אַנ׳אויפהער געקלונגען מיט זיין גלאָק. דער דייטש האָט אין אַ סעקונדע פאַרשטאַנען די געפאַהר. ער האָט אָנגעשפּאַרט זיינע פיס אין דעם אונטערשטען אייזען פון זיין זיטץ, האָט מיט זיין גאַנצען כּח זיך צוריקגעלעהענט און אויסגעצויגען, און האָט מיט אַנ׳אייזערנער מאַכט צוריקגעצויגען די לייצעס.

— בעק... בעק... האָט ער געשריגען מיט אַ ווילדער רציחה אויף די פערד.

— פערדאַמט... צוריק... דאָנער וועטער... און איז פון כּעס רויט געוואָרען אין פּנים. די פערד האָבען נאָכגעגעבען. דערשראָקענע, האָבען זיי זיך געזעצט אויף די הינטערשטע פיס און האָבען אויפגעהויבען די פאָדערשטע אין דער לופטען. דער גרויסער ביער=וואָגען האָט צוריק געראָלט אין דער גאַס, און האָט הינטען אַרום שיער ניט צעקוועטשט דעם אָרימען פעדלער מיט זיין פאָרצעליי. דורך אַ נס האָט ער זיך אויסגעדרייט פון אַ זיכערען טויט, און אין טויט שרעק האָט ער עפּעס מיט אַזאַ רחמנות׳דיג קול געשריהען.

— טשיי-נע... פאַרצעליי... אויף שבת... קויפט...

קויפט אויף שבת... דער עלעקטרישער טראמוויי איז דורכגעלא־פען אין דעם געטומעל פון זיינע קלאנגען. פון אונטער זיינע רע־דער האט געקנאקט און געשאסען א בליטץ־שנעלע רייהע פון הילכיגע ראפפארטען. דאס האט עקספלאדירט א בינטעל פון רויטע פייער־ווערק פיסטאנען, וואס א קליין אינגעל האט צוליעב דעם קומענדיגען יום טוב פון דעם 4 טען יולי שוין איצט אונטער־געווארפען אונטער דעם וואגאן. דער וואגאן איז געלאפען איבער די רעלסען; דאס פייער־ווערק האט געקנאקט און געשאסען און דער עלעקטרישער וואגאן האט זיך געוויגט און געהוידעט אין א וואלקען פון רויך, פונקען און פלאמען... דאס אינגעל איז געשטאנען פון דערוויטענס, האט צוגעקוקט מיט די לעבעדיגע אויגעלעך און האט געקוואלען פון גרוים הנאה.

און דער טומעל האט זיך געטראגען אין גאס. אפטמאל האבען זיך פון דעם גערויש אויך אויסגעטיילט שארפע שטימען פון בייזע ווייבער, וואס האבען זיך געשאלטען ווי א מארק־סעדעבעס:

— מרשעת, רייס ניט פון די הענט — האט געשריהען א שטים.

— איך גיב דיר מיט'ן בינטעל איבער'ן קאפ — האט אנ'אנדערע געענטפערט.

— חוצפה — האט איינע געזידעלט.

— פגירה — האט א צווייטע אויסגעשפיגען מיט פערדרוס.

און דער חריין הענדלער, געבען וועמען זיי האבען זיך געקריגט, האט זיי אלע איבערגעשריגען מיט א נגון.

— צעכאפט זיי, ווייבערלעך, פרישינקע בינטלעך... חריין אויף שבת... אויף מיר אזא יאהר... חריין אויף שבת...

איהם אַנטקעגען, פֿון איבער דער גאַס, האָט געענטפֿערט די קלינגעדיגע שטימע פֿון אַ יונגען מאַן — האַלב יענקי, האַלב איד.

ער איז געשטאַנען אויפ׳ן עק גאַס. פֿון אַ רייזען־טאַש איבער׳ן אַקסעל האָט ער אויסגעטיילט שטיקלעך קיי־גומע און האָט געשריגען, געפּילדערט, גערופֿען קונים, געזונגען און געטאַנצט מיט אַ נאָכגעמאַכטע נעגערשע התלהבות.

— היי... האָט ער גערופֿען זינגענדיג.

„ווילט איהר עס... ביי׳עם (קויפֿט עס)
„ווילט איהר ניט... טריי׳עם (פּרובט עס)
„איך גיב עס פֿאַר נאַטהינג!...
„באָט, ווען יואָ טרייעם
„אַך, יואָ׳על בייעם
„היי, טרייעם, בייעם!...

און איינבויגענדיג דעם קאָפּ האָט ער אויפגעהויבען זיינע צושפּרייטע אויסגעבויגענע הענט אין דער הויך ביז די אַקסלען, און בעוועגענדיג דעם קערפּער אין שנעלע צוקונגען, האָט ער געטאַנצט מיט די טריט פֿון זיינע דינע פֿיס אין די לאַקירטע שיך, מיט גרויס התלהבות, דעם נעגערשען זשינג׳אָ־טאַנץ... און דער עולם האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום איהם, האָט איהם מיט פֿאַרגעניגען אָנגעקוקט, געלאַכט און געפֿרייט זיך. און ער האָט געטיילט שטיקלעך קיי־גומע און גיך און געשיקט האָט ער פֿאַרקויפֿט זיין וואַרע. אַמאָל, ווען ניט ווען, אין די שטילערע מאָמענטען פֿון דעם גערויש, פֿלעגט זיך דערטראָגען אַ הער

אויף די טרויעריגע געצויגענע שטימע וואָס האָט פּאַמעלאַך געזונגען :

— ליכט ... און מעט־שעס ... מעעט־שעס און ליכט ...

צוויי — פאר — אַ־פּע־ני ... קויפט ... וויבער ... צוויי פּאַר־אַ־פּעעני .

און די אַלע קולות און געשרייען , ליאַרעם און געפילדער האָבען זיך געצויגען , בעהעפט און צונויפגעגאָסען אין איין גרויסען זשומעדיגען טומעל פון דעם מאַרק . און אין דעם טומעל האָבען קונים געקויפט , געדונגען זיך , געריסען זיך ... געשריגען און גע־קויפט ... און די געוועלבען , סוחרים און סוחרים'לעך , פּעדלער און פּעדלערלעך האָבען געלט געלייזט יענעם פרייטאָג פאַרנאַכט .

„די באָבע" האָט אויך צוביסלעך געלייזט יענעם ערב שבת .

* * *

אָבער ניט פון דעם מאַרק אַליין האָט זיך געטראָגען דער טומעל אין דער גאַס און איז געהאַנגען וויא דער רויש פון אַ ווייטען וואַסער־פאַל אין דער לופט פון דער געגענד .

אַנטקעגען , איבער דער גאַס , וואו „די באָבע" איז געשטאַנען , איז געווען דער סיוארד פאַרק — אַ שטיק ליידיג פּלאַץ , אַרום־געצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס .

אַ פּאַרק איז עס געווען נור וויל עס האָט געהייסען אַזוי . אין דער אמת'ן אָבער זיינען אין דעם אָבגעצאַמטען פּלאַץ געווען נור עטליכע הויכע , יונגע בוימעלעך , אַביסעל גרין גראָז , אַ פּאָר אָבגעבליאַקעוועטע בלומען־בייטען ; לאַנגע אייזערנע פאַרראָסט־טע ביינק , אויסגעשטעלט אויף די ברייטע אספאַלטענע שטעזשקעס ;

אַ פרייע באָד־הויז מיט אַ גרויסען גאַניק פאַר אָרעמע מוטערס מיט קראַנקע עוף׳עלעך, און צוויי אָבגעצאַמטע שטיקער „פאַרק״ פאַר עלטערע קינדער צו שפּילען זיך. אָט דאָס איז געווען סיואַרד פּאַרק.

דערפאַר אָבער איז סיואַרד פּאַרק געווען די עיר־מקלט פון אַלע מינים מענשען. דאָרט האָבען זיך אַרומגעדרייט אָרעמע ארבייטער אָהן אַרבייט, וואָס פלעגען זוכען צו פאַרדינען אַ גראָשען — דאָס איז געווען זייער בירזשע. אַהער פלעגען קומען די סוועטערס — קליינע און גרויסע — דינגען „הענט״ צו דער אַרבייט. דאָ פלעגען אויך אַרומשפּאַצירען יונגע פּאָרלעך, בחורים און מיידלעך פון די אָרעמערע אַרבייטער — סוד׳ען זיך... פאַרליבען זיך... אין אַ מאָל, און אידילישער אונשולד, דאָ טאַקי, קושען זיך אונטער די יונגע בוימעלעך שפּעט ביי נאַכט. דאָ פלעגען אָפטמאָל קעשענע גנבים אויסראַמען ביים אָרעמאַן דעם לעצטען סענט, וואָס ער האָט געטראָגען אויף ברויט פאַר זיינע קינדער. הונדערטער און טויזענדער פלעגען דאָ פאַרבייגעהן, לויפען אין היילענים אין מאַרק אַריין, אָדער צוריק פון דעם מאַרק, אַהיים. און דער רויש און טומעל איז געווען דאָ ניט קלענער ווי אין מאַרק, און ער פלעגט זיך ציהען פון דאַנען צו יענעם טומעל אין מאַרק, און פאַרשמעלצען זיך מיט איהם.

דעם פרייטאָג פאַרנאַכט איז סיואַרד פּאַרק וויא תמיד געווען אָנגעפּאַקט מיט מענשען. די קינדער האָבען זיך וויא געוויינהנליך געשפּילט אין זייערע אָבגעצאַמטע אָבטיילונגען לעבעדיג און פרייהליך — מיט קינדערשער התלהבות און קינדערשען געגוס. די אינגלעך האָבען זיך געשפּילט בעזונדער, די מיידלעך בעזונדער. די מיידלעך האָבען דאָס רוב געטריבען רייפען, און לוסטיג מיט

פרייהליכע אויסגעשרייען זיינען זיי נאָכגעלאָפען נאָך זיי. אייניגע זיינען געשפרונגען, געטאנצט און געשטופּט איבער די שטריק וואָס זיי האָבען געוואָרפען איבער זיך און האָבען געציילט.

— איינס, צוויי, דריי... יעדער שפרונג איבער'ן שטריק. אַנדערע האָבען זיך געהוידעט אין די הוידעלקעס און האָבען, ווער מיט מורא און ווער מיט פאַרגעניגען, געשריגען און געפילדערט אין אנגסטען אָדער פרייד. אייניגע האָבען זיך צוליינט אויף דער ערד און האָבען פון ווייסער נאַסליבער זאמד קינדערשע הייזער געבויט, קעלערס און גריבער געגראָבען און קייטען פון בערג אָנגעשאָטען... און נאָר אַנדערע האָבען מיט פארפלאַמטע פנים'ער געשפּילט אין האַפּערלעך. זיי זיינען געלאָפען, הילכיג געלאַכט, געהאַפּט איינס דאָס אַנדערע און פאַרגאַנגען זיך לאַכענ־דיג אויף אַ קול פון פאַרגעניגען.

און אין די לעבעדיגע קינדערשע שפּילען, און די געשרייען און ענטציקונגען, אין דעם גאַנצען בענעמען האָט זיך געפילט די שטילע בנעימות'דיגע, ריינע מיידעלשע נשמה.

די אינגלעך האָבען זיך מיט מעהר רוגזה געשפּילט און האָבען שטאַרקער געפילדערט. אַ חברה האָט אין מיאַטש געשפּילט. רויטע פאַרשוויצטע, האָבען זיי מיט מעגליכער קראַפט געשליידערט דעם מיאַטש, געלאָפען נאָך איהם, געהאַפּט איהם און געוואָרפען אין דער לופט צו זייערע חברים אויף דער אַנדערער זייט, בעת די געגנער זייערע — דער אַנדער צד — זיינען אין דער צייט וויא פאַר'סם'טע מייז געלאָפען איבער די געצייכענטע וועגען פון דעם שפּיל־פּלאַץ.

אַנדערע האָבען גימנאַסטיקע געמאַכט. וואונדערבאַרע קונצען געוויזען. אין אייזערנע רינגען זיך געהוידעט. איבער אייזערנע

שטאנגען אין דער לופטען זיך איבערגעקולעט. די עטנציקטע חברים זיינען געשטאנען ארום, בעוואונדערט יעדע בעוועגונג, און מיט די הילכיגע אויסגעשרייען פון דער ענטציקטער קינדערשער נשמה האבען זיי פארטויבט די געגענד.

און דער פרייליכער געטומעל פון די קינדערשע נשמות האט זיך צונויפגעגאסען מיט דעם ליארעם פון די דערוואקסענע אין פארק. יענע זיינען טהיילווייז געזעסען אויף די ביינק, או טהיילווייז געשטאנען אין רעדלעך אויף די געפלאסטערטע שטעשקעס. זיי האבען מיט כונה געדעט צווישען זיך, אפטמאל געדעט מיט אמאל, געמאכט מיט די הענט, געשריגען און געקריגט זיך, אקוראט וויא זיי וואלטען מיט זייערע רייד און קולות אויפגעלעזט די פראבלעמען פון דער מענשליכער זעלע אדער פון דעם מענשליבען לעבען.

איין רעדעל מענשען האט מעהר וויא אלע צוגעצויגען די פארבייגעהער.

דאס איז געשטאנען מאטיע גוי — די גרויסע פערזענליכקייט פון סיווארד פארק. איהם האבען אלע געקענט. ער איז געוועזען דער רעדנער, דער אגיטאטאר, דער נביא פון דעם פארק. א נידעריגער דיקער איד מיט א ברוינע געשארענע בארד און אגרויסען פליכענעם קאפ, פלעגט ער שטעהען פאר'ן עולם, אהן א היטעל, און מיט זיין דיקער שטימע ריידען צום פאלק. דאס רעקעל איבער דער האנט, מיט פארקאטשעטע ארבעל, ערשט פון דער ארבייט, מיט א צושפילעטער זשילעט און א האלב-צעהראסטעטע העמד, פון וועלכער עס האט זיך ארויסגעזעהען די פארוואקסענע ברוסט, פלעגט ער שטעהען א בייזער, אנ'אויפגערעגטער, מיט ברענענדיגע אויגען — אנ'אלטע רויטע פאטשיילע אין דער האנט — און ריידען

צו זיינע ברידער, די סוועט־שאָפּ קנעכט. אין גיבע ניט־דערדערדטע פראַזען, פונקט וויא ער וואָלט זיך געהיילט מעהר און מעהר צו־דערציילען זיי וואָס, פלעגט ער, דער נייער עמוד האש, אין קאָלי־רען פון פלאַמען פייער, מאָלען זיי זייער לאַגע, דערציילען זיי וויא מען שינדט פון זיי די הויט, וויא מען נעמט ביי זיי צו דעם לעצטען ביסען פון מויל... און ער פלעגט ניט שאַנעווען די בלוט־זייגער... אָבער ער פלעגט אויך די קנעכט ניט שאַנעווען...

— פאַר וואָס שינדט מען אונז? פלעגט ער פרעגען מיט זיין גרויסער באַסען שטימע.

— ווייל מיר זיינען אָקסען... אָקסען צום שינדען אונזער פעל... פלעגט דונערען אין דער לופט. און ער פלעגט זיך גיך אַוויש טהון מיט דער רויטער פאַטשיילע דאָס פאַרשוויצטע פּנים און דעם נאַסען פליך, און ווידער ריידען מיט ברענענדיגער בעגייסטערונג. וויא אַ נביא פלעגט ער אַריינקוקען אין דער ווייטער צוקונפט, זעהען בנבואה די אָנקונפט פון אַ גאָלדענער צייט.

זיינע צוהערער פלעגען איהם ניט תמיד פאַרשטיין, אבער זיי האָבען אימער געפילט זיינע וואַרעמע רייד, זיין ביטערען אמת, און זייערע פּנים'ער פלעגען עדות זאָגען אַז זיי האָבען שטיל אין דער נשמה געגאַרט אַז עס זאָל מקוים־ווערען זיין נבואה.

און זיין שטימע, די שטאַרקע שטימע פון אַ פאָלקס־רעבעל פלעגט זיך הערען אין דעם געטומעל פון פאַרק.

און אַלע געשרייען — דער קינדערשער יובעל פון לופט און פרייד, די קרעמערישע קולות פון האַנדעל און וואַנדעל. דער פוסטער ליאַרעם פון ליידיגגעהער און פאַרבייגעהער, און די געוואַגטע שטימע פון אַ דענקענדען קנעכט — פלעגען זיך צוזאַמענגיסען אין איינעם,

וויגנען און בעוועגען זיך מיט דער טויזענד-קעפּיגער עדה, און טראָגען זיך אין אַ ברויזענדען געֶרויש מיט די חוואַליעס פון דער לופט, און הערען זיך פון ווייטען, וויא דאָס רוישענדע וואַסער פון דעם מעכטיגען ניאגארא, אין דעם אידישען קוואַרטאַל יעדען פרייטאָג פאַרנאַכט...

* * *

ערב שבת. די זון האָט זיך שוין האַלב בעהאַלטען אונטער דעם גרויסען קלויסטער-טהורם. נור די העכערע שפּיצען פון די יונגע בוימעלעך אין סיואַרד פּאַרק זיינען בעלויכטען פון איהרע שטראַהלען. אויסגעצירט אין אַ גין-גאָלדענער קרוין, שאָקלען זיי זיך אין דעם קיהלען ווינטעל, און ווינקען מיט די בלישצענדיגע בלעטעלעך צו דער קומענדיגער שבת'דיגער רוהע. ברייטע גרויסע שאָטענס שפּרייטען זיך אויס און לייגען זיך איבער די הייזער פון דער געגענד. דער רויש הייבט אָן צופאַרשווינדען ערגעץ-וואו ווייטער און ווייטער אין רוים. עס ווערט ביסלעכווייז שטילער. אין די גאַסען ווערען וויינינגער מענשען. וויינינגער ווערען די וועגען און וועגעלעך. דאָ און דאָרט הערט זיך דער קלאַפּ פון אַנ'אייזערנע טיהר וואָס מאַכט זיך צו אויף שבת. אַ ריגעל פאַרריגעלט זיך, אַ טיהר פון אַ קעלער פאַלט צו מיט אַ קלאַפּ... און עס ווערט שטילער... אַלץ שטילער...

„די באָבע„ קלייבט זיך שוין צו געהען אַ היים. דער שבת קודש קומט. זי לייזט נאָך אָבער אַ ביסעל געלט... און... ס'איז אַנ'עברה אַוועקצוואַרפען. און קונים לויפען דורך און קויפען ביי איהר ליכט און שוועבעלעך. אָט האָט ביי איהר אַ פאַרשכייעטע

אידענע מיט אַ קאָשעק אויפ'ן אָרעם ליכט נעקויפט. די אַלטע האָט זיך צו לאַנג געפּאָרעט מיט דעם אויסגאָב, זי זעהט שוין כמעט גאָרניט, און די אידענע בייזערט זיך און טרייבט זי אונטער.

— גיכער, באָבע, גיכער!... עס ווערט שפּעט.

אַ פאַרשייט אָבגעריסען איינגעל קויפט ביי איהר שוועבעלעך. מיט אַ נאַנצע האָפּטע ווייסע חברה'ניקעס רויכערט ער זיין ציגאַרעטעל און בלאָזט דעם רויך דער אַלטער אין פּנים אַריין. ער לאַכט מיט זיינע חברים און זיי מאַכען חוזק פון איהר. זי בייזערט זיך אויף די ווייסע חברה'ניקעס און סטראַשעט זיי מיט דעם שטעקען. אַ ייד מיט אַ נאַסער באָרד און פּאות און אַן אויסגעפּריעט פּנים'ל האָט ביי איהר ליכט און שוועבעלעך אויף שבת געקויפט און האָט איהר פריינדליך געהאָלפען געבען איהם פון איהר פולער האַנט מיט קליין-געלט אויסגאָב פון אַ זילבערנער מטבע. און אין מאַרק ווערט אַלץ שטילער. די זון האָט זיך שוין באַלד איינגאַנצען געזעצט, נור אַ רויטער גליהענדער פּאַס האָט זיך נאָכגעצויגען איבער דעם טונקעל-בלאָען האָריזאָנט, און עס פילט זיך אַזוי ווי אַ טיפע גרויסע שטילקייט רוקט זיך מעהר און מעהר אָן אויף דער געגענד. דאָ און דאָרט נור האָט נאָך אַ פערשפּעטיגטער פעדלער מיעד געצויגען זיין לייט-מאָטיוו.

— קויפט, וויבער, קויפט. — און ווען ניט ווען האָט מען נאָך געהערט די הילכיגע אויסגעשרייען פון שפּילענדיגע קינדער. אויפ'ן עק גאַס איז נאָך דער אייזמאַן געשטאַנען אויף זיין וואָגען און האָט אייז פאַרקויפט. זיין פערד האָט מיעד אַראָבגעלאָזט דעם לאַנגען שמאָלען קאָפּ, און האָט מיט די נאָזלעכער צעבלאָזען דעם שטויב אויף דער ערד. אַ קערענדעל האָבער האָט ער געזוכט.

אומזיסט, נעבעך, האָט ער אַ הויבגעטהון די אויבערשטע ליפּ און האָט אַרויסגעשטעלט זיין בלאַב־רויטע יאַסלע מיט די אַלטע פּאָדער־שטע ציין — ער האָט גנ געפונען... אַזוי וויא פאַרשעמט האָט ער אַראָבגעהאַנגען זיין שווערע קאָפּ, האָט צוגעמאַכט די אַלטע מיעדע אויגען און האָט געדרעמעלט. ווער ווייסט, אפשר האָט ער זיך גע׳חלום׳ט פון דער מאָרגענדיגער שבת׳דיגער רוהע. זיין בעל-הבית — דער אייזמאַן — אויסגעמאַטערט און פאַרשוויצט, איז געשטאַנען אויפ׳ן וואָגען מיט אַ גרויסער אייזערנער צוואַנג אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער האָט ער האַלב־קיילעכדיג פאַר־שטעלט דאָס מויל און האָט שאַרף געשריגען —

— אייז... אייז... אייז...

„די באָבע“ האָט איינגעדעקט איהר סחורה אין קאָשעקעל. אַ מינוט איז זי געבליבען שטעהן. אַ ליכטיגער שטראַהל האָט בעלויכטען איהר געקנייטשט פּנים און האָט, דוכטזיך, אויסגעפילט די קנייטשען.

— דער שבת קדש קומט — האָט זי געקלערט. די אַלטע גרויסע געוואָהנהייט פון איהר נשמה האָט זיך גראָד איצט צונויפגע־שמאָלצען מיט אַ געפיהל פון טיפען טרויער. אָבער אַ ליכטיגער, אַ פרייליכער געדאַנק האָט עפּעס פלוצלונג גובר געווען, און האָט בעזעעלט דאָס אַלטע פּנים... מאָרגען האָט איהר שלמה׳ל׳ע יאָהרצייט נאָך דעם טאַטען. מאָרגען — שבת — וועט ער זאָגען קדיש אין שוהל. און היינט... היינט וועט זי איהם קויפען דאָס ערשטע קאָסטיומעל זינט זיין מוטער איז געשטאָרבען. ביז אַצינד האָט זי איהם ניט געקענט קויפען קיין מלבושים... איז ער גע־גאַנגען אין די אַלטע שמאַטעס וואָס זיינען איהם געבליבען בירושה פון איהר. היינט אָבער וועט זי איהם קויפען דאָס קאָסטיומעל

אויף וועלכען זי האָט שוין לאַנג געוואָרפען אַנ'אויג. און זי האָט אַ טיפען זיפץ געטהון... — עס קאָסט אפילו 98 סענט... כמעט אַ גאַנצער דאָלאַר... אָבער דערפאַר איז עס אַ שיין קאָסטיומעל, אַ וואויל קאָסטיומעל... און פאַר לייטען — גאַר בזול. פאַר איהר אָבער?... פון פסח אָן האָט זי צונויפגעלייגט אַ פעני צו אַ פעני און האָט שוין, דאַכטזיך, אַ 7-48 סענט אָבגעשפּאָרט... היינט וועט זי אַראָפּנעמען פון דעם לייז-געלט דאָס איבעריגע — מעג זיך זיין וואָס עס וויל זיך — און וועט איהם קויפען דאָס קאָסטיומעל. נישקשה, זי וועט זיך שוין איבערין זומער איבערמוטשען און וועט מיט גאָטס הילף ביסלעכווייס דורכקומען... גאָט וועט איהר העלפען. אָבער דערפאַר מאָרגען... ווען זי וועט געהען מיט שלמה'לען אין שוהל אַריין...

— רבונו של עולם, ווער וועט זיין גליך צו מיר?... האָט זיך ביי דער אַלטער אַרויסגעריסען פון דער נשמה. און אַז ער וועט שטעהען אויף דער שוהל-באַנק און וועט מיט זיין הויך-קלינגענדיג קול'כעל זאָגען דעם יתגדל ויתקדש שמה רבא...

— אַך, גאָטוניו... און זי איז געשטאַנען אַ מינוט אין דעם שטילען הייליגען שאָטען פון דעם קומענדיגען שבת, און האָט אין אַ טיפען הייליגען עקסטאַז געריבען איהרע אַלטע הענד, און עפּעס אַזוי וויא אונגערעך האָט זי געוויגט זיך פון איין פוס אויפ'ן אַנדערען, און דאָס שטראַהלענדיג פּנים האָט זיך וויא אַ מאַיאַטניק צוגעשאָקעלט צום טאַקט פון איהר נשמה פרייד...

* * *

אויף דעם וועג אַהיים האָט „די באָבע" געקויפט דאָס קאָסטיומעל פאַר שלמה'לען און איינגעהויקערט וויא תמיד, דאָס

קאָשעקעל אויף איין האַנט, דעם שטעקען אין דער אַנדערער, איז זי דאַכטזיך, גרינגער און גיכער געגאַנגען. די פרייד פון איהר נשמה האָט זי אונטערגעטריבען.

אין גאַס איז שוין שטיל געווען. אַ הייליגע רוהע האָט זיך פאַרשפרייט אומעטום... און דאָ און דאָרט האָבען זיך שוין אָנגעצונדען בענטש-ליכט, און האָבען מיט זייערע פרייהליכע חן'עווידיגע פלאַמען געוואונקען דורך די פענסטער אַ גוט שבת דער גאַנצער געגענד.

II.

דער זילבערנער האלבער דאלאר.

אינדערהיים האט „די באבע״ אראבגעווארפען פון זיך די וואכעדיגע שמאטעס און מיט זיי—דעם יאך פון די וואכעדיגע זארג. זי האט זיך שבת׳דיג ארומגעוואשען. האט אנגעטהון איהרע אלטע שבת׳דיגע קליידער און האט זיך צוגעגרייט ליכט-בענטשען. די צוויי ארעמע חדרים׳לעך וואו זי האט געוואהנט מיט שלמה׳לען אין שכנות זענען שוין לאנג געוועזען ריין, ציכטיג, שבת׳דיג. די אלטע מעשענע לייכטער מיט די ווייסע סטעארינענע ליכט האבען גע- גלאנצט אויף דעם בעדעקטען טיש און האבען געווארט אויף דער באבע. שלומה׳לע פלעגט יעדען פרייטאג פארנאכט אויספוצען די לייכטער, אריינשטעלען די ליכט אין זיי און שטעלען זיי אויף זיי- ער ארט. ער פלעגט ווארטען מיט אונגעדולד אויף ליכט- בענטשען. ער האט זעהער שטארק ליעב געהאט צו זעהען ווי די באבע בענטשט ליכט.

איצט האט ער, ווי אימער אין דער צייט, האלב שטעהענ- דיג אויף די קניע פאר א בענקעל, געציילט דאס לייז-געלט, וואס „די באבע״ פלעגט יעדען פרייטאג אין דער צייט אויסשיטען פאר איהם פון איהר לייוונטענעם בייטעל. היינט איז ער אבער געוועזען פול מיט פרייד איבער דעם קאסטום, וואס זי האט איהם גע- קויפט, און ער האט געציילט דאס געלט מיט א מאדנע ווארעמע קינדערשע בעגייסטערונג. א סענט צו א סענט, א ניקעל צו א ני- קעל און א צעהן סענט-שטיק צו א צעהן סענט-שטיק—האט ער מיט

קינדערשער התלהבות איבערגעצײלט די מטבעות און צונויפגעלײגט אין בעזונדערע הײפענדלעך.

שלמה'לע איז געווען א קלײן דאר אינגעל, אבער א רירעווע־דיגער, א גיבער, א לעבעדיגער, און זײנע ברוינע אויגען האבען געברענט בײ יעדען טיט מיט'ן פינגער אויף דאס צונויפגעלײגטע געלט, ווען ער האט עס גערעכענט און איבערגערעכענט. די בלאַסע בעקעלעך האבען געפלאמט, דאס פלאַבע קעפקעלע האט זיך פאַררוקט אויף הינטען אויפ'ן שפיץ־קאפ, און די גלײבע בלאנדע האר זענען צעשויבערט געלעגען אויף דעם שטערען.

— אײנס ... צווײ ... דרײ ... האט ער געטײטעלט מיט דעם פינגער און האט געצײלט די קופקעלעך געלט.

— ווײניג, ווײניג געלט — האט ער געטראַכט. — אפילו א סך פענים*), אבער זעהער ווענעג ניקעלס**) ... אינגאנצען דרײ, פיער דײמ'ס***) ... און נור צווײ קוואדערס****) ... א בײ־סעל געלט. און בײ די צײטונגען האט ער הײנט אויך ניט פאר־דינט. פרײטאג!.. און פרײטאג דארף ער העלפען אויפרוימען, האט ער געטראַכט און עס האט איהם פאַרדראָסען. אבער דערפאר האט ער גאר מיט א בעזונדערען פאַרגעניגען געקוקט אויף א גרויס געלד־שטיק, וואס איז געלעגען אבגעזונדערט פון אלע, נאך דעם ווי ער האט אויסגעצײלט די איבעריגע מטבעות. ער האט אײנגעבויגען דאס קעפעל אויף א זײט און האט מיט פאַרגעניגען געקוקט אויף דעם געלד־שטיק. עס איז געווען א זילבערנער האלבער דאלאר. ניט אפט פלעגט ער זעהען אזא גרויס-געלד און „דער באבעס"

---

*) פעני—סענט. **) ניקעל—פינף סענט. ***) דײם—צעהן סענט.
****) קוואדער—פערטעל דאלאר.

לייזונג, און שלמה'לע האָט מיט אַבשיי געגומען דער באָבעס האַלבען דאָלאַר אין די הענט און האָט זיך געפרייט.

די באָבע איז שוין געווען פאַרטיג צו ליכט־בענטשען. אין די שבת'דיגע מלבושים מיט דעם אַלטען אַטלעסענעם שטערענטי־בעל אויף דעם קאָפּ האָט זי גאָר אַנדערש אויסגעזעהען... שבת'דיג אויסגעזעהען. שלמה'לע האָט געהאַלטען דעם האַלבען דאָלאַר אין די הענט, און האָט איהם ערנסט בעטראַכט. עפּעס האָבען זיך גע־מינעט און געביטען די קאָלירען פון זיין פּנים, און די אויגעלעך האָבען דערשראָקען געקוקט אויף איהם.

— באָבע, האָט ער זיך געווענדעט צו איהר, ווען זי איז געגאַנגען צום טיש ליכט־בענטשען—איז עס אַ גוטער האַלבער דאָלאַר? זי האָט זיך אָבגעשטעלט.

— אַ גוטער? וואָס הייסט אַ גוטער?—האָט זי איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט. — געוויס אַ גוטער, מיין קינד, ווי דען?

ער האָט זיך צוגעקוקט צום האַלבען דאָלאַר, האָט איהם געדרייט אויף אַלע זייטען און האָט איהם גוט בעטראַכט. די באָבע איז שלומה'לען פאַריבערגעגאַנגען, געהענדיג צום טיש.

— באָבע—האָט ער זי אָבגערופען, און עס האָט איהם אַ טיאָבקע געטהון אין הארצען—באָבע, דער האַלבער דאָלאַר איז נאָ גוד—ער טויג ניט... האָט ער מיט אַ משונה'דיגען קול אויס־געשריגען, און האָט זיך דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע ווערטער. די אַלטע האָט איהם ניט גוט פאַרשטאַנען.

— האַ? וואָס האָסטו געזאָגט, שלמה'לע? — האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם און האָט איהם אונרוהיג געפרעגט.

— דער האַלבער דאָלאַר איז... איז... א... א... א פאַל־

שער ... אַ פאַלשער האַלבער דאָלאַר—האָט ער דערשראָקען גע־שטאַמעלט.

— אַ פאַלשער האַלבער דאָלאַר? וועה איז מיר... וואָס רעדסטו, קינד מיינס, וויז נור... ווייז נור אַ הער — האָט זי פאַרציטערט אויסגעשריגען און האָט אויסגעשטרעקט איהר ביינער־נע האַנט.

שלמה׳לע האָט איהר דעם האַלבען דאָלאַר געגעבען. זי האָט איהם גענומען און גאָהענט צוגעטראָגען צו די אַלטע אויגען. זי האָט אויסגעדרייט איהר אַלטען קאָפּ און האָט זיך קורצזיכטיג, מיט איין אויג, איינגעקוקט אין דעם האַלבען דאָלאַר, פונקט ווי זי וואָלט געוואָלט מיט דעם איין אויג—מיט דעם בעסערען—דורכזעהען אַז עס איז אַ גוטער האַלבער דאָלאַר.

— איך זעה ניט—האָט זי זיך טרויעריג בעקלאָגט. שלמה׳לע רוף נור אַריין משה׳ן, רוף איהם אַריין, מיין קינד—האָט זי זיך געבעטען. און משה—אַ יונגער מאַן מיט קלוגע, גנבה׳שע אויגען איז אַריינגעקומען. ער האָט גענומען דעם האַל־בען דאָלאַר ווי אַ חוואַט, אַ קענער פון געלט, און האָט איהם גוט בעטראַכט, געפּרובט מיט די ציין, געריבען אויף פּאַפּיער, גע־וואויגען אויף דער האַנט, געקלאַפּט מיט איהם אין פּאָל. דער־ווייל האָבען זיך די שכנים דערוואוסט פון דער סבה, און זענען אַריינגעקומען אויף אַ מינוט אַ קוק טהון. יעדערער האָט בע־טראַכט דעם האַלבען דאָלאַר, יעדערער האָט אַ טאַפּ געטהון איהם, יעדערער האָט אַ מיינונג געזאָגט.

— אַ צינערנער האַלבער דאָלאַר—האָט משה בעשלאָסען—אַ פאַלשער...

— אוי איז צו מיר... וועה איז צו מיר—האָט די אַלטע

געאויקעט און געקרעכצעט און האָט פאַרבראָכען די הענט.

— וואָס וועל איך היינט טהון, וועה איז מיר, ווינד איז מיר... וואָס וועל איך טהון?..—איז זי ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַ דערשלאָגענע.

— אזא רציחה... אָבגאַרען אַן־אַלטע, אָרעמע אידענע— האָבען די שכנים בעדויערט און מיטגעפיהלט מיט דער אַלטער.

— פונדעסטוועגען, האָט משה באַמערקט, קען מען איהם נאָך פרובען אַוועקגעבען... מע דאַרף נור וויסען ווי אַזוי... האָט ער שוין כמעט אויף דער שוועל אַ זאָג געטהון. און איז זיך אַוועק־געגאַנגען א צופרידענער. די באָבע האָט געהאַלטען דעם האלבען דאָלאר אין די הענט און האָט איהם פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— אַוועקגעבען... איך זאָל איהם אַוועקגעבען. איך וועל דען קענען?.. האָט זי ווי זיך אַליין געפרעגט. פלוצלונג האָט זי צונויפגעדריקט איהר ביינערנע האַנט מיט דעם האלבען דאָלאַר, און האָט אַ טיפען זיפץ געטהון.

— גאָטעניו—האָט זי פאַרביטערט אויסגערעט, — היינט אויף צו להבעים, היינט... און איהר האָט זיך אין די געדאַנקען פאָרגעשטעלט דער מילך־מאַן, די אידענע פון דעם קלייטעל... דער בעקער... וואָס וועט זי זיי זאָגען... און דער גזלן פון די ליכט און שוועבעלאך...

— ער געטרויט דאָך ניט אפילו אַ סענט—האָט זי צו זיך אַליין גערעט.

— וואָס וועל איך טהון, וועה... וואָס וועל איך טהון?

די שכנים האָבען מיט מיטגעפיהל און מיט רחמנות צוגע־שאָקעלט מיט די קעפ און זענען זיך ביסלעכוויים צוגאַנגען.

די אַלטע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און האָט

געאויקעט און געקרעכצעט. — אפשר וואלט איך גאר אבגעשיקט דאם קאסטיומ׳ל און וואלט אבגענומען דאם געלט צוריק—האט זי א טראכט געטהון. — דערציילען דעם אידען דעם אומגליק. ער וועט זיך דערבארעמען. ער איז דאך אויך א איד ... און שלומה׳לע?—האט זיך דער געדאנק ביי איהר אבגעריסען.

און שלמה׳לע איז געשטאנען א דערשראקענער, א צוטומעלטער. די אויגעלעך גרוים געעפענט; די הענטעלעך, ווי פרעמדע, זענען אראבגעהאנגען ביי די זייטען פון דעם איינגעשרומפפטען קערפער׳ל און דאם הערצעלע האט שטארק געקלאפט. איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער איז דער שולדיגער אין דעם גאנצען אומגליק. ער זאל אבער גאר ניט געווען זאגען ... האט איהם א שטימע אינווייניג גע׳מוסר׳ט ... און ער איז געשטאנען א צושראקענער. די אלטע האט אלץ געדריקט דעם האלבען דאלאר אין איהר ביינערנער האנט.

— רבונו של עולם—האט זי מיט טיפער ביטערקייט אויסגעשריגען, און אין איהר שטימע האט זיך דער טרויער פון איהר מארק־נגון געהערט—רבונו של עולם ...—פלוצלינג האט זי דערזעהן ברענענדיגע בענטש־ליכט אין א פענסטער אנטקעגען.

— טאהר מען דען?—האט זיך ביי איהר געביטען דער קול— ווי טאהר מען ... מחלל שבת זיין ... פארשטערען דעם שבת קודש ... גאטעניו, פאטער בארעמהערציגער אין הימעל, זיי מיר מוחל מיינע זינד.—זי איז צוגעגאנגען צום אלטען קאמאד און האט אין א ווינקעל פון דעם אויבערשטען שופליאד בעהאלטען דעם שלעכטען האלבען דאלאר און איז געגאנגען צום טיש ליכט־בענטשען. שלמה׳לע האט א רגע איהר נאכגעקוקט, דערנאך האט ער שטיל צונויפגעלייגט דאם איבעריגע געלט אין דעם לייגווענדענעם ביי־

טעל, האָט איהם מיט די אָטשקור־בענדלעך פּאַרצויגען און פּאַר־בונדען ווי אַ תפלים־זעקעל, און האָט איהם בעהאַלטען אין צווייטען חדר. פּאַמעלעך האָט ער זיך אומגעקעהרט. שטיל, כמעט אויף די שפּיץ פינגער, איז ער צוגעגאַנגען צום אַנדערען עק טיש און האָט זיך דאָרט אַנידערגעזעצט—זעהען ווי די באָבע וועט ליכט־בענטשען.

שלמה׳לע איז געזעסען האַלב אָנגעלעהנט אָן דער וואַנט, האַלב אָנגעשפּאַרט אויף זיין האַנט. ער איז געווען אומעדיגער ווי תמיד. פון זיין נשמה האָט די פּאַסירונג ניט געקענט אַזוי גיך פאַרשווינדען. די אויגען זיינע האָבען געקוקט אויף דער באָבע און נאָכגעשפּירט יעדע בעוועגונג איהרע. עס איז געווען שטיל אין צימער. די אַלטע האָט אָנגעצונדען די ליכט. זי האָט אַ צוויי־דריי מאָל אַ פיהר געטהון מיט איהרע דאַרע הענט אַרום די ליכט, גלייך ווי זי וואָלט זיי געוואָלט ווי איהרע קינדער אַרומנעהמען און צו־דריקען צום האַרצען. איהרע דינע ליפען האָבען זיך בעוואויגען און געשעפּצעט שטילערהייד: ברוך הוא, ברוך שמו—די ביינערנע פינגער האָבען פאַרשטעלט דאָס געקנייטשטע פנים. שלמה׳לע האָט געקוקט אויף די בעקאַנטע בעוועגונגען מיט אַ שטילער קינדערשער זאָרג, און האָט זיך צוגעהערט צו דעם שטילען אַנגענעהמען־מור־מלען פון דער באָבעס ליפען. ער האָט געוואַרט צו זעהן די שטראַהלענדיגע שבת׳דיגע אויגען איהרע, באַלד נאָך ליכט־בענטשען און הערען איהר פרייליכען „גוט־שבת״. וואָס פאַר אַ פערגעניגען עס פלעגט איהם מאַכען. ער האָט אַזוי ליעב געהאַט דאָס געלייטערטע ליכטיגע פנים און איהרע שטראַהלענדיגע אויגען... און ער האָט געוואַרט. היינט אָבער האָט די באָבע געהאַלטען איהרע הענט איבער דעם פנים לענגער ווי תמיד, און אין דעם שטילען

מורמלען האָט ער, דוכט זיך, אַ טיפען זיפץ געהערט ... און נאָך איינעם. ער האָט זיך צוגעבויגען, אַיינגעקוקט זיך—בעסער צוגעהערט. און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער הערט אַ שטילגעוויין ... אַ כליפען ... דער באָבעס קערפער האָט זיך געטרייסעלט ... זי האָט געוויינט; געוויינט און געכליפעט ... שלמה׳לע האָט מיט אַנגסט געקוקט אויף דער טרייסלענדיגער פיגור פון דער אַלטעצקע. זיין נשמה׳לע האָט זיך געריסען צו איהר. אַרומנעהמען זי, צודריקען צו זיך, קושען זי ... אָבער ער האָט ניט געוואַגט איהר איבערצושלאָגען. די באָבע איז שטיל געבליבען. שלמה׳לע איז גיך אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט. זי האָט אַראָבגענומען די הענט פון דעם פנים און ער האָט צו איהר לויפען געוואָלט. איז ער אָבער אַ פאַרשטיינערטער שטיין געבליבען. ער האָט דערזעהן אויף די זויעם פון דער באָבעס אַלטע אויגען צוויי גרויסע טרערען. דער אַלטער קאָפּ האָט זיך פאַמעלעך געשאָקעלט, און אין די טרערען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט די שטראַהלען פון דעם העלען פלאַקער פון די בענטש-ליכט. זיי האָבען געבלישצעט ווי צוויי גרויסע רעגען-טראָפּענס אונטער דער פריהמאָרגענדיגער זון.

און שלמה׳לע האָט זיך ניט געקענט אַ ריהר טהון. עפּעס איז איהם געוועזן אַזוי שווער אויף זיין נשמה׳לע.

— די באָבע האָט געוויינט—איז ער זיכער געוועזן. דער אַלטער שאָקלענדיגער קאָפּ מיט דעם געקנייטשטען פנים און די בלישצענדיגע טרערען אין די אויגען האָבען אָנגעפילט זיין גאַנצע נשמה, און עפּעס האָט אַזוי גענאָגט און געפלאַטערט דאָרטען. אפילו ווען די באָבע האָט זיך שטום אַוועקגעדרייט אויסצווישען מיט איהר שבת׳דיגער שירץ די פאַרוויינטע אויגען, איז דער אַלטער שאָקלענדיגער קאָפּ מיט דעם צעקנייטשטען פנים און די טרערען

אין די אויגען פארגליווערט געווארען פאר איהם... ער האט דאס פנים געזעהען פאר זיך... און וואו ער איז געגאנגען, און וואו ער איז געשטאנען דעם גאנצען אויפדערנאכט—איז איהם דאס אלטע פנים מיט די טרערען אין די אויגען נאכגעגאנגען... בעגלייט איהם... אבגעשטעלט זיך מיט איהם. אומעדום האט ער עס געזעהען. אפילו שפעט ביינאכט, ווען אלע זענען שוין לאנג געשלאפען, איז שלמה׳לע נאך אלץ געלעגען אויף זיין געלעגער, און האט ניט געקענט איינשלאפען. פאר איהם האט זיך פאמעלעך געשאקעלט דער אלטער גרויער קאפ, באדעקט מיט׳ן שבת׳דיגען שטערען-טיכעל ביז די ברעמען, דאס געקנייטשטע פנים מיט די דינע איינגעפאלענע באקען מיט די איינגעשרומפענע ליפען, מיט דער שפיציגער, פאריסענער מארדע, בעוואקסען מיט א גרויליכען מאך. פאר איהם האבען זיך אלץ געטראגען די טיעפע איינגעפאלענע אויגען מיט די גרויסע בלישצענדיגע טרערען אויף די אלטע וויעס...

אומזיסט האט ער געפרובט צומאכען די אויגען, שטארקער צודריקען זיי, אומזיסט האט ער געפרובט וועלען איינשלאפען—אומזיסט, ער האט ניט געקענט.

די בענטש-ליכט האבען שוין געצאנקט. טונקעלע שאטענס האבען איינגעהילט דאס צימער. שלמה׳לע איז געלעגען אויף זיין געלעגער און האט געקוקט אין דעם טונקעלען רוים. קינדערשע געדאנקען האבען געמאטערט זיין קינדערשען מח. און ווען די פלאמען פון די צאנקענדיגע ליכט פלעגען איינער נאכ׳ן אנדערען נידעריגער ווערען—ארייגציהען זיך אין די שיסעלעך פון די לייכטער צום אויסלעשען זיך—און די פינסטערניש פלעגט זיך פון דעם טיש ווי צוויי גרויסע שווארצע פליגלען אויסשפרייטען, פלעגט

דאָס אַלטע פּנים מיט די בלישצענדיגע טרערן אַרויסטרעטען אין דעם רוים—בעלויכטען פון דעם אינערליכען ליכט פון זיין קינדערשער פאַרשטעלונג—שאָקלען זיך לאַנגזאַם ווי אַ מאַיאַטניק און שרעקען איהם ... עס פלעגט פאַרשווינדען ווען די צאַנקענדיגע ליכט פלעגען ווידער איפפלאַקערן און אויסציהען זיך ווי שמאָלע צונגען אין דער הויך, טאַנצען אַ רגע און רייצען זיך מיט דער פינסטערניש. און עס פלעגט ווידער זיך בעווייזען ווען די פלאַמען פלעגען איינפאַלען און פאַרשווינדען. אַזוי איז ער געלעגען, געטראַכט און געשראָקען זיך, און די קינדערשע נשמה האָט גענאָגט און געפלאַטערט ניט וויסענדיג פאַר וואָס און נאָך וואָס.

אָבער שלמה'לע איז מיעד געוואָרען. ער האָט זיך איינגענורעט. די אויגעלעך האָבען זיך ביסלעכוויז צוגעמאַכט. אין קאָפּ האָבען זיך געפלאָנטערט קינדערשע בילדער און קינדערשע געדאַנקען ... אָבגעריסענע ... צעמישטע ... אַ קריעג מיט אַ אינגעל איי-ערנעכטען ... און די בלישצענדיגע מעשענע לייכטער. אַ ווייסער פלעק אויף דער וואַנט ווי אַ זילבערנער האַלבער דאָלאַר די גרויס ... די גאַס מיט דעם עלעקטרישען לאָמפּ, ווי אַ פליאַם ווייסע ליכט, און דאָס, וואָס משה האָט געזאָגט ... „אַ צינענער האַלבער דאָלאַר". און אָט איז דער פרוכט-סטענד*) פון דעם איטאַליענער אויפ'ן עק גאַס—און די גרויסע גאַזאָלינענע לאָמפּען איבער איהם מיט די שיינע רויט-בלויע פלאַמען. די רויטע עפּעל האָבען שלמה'לען פאַר די אויגען אַ פינקעל געטהון. די פאָמעראַנצען האָבען זיך אויפגעהויבען אין אַ גרויסער פּיראַמידע און אַ גאַנצער צוויינ פון געלגרינע באַנאַנעס, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שטריקעל האָט זיך פאַמעלעך געוויגט אין דער לופט. און שלמה'לען, דוכט זיך, ער

*) סטענד—אַ פרוכט-טישעל, אַ רונדוק, אַ געוועלב'ל אין דרויסען.

האָט קאָנפעקטען געקייפט... און פלוצלונג... אַלעס איז פאַרשוואונדען... נור גרויסע פליאַמעס ליכט האָבען זיך געצויגען אין געצויגען פאַר די אויגען... זיי האָבען זיך בעהעפט און צוגויפגעגאָסען און זענען געוואָרען אייז גרויסע, ברייטע, ליכטיגע צאָנגע... און זי האָט זיך פאַרשפרייט און געלייגט זיך איהם אויף די אויגען... געדריקט זיי... געשגימען זיי... מיט אַ מאָל האָט די ליכטצאָנגע געפלאַצט... געפלאַצט און צעשאָטען זיך אין אַ דראָבנינקען רעגען פון קליינע שטערענדלעך... מיליאָנען, מיליאַרדען שטערענדלעך. און גרינע, געלע, רויטע און אָראַנזשענע ריגגען האָבען זיך מיט די שטערענדלעך געדרייט און געדרייט; געפלויגען און געפאַלען טיעף, טיעף אַראַב... און שלמה'לע איז געפאַלען מיט זיי... גיך, גיך ווי אַ בליטץ... נידעריג... נידעריג אין אַ פינסטערען אָבגרונט...

און ער האָט זיך דערשראָקען און האָט אויפגעוואַכט!

ער האָט געעפענט זיינע גרויסע ברוינע אויגען און האָט אַ סעקונדע געקוקט אין דער פינסטערניש. די פלאַמען פון די צאַנקענדיגע ליכט האָבען זיך קוים-קוים אויסגעצויגען אין דינגע בלוויכע שפּיזען, און האָבען גאָל-מאַט בעלויכטען די דיקע פינסטערנעש. פאַר שלמה'לעס אויגען איז געשטאַנען דאָס אַלטע געקנייטשטע פנים פון דער באָבע--אַ העלס, אַ בעגייסטערט פנים; פול מיט דער פרייד פון דעם הייליגען שבת, אַזוי ווי ער פלעגט עס אימער זעהען נאָך ליכט-בענטשען, און זי האָט איהם, ווי תמיד פריילין געזאָגט—

— אַ גוט שבת... אַ גוט שבת, שלמה'לע.

ניט ווילענדיג האָבען זיך זיינע ליפּעלעך צונויפגעלייגט אין אַ שמייכעל. ער האָט זיך געלייגט אויף אַ זייט. מעהר איינגע-

קאָרטשעס, צוגעצויגען צו זיך די אײנגעבויגענע קניהעלעך. ער האָט אַרײנגעלײגט זײנע צונױפגעלײגטע הענטעלעך צווישען זײנע קניה און האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגען... און איז שטיל און רוהיג אײנגעשלאָפען.

* * *

אַ זעלטענעם שבת האָט שלמה׳לע פאַרבראַכט. ער איז אויפ־געשטאַנען אין דער פריה אַ לעבעדיגער, אַ מונטערער. ער האָט זיך גיך געוואַשען, אויסגעפּוצט אין דעם נײעם קאָסטיום, און איז מיט דער באָבע געגאַנגען אין שוהל אַרײן. ער האָט גאָר קײן צײט ניט געהאַט צו פערטראַכטען זיך איבער דעם, וואָס האָט נעכטען פּאַסירט. אַזוי גליקליך איז ער געווען. די באָבע איז גע־ווען מלא שמחה. אַזאַ נחת האָט זי שוין לאַנג־לאַנג ניט געהאַט. שלמה׳לע האָט אפילו הײנט געהאַט יאָהר־צײט נאָכ׳ן טאַטען... אָבער, אַנ׳אײדעם איז דאָך ניט קײן אײגענע טאָכטער, און בײ דער אַלטער האָט זיך בײ דעם געדאַנק נור אַרויסגעריסען אַ טיע־פער שווערער זיפץ... אַרויסגעריסען און פאַרשוואונדען... ניט מעהר. זי האָט ניט דערלאָזט, אַז איהרע געדאַנקען זאָלען זיך אָבשטעלען אויף דעם. הײנט איז געווען שבת... טאָר מען ניט!

קדיש האָט שלמה׳לע געזאָגט מיט אַנ׳ערנסטער קינדערשער וואַ־רעמקײט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע קוקען אויף איהם... אַלע זעהען איהם, זײ זעהען זײן נײעם קאָסטיום.

נאָכ׳ן טיש האָט די באָבע זיך צוגעלײגט שלאָפען און שלמה׳לע איז געגאַנגען שפּילען זיך מיט זײנע חברים אין דרויסען. דאָרט איז קײנער ניט געווען גלײך צו איהם. צווישען זײ איז ער תמיד געווען דער לעבעדיגער, דער ריהרעווידיגער, דער העלד.

און היינט אודאי. איין מאָל נור איז ער אַריינגעלאָפען אין שטוב אַריין מיט פאַרפלאָמטע בעקעלעך און צעשויבערטע האָר. אַ טרונק האָט ער געוואָלט, און ווען ער האָט בעמערקט, אַז די באָבע שלאָפט נאָך—האָט ער ניט אויסגעהאַלטען. שטילערהייד האָט ער צוגערוקט אַ ביינקעל צום אַלטען קאַמאָד, ער האָט געעפענט דעם שופליאַד און האָט פאַרזיכטיג בעטראַכט דעם האַלבען דאָלאַר. אָבער שוין ניט ווי נעכטען, מיט שרעק... זיינע גרויסע אויגען האָבען מאָדנע געפינקעלט—קענטיג, אַז ער האָט בעהאַלטען אין זיין נשמה'לע אַ גרויסען סוד.

נאָך דעם שלאָף האָט די באָבע, ווי איהר מנהג איז געווען, זיך געזעצט ביי'ם פענסטער, האָט אנגעטהאָן איהרע אַלטע שבת'דיגע ברילען, און האָט שטיל געזאָגט עפּעס פון דעם טייטש-חומש—ביז עס האָט אָנגעהויבען טונקעל צו ווערען. דאַן האָט זי אַוועקגעלייגט דעם חומש און האָט געקוקט דורך די שויבען פון די פענסטער אין שמאָלען הויף אַריין, צו ווייזען זיך שוין ניט קיין שטערען אויפ'ן הימעל.

עס איז ביסלעכווייז טונקעל געוואָרען. די וואָכעדיגע וואָך האָט זיך ביסלעכווייז אַנגערוקט אויף איהרע פּלייצעס און האָט זי, דאַכט זיך, מעהר איינגעהויקערט. און ווידער האָבען זיך די זאָרג פון איהר לעבען איינגעגעסען אין דעם גרויזען פאַרמעט פון איהר פּנים, און האָבען די קנייטשען טיעפער געמאַכט, די אויגען פינסטערער.

ווען שלמה'לע איז אַריינגעקומען אין שטוב, האָבען שוין ביי די שכנים ליכט געברענט. די באָבע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב אין דער פינסטער און האָט שטילערהייד געזאָגט „גאָט פון אברהם". זי האָט אויסגעטהון פון זיך די שבת'דיגע מלבושים.

שלמה'לע האָט אָנגעצונדען דאָס קליינע לעמפעל און האָט צו זיין גרויסען שטוינונג באַמערקט, צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, אַז די באָבע קלייבט זיך שבת-צו-נאַכט צו געהן אין מאַרק אַריין. אַ פרייד האָט אָנגעפילט זיין האַרץ. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף דעם. און די פרייד זיינע האט זיך הויך געהערט אין זיין אויפגערעגטע שטימע.

— באָבע—האָט ער געפרעגט פאַרוואונדערט—דו גייהסט גאר היינט אין מאַרק אַריין?

— יאָ, מיין קינד, טאָמער וועל איך עפּעס לייזען אויף אַ פולער וואָך—האט זי פאַרזארגט געענטפערט, און האט גאר ניט באַמערקט זיין פרייד און זיין אויפרעגונג.

אָבער זיין נשמה האָט געטאַנצט אין איהם און ער האָט גיך און ריהרעוודיג איהר געהאָלפען זיך צוגרייטען.

* * *

גיך און ריהרעוודיג איז אויך שלמה'לע צוגעגאַנגען צום פרוכט-סטענד, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן עק פון דער גאַס. אפילו שוין ניט אַזוי גיך ווי ער איז אַראָבגעלאָפען די טרעפ, באַלד ווי די באָבע איז אוועקגעגאַנגען. אויך ניט אַזוי האַסטיג ווי ער איז דורכגעלאָפען די גאַס אין דער אויפרעגונג פון זיינע קינדערשע האָפענונגען. דאָך אָבער גיך און ריהרעוודיג, פעסט און ענטשלאָסען איז ער צוגעגאַנגען צום סטענד. דער איטאַליע-נער אַ מיטעל-יאָהריגער מענש מיט אַ'ערדען פנים און גרויליכע וואָנצעם, מיט ברענענדיגע שוואַרצע אויגען און אַ'אויער-רינגעל אין דעם לינקען אויער, האָט ענערגיש געווישט און געפוצט מיט אַ שמאַטקעלע אַ רויטען עפּעל. דער עפּעל האָט אין זיינע הענט

געשיינט און געבלישצעט. צוויי גרויסע גאזאָלינענע לאָמפּען מיט געל־בלויע פלאַמען האָבען העל באלויכטען די שיינע אויסגעליינטע פּרוכטען און די פאַרשיעדענע סאָרטען צוקערקעס. דער גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ אויפ'ן עק גאס האָט צוגעמישט זיין ווייסע שיין צו דער באלייכטונג, און אַ דין־מאָנאָטאָנע פייפען פון אַ דינעם שטראָהם פאַרע האָט זיך כסדר געהערט אין דער לופט. דאָס איז געווען דאָס פייפען פון דעם שטראָהם פאַרע, וואָס איז אַנטלאָפען פון דעם רעהר'ל פון דער מאַשינקע, אויף וועלכער דער איטאַליע־נער האָט געפּראַזשעט זיינע ניס. אַ גערוך פון צוגעברענט־געפּראַ־זשעטע ניס האָט זיך געפילט אין דער געגענד.

די גאַס איז געווען פול מיט מענשען. איינינע, נאָך אין די שבת'דיגע מלבושים, האָבען שבת'דיג שפּאַצירט הין און צוריק— אין פּאַרק, אין מאַרק, אין די גאַסען. אַנדערע, שוין אין דעם וואָ־כעדיגען יאָך, האָבען וואָכעדיג געהאַנדעלט און געוואַנדעלט.

שלמה'לע איז צוגעגאַנגען צום סטענד עפּעס קויפען. ער האָט אויסגעקליבען אַ באַר, אַ פלאָים, אַ באַנאַנאַ, און האָט דער־לאַנגט דעם איטאַליענער אַ זילבערנעם האַלבען דאָלאַר. דער אי־טאַליענער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטהון אויף דעם קינד. ער האָט אָוועקגעלייגט דעם עפּעל, וואָס ער האָט געווישט, האָט אויס־גערעכענט וויפיעל עס קומט איהם, און האָט אויף זיין אָפענער האַנט אָנגעהויבען אויסציילען דאָס אויסגאָב. שלמה'לע האָט גע־קוקט אויף דעם איטאַליענער און האָט געציטערט פאַר פרייד און פאַר מורא. עפּעס האָט זיך געשראָקען זיין קינדעריש הערצ'ל און עס האָט זיך געפרייט ...

דער איטאַליענער האָט געציילט און געצייט דאָס קליין-געלט. שלמה'לע האָט זיבערער און זיבערער געפיהלט ... און ... איהם האָט

זיך פארגלוסט נאך עפעס צו קויפען... א צוקערקע... יענע, וואס ער האט אזוי ליעב געהאט.

— ער מעג קויפען—האט ער געטראכט.— ער גיט איהם אויסגאב...

— איך נעהם נאך א צוקערקע—האט ער העכער ווי ער האט געוויינליך גערעט, א זאג געטהון, און האט זיך אליין גע־וואונדערט איבער זיין קול. ער האט נערוועז אויפגעהויבען דאס גלעזערנע דעקעל פון דעם שאפקעלע און האט גענומען די צוקער־קע. דאס דעקעל האט זיך אויסגעגליטשט פון זיין האנט און האט זיך צוגעמאכט מיט א קלאנג.

דער איטאליענער האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט בייז געקוקט אויף שלמה'לען.

— סיי—האט ער מיט כעס געשריגען.— דו ועסט מיר נאך צוברעכען די גלאז, וועל איך דיר צוברעכען דעם קאפ—דו ממזר...

שלמה'לע איז פארציטערט געווארען. דער איטאליענער האט איהם בייז אנגעקוקט. עפעס איז איהם ניט געפעלען געווארען, עפעס קשה געווארען. און ער האט זיך ווייטער גענומען צום אויסגאב. ער האט לאנגזאם בעטראכט דעם האלבען דאלאר. ער איז איהם ניט געפעלען געווארען. האט ער איהם א־יינגעלייגט צווישען די ציין און האט איהם א שטארקען בים געטהון. זיינע ציינער האבען איבערגעלאזט אויף דעם האלבען דאלאר צוויי שארפע קארבען... דער איטאליענער איז ווילד געווארען.

שלמה'לע האט עס געזעהען מיט שרעק און איז צוטומעלט געווארען.

— היי... דו... האט דער איטאליענער געשריגען מיט

כּעס—נאָ גודע מאָני ... נאָ גודע*) ...

שלמה׳לע האָט ניט געהערט. גיט ווילענדיג האָט ער זיך אַ גיבען דרעה געטהון—ווי צום אַנטלויפען. דער איטאַליענער האָט עס באַמערקט און מיט איין שפּרונג איז ער געווען נעבען איהם. זיינע אייזערנע פינגער האָבען מוט אַ ווילדער רציחה אָנגעכאַפּט שלמה׳לעס אויער.

— אָהה... האט שלמה׳לע פון שרעקליכען וועהטאג געשרי־גען, און האָט זיך מיט זיינע הענטלעך געפּרובט צו וועהרען. די פרוכטען און די צוקערקע זענען צופאַלען איבער דער ערד, דער איטאַליענער איז נאָך ווילדער געוואָרען. ער האָט געצויגען און געריסען שלומה׳לעס אויער אין אַ ווילדער רציהה אָהן רחמנות, און האָט געשריגען און געזידעלט.

— שיני... שיני... יאָ וואָנטע טשיטע מי... שיני... שיני...**)

שלמה׳לע האָט געקווישעט און געשריגען אויפ׳ן קול. געוועהרט זיך און געריסען זיך פון דעם רוצח... און האָט אויס־געצויגען זיין קערפּער׳ל אין דער הויך, נאָכגעבענדיג זיך דער קראַפט וואָס האָט געריסען זיין אויער.

אַנ׳עולם האָט זיך אַרומגעקליבען, און דער איטאַליענער האָט שלומה׳לען אָבגעלאָזען. ער האָט אַ שליידער געטהון דעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר איבער די שטיינער פון דעם טראָטואַר און האָט זיך גענומען צונויפקלייבען זיין סחורה. דער האַלבער דאָ־לאַר האָט זיך געקייקעלט איבער די שטיינער מיט אַ טעמפּען קלאַנג און איז ערגעץ פאַרפלויגען און פאַרשוואונדען געוואָרען...

שלמה׳לע האָט געוויינט אויפ׳ן קול און מיט אַ פאַרביסענער

*) שלעכטע געלט... ניט גוטעס. **) דו ווילסט מיך נארען—איד... איד.

קינדערשער נקמה אין זיין בעליידיגט־נשמה׳לע האָט ער זיך געָרייצט מיט׳ן איטאַליענער פון דער ווייטען.

— דייגא... דייגא*)... האָט ער איהם גערופען און האָט מיט פאַרוויינטע אויגען געזוכט אויף דער ערד זיין פאַרלוירענעם פאַלשען האַלבען דאָלאַר.

און די פאַרבייגעהער, די שבת׳דיגע שפּאַציר־געָהער ווי די וואָכעדיגע הענדלעָר האָבען געלאַכט און געשפּאַסט איבער דעם וואָס האָט פּאַסירט. עס איז זיי געווען צו מוטה... זיי האָבען קיי־נעָר ניט פאַרשטאַנען די קינדערשע נשמה. דעָרפאַר אָבער דאָרט ווייט אַוועָק, אויף יענעם עק גאַס, האָט זיך היינט צום ערשטען מאָל געהערט אין דעם פרישען וואָכעדיגען געטומעל, דער באָבעס שטימע אויף אַפּולער וואָך און זי האָט טרויעריג געצויגען איהר ליעדעל—וויין און פאַמעלעך—

— ליכט און מע—עטשעם... מע—עטשעם—און ליכט... צוויי—פּאַר—אַ—פעני קויפט, וויבער, צווי—פּאַר—אַ פעני!...

---

*) א צונאמען פאר איטאליענער, ווי דאס ווארט שיני—פאר אידען.

III

מאַטיע גוי

עס איז שוין שפּעט געווען. שטיל און רוהיג איז די מאַרק=גאַס געשלאָפען איינגעהילט אין דער נאַכט. נור אין הימעל האָבען קלאָהרע=ווייסע וואָלקענס געשוועבט איבער דער פולער זילבערנער לבנה. און זי האָט זיך געטוקט און געבאָדען אין זיי. ווי א שטיפעריש=קינד האָט זי זיך געשפּילט אין בעהעלטערלעך. אָט האָט זי זיך בעהאַלטען אונטער די ווייסע וואָלקענס, און אָט האָט זי ווידער געוויזען איהר גרויס=ליכטיג פּנים און האָט שטיפעריש געשמייכעלט. די שטערען האָבען ווי בריליאַנטען געשיינט און געפינקעלט.

איין מאַטיע גוי איז נאָך ניט געשלאָפען. א פּאָר שעה האָט ער זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער אויף זיין געלעגער, און האָט ניט געקענט איינשלאָפען. א געדאַנק האָט איהם געמאַטערט. אין שטוב איז געווען הייס און שווער די לופט. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און איז צוגעגאַנגען צום אָפּענעם פענסטער פון דעם גאַס=צימער. ער האָט געוואָהנט אויף דעם פינפטען שטאָק פון א גרויס הויז אין דער מאַרק=גאַס. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים פענסטער. די קיהלע פרישע לופט האָט זיך געשפּילט מיט זיין בעוואַקסענער ברוסט און האָט איהם דערפרישט. דאָס שטילע שיינע נאַכט=בילד האָט איהם פערגעניגען געמאַכט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פענסטער און האָט געקוקט אין ווייטען דרויסען.

— וואו האָב איך איהם פאָרט אַהינגעטהון ? — האָט ער זיך געפרעגט. ער האָט שוין איבערגעקערט אַלע קעשענעס. אויסגעזוכט אַלע ווינקעלעך... און האָט ניט געפונען.

— און וואו איז ער טאַקי? דער הויטשינדער וועט דאָך ניט גלויבען, אפילו ווען ער ווייסט אויף זיכער אַז ער האָט מיר איהם געגעבען פרייטאָג — האָט מאָטיע געטראַכט. — און איך האָב איהם אומישנע געלייגט אין זשילעט-קעשענע איך זאָל איהם גרינג קענען געפינען און ווייזען איהם, דעם מערדער.

— און אָט איז דער זשילעט... ניטאָ... און ער האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם מאַרק, אויף דעם סיואַרד פּאַרק. עס שוועבט די שטילקייט איבער זיי... אַ טיפע שטילע רוהע. אָבער וויא קאָכט דאָרטען, וויא מאָהלט דאָרט דאָס לעבען חיא אַ טיהל זאָרג און ליידען. דאָ — אין מאַרק; דאָרט — אין פּאַרק. און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין לעצטער רעדע, פרייטאָג פאַרנאַכט, און וויא דעמאָלט האָט זיך געמאָלען פאַר זיין אויג דער גרויסער אידעאַל פון זיין נשמה. די גאָלדענע צוקונפט פאַר אַ גליקליבער מענשהייט. זי האָט איהם וויא דעמאָלט בעגייסטערט, און ער האָט געקוקט אויף דעם שיינעם הימעל און די פינקלענדיגע שטערען.

— און אפשר אין דעם טומעל פון דעם קאָכענדיגען לעבען פון דעם מאַרק, און אין דער בעגייסטערונג פון זיין נשמה פאַר דעם גרויסען אידעאַל האָט ער איהם טאַקי פרייטאָג פאַרנאַכט אוועקגעגעבען אַניאָרעמאַן, קויפענדיג עפּעס, און האָט נאָך אויסגאָב גענומען ? —

ער האָט אַ שוידער געטהון — אַ צוק געטהון מיט די אַקסעל און האָט ניט געוואָלט טראַכטען דערפון.

— דאָס לעבען איז צו גרוים; דער אידעאַל איז צו שיין.

אונ דער הימעל האָט געוואונקען צו איהם. די שטערען האָבען געפינקעלט. דער געדויש פון דעם פּאַרק און פון דעם מאַרק האָבען זיך איהם פאָרגעשטעלט — דאָס לעבען האָט געקאָכט, און ער האָט טרוימעריש גע'חלומ'ט פון דער ליכטיגער צוקונפט.

דאָס אײביגע װידער־קול

פרױ עטעל שטערן איז געזעסן אין אַ גרױסען, װײכען װיעג־שטוהל בײם פענסטער פון דעם עס־צימער.

עס איז געװען אַ שײנער װינטערדיגער פאַרנאַכט.

זי איז אַביסעל מיעד געװען. דעם גאַנצען נאָך־מיטאָג האָט זי געאַרבײט. זי האָט צוגעקליבען נאָך איהר גוטען געשמאַק איהר שײנע הײם.

די פאַמיליע האָט דעם אָבענד געסט ערװאַרטעט.

עטעל שטערן איז שױן ניט יונג געװען. זי איז געװען אַ פרױ אין די מיטעלע יאָהרען. אַ קלוגע, אַ גוטע, אַן׳ערענסטע פרױ. און איהר פנים האָט נאָך בעהאַלטען די סימעטרישע שטריכען פון איהר יוגענטליבער שײנקײט.

אַ מאָל אין דער יוגענד האָט זי פיעל געליטען. איצט האָט זי, דוכטזיך, גליקליך געלעבט. און זי האָט ליעב־געהאַט די אָבענדען װען געסט זײנען זיך צונױפגעקומען. אָט קומען זײ — די יונגע, די לעבעדיגע, די לוסטיגע. זײ לעזען, רײדען, דיסקו־

טירען, טרינקען טייה, בייסען-צו, פארברייננגען. זי האט ליעב-געהאט אזוינע אבענדען.

און זי איז געזעסען ביים פענסטער אין וויעג-שטוהל מיעד, ווארטענדיג אויף איהרע געסט. זי האט שוין ניט געלעזען פון דעם אפענעם בוך וואס איז געלעגען אויף איהרע קניען.

אין צימער איז שוין טונקעל געווען.

די קאלטע ווינטערדיגע שטראהלען פון דער פארגעהענדיגער זון האבען נאך וויא בלאסע צינגער אנגעריהרט די אויבערשטע שויבען פון דעם פענסטער, אבער זיי האבען שוין ניט געלויכטען. דאס בין-השמשות-ליכט האט זיך נור צושמאלצען אין דער ליבער ווארעמקייט פון דעם צימער, און האט זיך וויא א צויבער פון ליכט און שאטען געפלאכטען און אויסגעשפרייט אויף די ווענט.

עטעל שטערן האט אנגעשפארט איהר קאפ אויף דער האנט וואס האט מיט דעם עלבויגען גערוהט אויף דעם ראנד פון דעם וויעג-שטוהל און האט צוגעמאכט איהרע שיינע ברוינע אויגען.

זי האט זיך שטיל און סימעטריש געוויגט אין דעם שטוהל.

עטליכע סעקונדען האט זי זיך פאמעלעך געוויגט, רוהיג... רוהיגער, שטיל... שטילער. ביז דער שטוהל איז אינגאנצען רוהיג געבליבען.

אין צימער איז פינסטערער געווארען און עטעל שטערן איז דוכטזיך, איינגעשלאפען.

און איהר האט זיך אויסגעוויזען אז די לופט אין דעם צימער האט זיך בוואלענארטיג צעשאקעלט. א סעקונדע האט זיך די לופט געוויגט. עפעס האט א רויש געטהון, און אימעצער האט זיך אין צימער אריינגעריסען.

און זי האָט דערזעהען פאַרזיך אַ יונגען מאַן. די ברייטע שטריכען פון זיין עהרליך-פּנים האָט זי אַמאָל גוט געקאָנט.

— גאָט! — האָבען, דורכזיך, איהרע ליפּען געוויספּערט. זי האָט איהם דערקענט.

— סאַמועל!

— עטעל! — און זיי זיינען זיך ביידע אין די אָרעמס אריינגעפאַלען און האָבען זיך הערצליך צוקושט.

אָבער באַלד האָט זי זיך אַ ראַנגעל געטהון אין זיינע אָרעמס און האָט זיך בעפרייט פון איהם. עס האָט זי געשווינדעלט, און זי האָט אַראָבגעבויגען דעם שיינעם קאַשטאַנענעם קאָפּ, און האָט איינגעגראָבען די ברוינע אויגען אין דער וועלוועטענער פיגור פון דעם קאָוויאָר אויף דעם באָדען.

— עטעל — האָט ער מיט אַ טיפער אָבער צאַרטער שטימע גערעדט צו איהר — געדענקסטו מיך נאָך? מיר איז ניט באַשערט געוועזען צו געניסען די ליבע פון דיין זעלע. לעבען גליקליך מיט דיר. דו ווייסט, איך האָב אַנדערשניט געקענט. ניט פון מיר איז עס אָבגעהאַנגען... אָבער, דו עטעל, דו — אַך, וויא גיך דו האָסט מיך פאַרגעסען. און עס האָט זיך געהערט אַ שרעקליכע בעשולדיגונג אין די ווערטער

זי האָט געציטערט. אָבער עס האָט זיך אויסגעוויזען אַז עטעל האָט די בעשולדיגונג ניט איבערגעטראָגען. זי האָט זיך גערוועזו בעוואויגען אין דעם וויעג-שטוהל.

— ניין, ניט צו גיך, סאַמועל. יאָהרען-לאַנג האָב איך דיין ליבע וויא דאָס הייליגסטע פון מיין לעבען אין מיין נשמה געטראָגען. אָבער דאָס האַרץ בענוגענט זיך ניט מיט דער פאָרשטעלונג; עס לעבצט צו פאַרפילען דאָס ליידיגע אין דער זעלע.

— און דו האָסט זיך אַנ׳אַנדערען אָבגעגעבען.

— אָבגעגעבען? דו משפּט׳סט צו שטרענג.

— אָבער דו האָסט איהם ניט געליבט האָסט איהם ניט געקענט ליבען.

עטעלס קערפּער האָט אינגאַנצען געציטערט. איהר קאָפּ אַ ניך אַרונטערגעפאַלען פון איהר האַנט, און די פרייע האַנט האָט צוגעדריקט דאָס קלאַפּענדיגע האַרץ.

— סאַמועל, איך האָב איהם אָבער טיעף פון דער נשמה געעהרט און געאַכטעט.

— און דו האָסט יאָהרען געפּלאָגט זיך, יאָהרען געליטען און ניט געליבט.

— איך האָב דעמאָלט אַנ׳אָפּפער געבראַכט... אַנ׳אָפּפער... פּאַר...

— דעמאָלט?... און איצט?

— איצט בין איך גליקליך, סאַמועל. איך ליעב איהם... און ער האָט מיך תמיד געליעבט.

— גליקליך?... האָסטו מיך דען פארגעסען?

— כּמעט.

— און דאָך האָסטו מיר אייביגע ליבע געשוואָרען.

— די אייביגקייט געהערט די געטער.

— אפשר. אָבער די אמת׳ע ליבע — זי געהערט צו דער יוגענד.

— ניט תמיד... ניין.

— און דו ליעבסט איהם וויא דו האָסט מיך געליעבט?

— מיט מיין גאַנצער זעלע. ביסלעכווייז האָט זיין טייערע פיגור פאַרנומען מיין גאַנצע נשמה.

— און דו ליבסט איהם?

— און איך ליב איהם און געהער איהם.

— אייער ליבע טראָגט אַ קברים קראַנץ. זי שמעקט מיט דער קאַלטקייט פון דער עלטער.

— ניין, סאַמועל, זי פינקעלט מיט דער העלער שיין פון אַ געפּרואווטען דימענט...

— אַה! ווען איך וואָלט געקענט וואָלט איך איהרע וואָרצלען צעשטערט.

— דו וואָלסט ניט געוואַגט; איך וואָלט ניט דערלאָזט.

— טייערע, טייערע — האָט ער שטיל און ליבליך געשעפּצעט אויף איהר אויער — דו וואָלסט מיך ניט פאַרשטויסען. יענע זיסע מינוטען פון אונזער לעבען וואָלטען זיך געמיהט פאַר מיר; זייער זכות וואָלט מיר בייגעשטאַנען. יענע גליקליכע מאָמענטען ווען מיר ביידע זיינען ריין געווען וויא די שניי-שטערענדלעך איידער זיי פאַלען אַראָב אויף דער ערד.

— ניין, ניין... האָט זיך עטעל געוועהרט אין איהר שלאָף. — ניין, יענע גרויסע גליקליכע מינוטען ווען איך האָב זיך איהם איינגאַנצען אָבגעגעבען, ווען איך האָב איהם אַוועקגעגעבען מיין גוף און מיין נשמה... יענע הייליגע מאָמענטען ווען מיר האָבען זיך ביידע וויא איין לעבענס-פלוס צונויפגעגאָסען, יענע הייליגע מאָמענטען וואָלטען זיך געמיהט פאַר איהם, זייער זכות וואָלט איהם בייגעשטאַנען... און זייער זכות געהער איך איהם... איהם אַליין.

— עטעל! — און איהר האָט זיך פּלוצלונג אויסגעוויזען אַז

סאַמועל האָט זיך אַוואָרפגעטהון צו איהר... דריקט זי צו זיך... צו זיין הייסען גליהענדען קערפער... און זי האָט געפילט...

— אָה, גאָט! — האָט זי אויסגעשריגען ניט מיט איהר קול און האָט זיך אויפגעכאַפּט. איהר מאַן איז אַריינגעלאָפען אין ציי מער אַדערשראָקענער.

— עטעל, מאַמאָטשקע, וואָס איז מיט דיר געשעהען? — האָט ער זי מיט ליבע גערדיקט צו זיך און האָט זי געצערטעלט.

זי האָט דערקענט זיין קול. ציטערענדיג האָט זי איהם אַרומגענומען. זי האָט זיך מיט איהר גאַנצען קערפער צוגעדריקט צו איהם און האָט געציטערט.

— מיר האָט זיך אַ שרעקליכער חלום גע'חלומ'ט! מייערע, אַ שרעקליכער חלום! און עס איז איהר ביסלעכוויז אַלעס קלאָהר געוואָרען: ערשט נעכטען האָט זי איבערגעלייגט אַלטע בריעף און כתבים און האָט געפונען צווישען זיי דאָס בילד פון דער מצבה וואָס שטייט אויף סאַמועלס קבר שוין פיעלע פיעלע יאָהרען.

דָער פֶּערֶעל פוּן דֶער גֶעטָאה.

I.

— ער האָט אַ טאַלאַנט, מיין הער, אַ גרויסען טאַלאַנט— האָט דוד רחלעס געזאָגט. ער האָט זיך מיט די ווערטער געווענדעט צוּ דעם בעריהמטען פילאַנטראָפּ הער ערנעסט צווייהאַרץ.

הער צווייהאַרץ איז געזעסען ביי זיך אין דער ביבליאָטעק און האָט פּאַמעלעך געבלעטערט אַ בוּך.

— איך וויים, איך וויים—האָט הער צווייהאַרץ איבער־גע'חזר'ט און האָט אַוועקגעלייגט זיינע גילדערנע ברילען אויף דעם אָפענעם ספר. ער האָט זיך בעקוועמער אַריינגעזעצט אין דעם גרויסען אַרם־שטוהל און האָט אומגעדרייט דעם גרויען קאָפּ מיט דעם פולען פּנים, מיט דער שיינער גרויער באָרד און שאַרפע קלוּגע אויגען צוּ דער דאַרער הויכער פיגור, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיהר.

— אָבער... וואָס קאָן איך דען טהון פאַר איהם? האָט ער מיט אַ פריינדליכען שמייכעל געפרעגט. און האָט מיט אויסגעטרע־שצעטע אויגען און אַ געקנייטשטען שטערען בעטראַכט דעם מאַן

און דאָס קליינע אינגעל וואָס איז געשטאַנען לעבען איהם.

דוד רחלעס האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ער האָט זיך גיך אַ נייג געטהון.

— איהר האָט אַזאַ גוט הארץ... אַזאַ גוט הארץ. — האָט ער געשטאַמעלט בעטענדיג. מענשען זאָגען, אז איהר העלפט אַזוי פיעל אָרימע לייט — האָט ער מיט רחמנות געזאָגט, און האָט גע־קוקט אויף צווייהארצען. אַנ'אויסדרוק פון האָפענונג האָט געשיינט אין זיינע בעטענדיגע אויגען. דער אויסדרוק האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם מאָגערען, וואַקסענעם פנים, באַדעקט מיט אַ גרויסער, געל-גרויער קאָלטענעוואַטער באָרד. ער איז געוועזן אַ הויכער אַ דאַ־רער איד מיט איינגעהויקערטע אַקסלען, אַנ'איינגעפאַלענע ברוסט און קליינע לעבעדיגע אויגען אונטער גרויסע געלע ברעמען. אַצינד איז ער געשטאַנען צונויפגעקאָרטשעט פאַר דעם גרויסען הער, אַ יף וועמען ער האָט אַרויפגעלייגט אַלע זיינע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט פון זיין קינד. און אין זיין קינד האָט ער שטאַרק געגלויבט.

אַ מינוט איז געוועזן שטיל אין צימער. דוד רחלעס איז גע־שטאַנען ביי דער טיהר; זיינע לאַנגע הענט האָבען נערוויש גע־קנייטשט די ווייכע הוט, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיי. ער האָט געוואַרט ביז דאָס גרויסע הארץ פון דעם פילאַנטראָפּ וועט זיך דערוואַרעמען און וועט קומען צו הילף זיין טאַלאַנטפאָלען־אינגעל. נעבען איהם איז געשטאַנען דאָס קינד דערשראָקען, אי־בעראַשט פון דער פּראַכטפאָלער עלעקטרישער בעלייכטונג, וואָס האָט אָנגעפילט די גרויסאַרטיגע ביבליאָטעק. מיט שרעק האָט ער זיך אַרומגעקוקט און מיט אַ קינדערשער מורא פאַרקוקט זיך אויף די גרויסע סטאַטועס, אויף די בילדער און שאַפעס מיט ביכער

וואָס האָבען בעפּוצט דאָס גרויסע עלעגאַנטע צימער.

— יאָ, יאָ... געווים—האָט הער צווייהאַרץ איבערגעריסען די שטילקייט.

— אָבער... ער האָט פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען. ער האָט עפּעס ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קען ער העלפען דעם טאַלאַנטפאָלען קינד.

אָבער... ווי אַלט איז דאָס קינד?—האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטהון, צופריעדען וואָס ער האָט געפונען אַן'אויסגאַנג פון דער שווערער לאַגע.

— אַז מיר וועלען לעבען און געזונד זיין וועט ער קומענ־דיגע וואָך ווערען בר-מצוה—האָט דוד רחלעס שטיל געענטפערט.

— אַה... בר־מצ־וה—האָט הער צווייהאַרץ איבערגעחזר'ט די ווערטער מיט אַ פול מויל. אַ צופרידענער שמייכעל האָט גע־שיינט אויף זיין פּנים.

— יאָ, יאָ... דאָס איזט עכט העברעאיש... האָט ער גע־זאָגט, און איהם האָט שטאַרק הנאה געטהון, וואָס ער געדענקט נאָך עפּעס פון דעם אַלטען אידישקייט—קאָנפירמאַציאָן, הייסט דאָס אין אַמעריקאַ, האָט ער דוד רחלעס געלערענט. אָבער... דאַן דאַרף ער נאָך אין דער שולע געהן — האָט הער צווייהאַרץ צוגעזעצט.

— ער קען ניט לערנען, מיין הער—האָט דוד רחלעס ווי אַ שולדיגער זיך פערענטפערט.

— וואָס? קאָן ניכט לערנען?.. זאָ... זאָ... איין פער־שטאָפּטע קאָפּ... האָט הער צווייהאַרץ גוטמוטיג געשפּאַסט, — דאַן מוסען זי איהם איין אַנשטענדיגע פּראָפעסיאָן לערנען; איינע

אַרבייט. אייערע לויטע זינד יאָ גוטע שניידער—ניכט וואָהר—נון, מאַכען זי איהם פּאַר איין שניידער.

דוד רחעלעס האָט אַ ציטער געטהון פון קאָפּ ביז די פיס.

— אַ שניידער!—האָט ער ווי אַ צעמישטער געשטאַמעלט.—

— אָבער, מיין הער, ער האָט אַ טאַלאַנט. אַ גרויסען טאַלאַנט—האָט ער ציטערענדיג געזאָגט.

יאָ, יאָ... דאָס ווייס איך שאָהן... איך ווייס דאָס ער טאַלענט האָט, האָט צווייהאַרץ שוין אַבּיסעל אונגעדולדיג בעמערקט. עס האָט איהם אַפּנים אָנגעהויבען צו דערעסען די גאַנצע מעשה.

ער איז אייפּגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו דוד רחעלעס.

— מיין גוטער מאַן—האָט ער מיט געמאַכטער פריינדשאַפט געזאָגט, און האָט געקוקט דעם אַלטען גלייך אין פּנים אריין—יעדער מענטש אין דער וועלט האָט טאַלענט, אָבער יעדער מענש אין דער וועלט מוז זיינע טאַלענטע בענוטצען אום איין לעבען צו מאַכען—האָט ער גערעט מיט אַ שטאָלצען טאָן אין וועלכען עס האָט געקלונגען די ערפאַהרענהייט פון אַ דורכגעטריבענעם געשעפטס-מאַן. — פערשטאַנדען?.. האָט ער געפרעגט אין אַ סעקונדע אַרום, קנייטשענדיג דעם שטערען און בעטאָנענדיג זיינע ווערטער מיט דער בעוועגונג פון זיין אויסגעצויגענעם טייט-פינגער.

— פערשטאַנדען?..

דוד רחעלעס האָט, דאַכט זיך, ניט אָנגעהויבען פאַרשטיין. פונדעסטוועגען האָט זיך זיין לאַנגע פיגור אַ פּאָר מאָל פאַרבויגען און פאַרגייגט פאַראויס... זיין קאָפּ האָט צוגעשאָקעלט פונקט ווי ער וואָלט מסכים געווען צו דעם וואָס צווייהאַרץ זאָגט.

— דאָ, אין אַמעריקאַ, דאַרף יעדער מאַן אַרבייטען, שאַפען—צו מאַכען איין לעבען.—האָט שוין הער צווייהאַרץ גע-

פּרעדיגט. — טאַלענט אָדער ניכט טאַלענט—דאַ, דאַרף מאַן ניכט לעהר געהען, אָדער לעבען אויף יעמאַנד'ס רעכענונג, אָדער גאַר צו לאַסט פאַלען אויף די טשאַריטעס... עה... אויף די... צדקה־אַנשטאַלטען פאָן אונזער שטאָט... האָט איהר פערשטאַנדען?..דוד רחעלעס האָט זיך ווידער געשאָקעלט גיך מיט דעם גאַנצען קערפּער, און האָט צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ... אָבער אין דעם טונקעלען ווינקעל—דאָרט וואו ער איז געשטאַנען, לעבען דער שוועל, אונטער די גרויסע שווערע פּאָרטיערען, האָט דוד רחעלעס אויסגעזעהען אין פּערגלייך מיט דער קיילעכדיגער פיגור פון הער צווייהאַרץ ווי אַ שאָקעלדיגער שאָטען.

— איהר אַרבייט איין לעבען צו מאַכען, איך אַרבייט, זא מוז ער אויך אַרבייטען—האָט הער צווייהאַרץ, ווייזענדיג מיט דעם פינגער אויף יעדען, געטייט און ערקלערט. דוד רחעלעס האָט צו אַלעמען צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און זיין הסכמה געגעבען.

— יאָ, מיין הער. איך אַרבייט, אַרבייט שווער. ביי טאָג און ביי נאַכט אַרבייט איך צו מאַכען אַ לעבען,—האָט ער שטיל מיט דעם גאַנצען קוראַזש פון זיין נשמה אַרויסגערעדט.—איך וויל חלילה ניט קיין נדבה פון אייך—האָט ער ערקלערט.—אָבער איך בין אַנ'אָרימאַן. איך האָב ניט קיין מיטלען צו לערנען איהם זיין טאַלאַנט. אַלע זאָגען, אז ער האָט אַ גרויסען טאַלאַנט און זיי זאָגען מיר, אַז איהר האָט אַ גרויס גוט האַרץ... אַז איהר וועט איהם העלפען. בין איך געקומען צו אייך. וואָס וואָלט אַ פאָטער ניט געטהון פאַר זיין קינד? איך בעט אייך, מיין הער, איך בעט אייך, העלפט אונז צו לערנען זיין טאַלאַנט—האָט דער אַלטער שטיל, רחמנות'דיג געבעטען.

הער צווייהאַרץ איז געוועזן גערירט. ער האָט מיט מיטלייד

בעטראַכט דעם אַלטען, און עס איז ווידער איינגעטרעטען אַ מינוט פון שווערער שטילקייט. צוויהאַרצען האָט זיך באמת פאַרוואָלט העלפען דעם אַלטען. אָבער ווי אַזוי? אַ פּאָר מינוט האָבען זיינע געדאַנקען ניט גערוהט, און פאַרטראַכט איז ער געגאַנגען איבער דעם צימער צום גרויסען טיש.

— איך וואָלט דאָך ווירקליך געדאַרפט זיין אימשטאַנד צו טהון עטוואָס פיר דעם אָרימען מאַן—פיר זיין קינד. — האָט ער געטראַכט. איך בין יאָ דער הויפּט-שטיצער פון בילדונג, פיר עמי-גראַנטען—און מיר וואָלען דאָך די אונגליקליכע „גרינע" בילדען, אויפקלערען—אַמעריקאַניזירען. יאָ, אַך, איך זאָלטע דאָך אימ-שטאַנדע זיין עטוואָס צו טהון פיר דען קינד—האָט ער כמעט אין דער הויך צו זיך אַליין געזאָגט.

און אַ געדאַנק איז דורכגעפלויגען דורך זיין קאָפּ.

— אַה!—האָט ער פאַר זיך איבעראַשט אויסגעשריגען און האָט זעהר ברייט געעפענט די אויגען—גרויסאַרטיג... און האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ מינוט.

— יאָ, יאָ... האָט ער בעשלאָסען ביי זיך און האָט זיך אומגעדרייט צו דוד רחעלעס. ער האָט זיך בעקוועם אָנגעשפּאַרט אָן טיש און האָט ליבליך, פריינדליך געזאָגט.

— אויב איהר קיין געלט האָט צו ענטוויקלען זיין טאַלענט, לאָסען זי אונז דיען איהן איינע רעספּעקטאַבעלע פּראָפעסיאָן לער-נען, דורך וועלכער ער זיך דאָס נעהטיגע געלט פערדינען קאָן. האָב איך רעכט? ניכט וואָהר? — דוד רחעלעס האָט אַלץ ווי פרי-הער זיך אַ נייג געטהון און צוגעשאָקעלט מיט דעם קאָפּ.

— נון, גוט וויר ווערדען איהנען העלפען. זי זינד הילפּעס ווירדיג—האָט צוויהאַרץ שוין זיכער געזאָגט. ער איז געוועזען זע-

הער צופרידען מיט דעם גליקליכען געדאַנק וואָס איז איהם אַזוי פלוצלונג געקומען אויף דעם רעיון.

— יאָ... וויר מוסען איהנען העלפען... וויר זינד יאָ דאַ-פיר היער! גיבען זי מיר, ביטע, איהרען נאָמען און איהרע אַד-רעסע—האָט ער זיך געווענדעט צו דוד רחעלעס און האָט פון דעם טיש גענומען אַ בלייפעדער און אַ נאָטיץ-בוך צום שרייבען.

— וויר ווערדען נאָך איהרען זאָהן שיקען ווען וויר איינען קלאַס אָרגאַניזירט האָבען—האָט ער געזאָגט און האָט פערשריבען דוד רחעלעס נאָמען און זיין אַדרעס—פערשטאַנדען? האָט ער מיט אַ זיס-צופרידען שמייכעל געפרעגט. דוד רחעלעס האָט נער-וועז צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ...

האָט ער פערשטאַנען? ער האָט געזעהען, אַז דער גרויסער פילאַנטראָפּ האָט פאַרשריבען זיין נאָמען און זיין אַדרעס, און נאָך וואָס האָט ער זיי דען געדאַרפט אויב ניט צו העלפען זיין קינד. ער האָט געהערט, אַז ער וועט איהם אַריינגעבען אין אַ קלאַס, און אין וואָטער אַנ'אַנדער קלאַס קען ער איהם דען אַריינגעבען, אויב ניט אין אַ קלאַס פון גרויסע טאַלאַנטען? פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט איהם פאַרשטאַנען... און די גרויסע פרייד פון זיין נשמה האָט גאָר קיין סוף ניט געהאַט. זיינע אויגען האָבען געשטראַהלט און געלויכטען מיט דער פרייד. זיין דאַרע ברוסט האָט זיך עפּעס אַזוי גרינג צעשפּרייט פון דעם גליק, מיט וועלכען דאָס אַלטע הארץ האָט געטאַנצט און געשפרונגען ביי איהם אין בוזעם. ער האָט דערגרייכט די ציעל פון זיין לעבען. ער האָט שוין זיין קינד פאַר-זאָרגט. נו, וואָס דאַרף ער נאָך מעהר? און ווען ער האָט בים-לעכווייז, בעסער און בעסער פאַרשטאַנען, וואָס צווייהאַרץ וועט טהון פאַר איהם און פאַר זיין קינד, האָבען די געפילען וואָס האָ-

בען געשטורעמט אין זיין ברוסט בייגעקומען זיין געמיטה, די פייערדיגע פרייד האט צעשמאלצען זיין נשמה, און ער האט גע־זוכט די האנט, וואס האט ערשט געשריבען זיין נאמען און אר־דרעס—צו קושען זי. הער צווייהארץ האט דאס ניט דערלאזט. ער איז ביי זיך אין הארצען געווען צופרידען וואס דער מאן האט „ענדליך" פארשטאנען—אזוי האט ער געטראכט, אז ארבייט און פארדינסט דארפען זיין דאס ערשטע און דאס וויכטיגסטע אין אניארימאנס לעבען, און, ווען איינער האט אבגעשפארט גענוג געלט— האט ער געטראכט—דאן קאן ער ערשט פיר מאלענטע זארגען.

— אך, די לויטען, די לויטען... די גרינע לויטע... האט ער זיך דערוואראמט טראכטענדיג, ווען ער האט שוין ארויסבעגלייט דוד רחעלעס מיט זיין אינגעל פון דער טיהר. — די האבען איין זאנדערבארען בעגריף פון לעבען. די האבען מעוקווירדיגע פע־היגקייטען און זאנדערבארע שטרעבונגען. דאקטארען, אדוואקא־טען, ליטעראטען, קינסטלער וואלען זי אלע זיין, אבער... ווער וועט דען פיר דיזע ארבייטען... איין לעבען מאכען. דא אים לאנדע מוזען זי לערנען צו שאפען. יא, ארבייטען—דאס איזט דאס הויפט אמעריקאנישעם פרינציפ דעס לעבענס—האט ער זיך פרידליך געמורמעלט אונטער דער נאז און האט גאר פארגעסען, אז דוד רחעלעס לאנדס־לייט האבען זיך שוין אין די הונדערטער טויזענדער אויסגעלערענט דעם פרינציפ אין די איינגע און שמוציגע ווינקלען פון זייער געטאה. דוד רחעלעס איז אוועקגעגאנגען פון הער צווייהארץ דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. איצט ווען ער האט שוין פארזארגט זיין קינד האבען זיך שטילערהייד אריינגעגנב'עט אין זיין ברוסט ליכטיגע האפענונגען צו זעהען איהם אמאל א גרויסען קינסטלער—דעם קינסטלער, וואס ער איז געווען

זיכער, עס איז איהם בעשערט צו ווערען. און פאַנטאַסטישע ביל־
דער פון צוקונפטיגער גרויסקייט און צוקונפטיגע עהרע האָבען
זיך געמאָלען אין דעם אַלטענס פאָרשטעלונג.

* * *

פינף טעג זענען פאַראיבער און דוד רחלעס האָט גאָר ניט
געהערט פון הער צווייהאַרצען. ער איז געווען אויסער זיך.

— קען דען זיין, אַז הער צווייהאַרץ האָט גענומען זיין נאָ־
מען און זיין אַדרעס נור פּטור צו ווערען פון איהם? פּונקט ווי
די הערען פון די געשעפטען, וואו ער פלעגט פרעגען אויף אַרבייט,
פלעגען פאַרשרייבען זיין נאָמען און אַדרעס, און זיך קיינמאָהל ניט
דערמאָהנען אָן איהם. קען עס טאַקי זיין? האָט ער אַליין געטראַכט,
און זיין האַרץ פלעגט אָנהויבען צו קלאַפּען אַזוי שטאַרק, גלייך ווי
ער וואָלט חלילה געהערט אַ שלעכטע בשורה.

אָבער... עס איז דאָך געקומען, אַ פּאָסט־קאַרט'ל איז געקו־
מען. און ער האָט געוואוסט אַז עס איז פון צווייהאַרצ'ן. עס
איז געווען געשריבען אין ענגליש. און ווער דען וואָלט געשריבען
אין ענגליש צו איהם? און ער האָט דאָס פּאָסט־קאַרט'ל בעטראַכט,
געדרייט אַהין און אַהער. געקוקט אויף דעם דורך די ברילען,
אַוועקלייגענדיג די אַרבייט אויף אַ ווייל. זיינע געדאַנקען זענען
ווילד געפלויגען און האָבען זיך אַליין פאָרגעשטעלט דעם אינהאַלט
פון דעם פּאָסט־קאַרט'ל. לעזען האָט ער עס ניט געקענט. אָבער
דער אינהאַלט, ווי ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, איז אויף אַ רגע
ניט געבליבען פעסט אין זיינע געדאַנקען. אָט איז עס געווען דאָס,
און אָט ווידער עפּעס אַנדערס.

און איהם האָט זיך אַליץ געוואָלט וויסען, וואָס שטייט

דאָרט פאָרט... ער האָט ניט געקענט אַרבייטען, ער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט אויף זיין פלימעניק, דעם סטודענט—דער איינציגער מענש וועמען ער וואָלט געטרויט דעם אינהאַלט פון דעם פאָסט-קאַרט׳ל. ווי אויף צו להכעיס אָבער, איז זיין פלימעניק ניט געקומען ביז שפּעט נאָך מיטאָג, און דוד רחלעס האָט זיך ביז דעמאָלט קיין אָרט ניט געפונען.

— טאָמער, חלילה, שטייט אין דעם פאָסט-קאַרט׳ל אַז מיר האָבען געדאַרפט היינט אין דער פריה געהען אַהין — האָט ער זיך ניט געקענט בערוהיגען—דעמאָלט, גאָט בעהיט, קען דאָך זיין אַלעס פערלוירען... האָט זיך איהם אָפט פאָרגעשטעלט, און ער האָט ווידער בעטראַכט דאָס פאָסט-קאַרט׳ל, געדריקט עס אַהין און אַהער, פונקט ווי דאָס וואָלט איהם געהאָלפען זיך אָנצושטויסען וואָס עס שטעהט דאָרט געשריבען.

ערשט אַרום אַ זייגער פיער בייטאָג איז געקומען זיין פלי-מעניק.

— אוי, ישראל—האָט ער אויסגעשריגען—איך האָב דאָך קוים דערלעבט דיך צו זעהען. די אויגען זענען מיר שיער ניט אַרויסגעקראָכען. וואו ביסטו געוועזען, איך האָב אַ גאַנצען טאָג געוואַרט אויף דיר.

— געוואַרט... אויף מיר? וואָס איז?—האָט ישראל ער-שטוינט געפרעגט.

— ששש... שריי ניט אַזוי, — האָט זיך דוד רחלעס אי-בערגעבויגען איבער זיין אַרבייט און האָט שטיל געזאָגט.

— דו ווייסט, ישראל, איך בין דאָך געוועזען מיט דעם אינ-געל ביי מיסטער צווייהאַרץ. ששש... האָט ער צוגעלייגט די צו-

נויפגעלייגטע פינגער פון דער האַנט צו די צונויפגעצויגענע ליפּען און האָט נאָך שטילער גערעט.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפען דעם קינד... דו הערסט, ישראל?

— אַזוי?.. האָט ישראל פאַרוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, יאָ, ישראל, איך פאַרזיכער דיך. עס איז ניט קיין גוזמא... ער איז אַ גרויסער מאַן... אַ רייכער, מיט אַ דימענט=הארץ. מען זאָגט ער טהוט פיעל גוטעס פאַר אידען... און, אז ער זאָגט צו... און ער האָט מיר אַליין מיט זיין מויל צוגעזאָגט, אז ער וועט איהם אַריינגעמען אין אַזא קלאַס... דו פאַרשטייסט ישראל? האָט דוד רחלעס בעטאָנט זיינע לעצטע ווערטער.

— אַ קלאַס?—האָט ישראל איבערגעפרעגט. — וואָס הייסט עפּעס אַ קלאַס?

— איך ווייס? אַזוי האָט ער געזאָגט; מסתמא, ווייסט ער דאָך, וואָס ער רעט. אָה, ישראל, דו ווייסט גאָר ניט ווי גליקליך איך בין—האָט דער אַלטער געזאָגט, און זיין אונטערשטע ליפּ מיט דער גרויסער געל=גרויער באָרד האָבען אַ ציטער געטהון. — ווי וואָלט איך, אַן אָרימאַן, געקענט עפּעס טהון פאַר איהם, פאַר זיין גרויסען טאַלאַנט... אָבער, ישראל, מיר האָבען אַ גרויסען גאָט אויף דער וועלט. דו וועסט זעהען, ישראל, הער צווייהאַר'ץ וועט איהם שוין פאַרזאָרגען.

ישראל'ן האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט. איהם איז נאָך אין טעם געלעגען, ווי שווער עס איז איהם אָנגעקומען צו בעצאָהלען אין אוניווערסיטעט מיט דער הילף פון די בעלי צדקות. אָבער...

— הלואי, פעטער, עס זאָל זיין אמת—האָט ער ניט גלויבענדיג געזאָגט:

— אָט, נאַ, זעה אַליין. זיי האָבען דאָך געשיקט נאָך איהם... אויב עס איז, חלילה, ניט פאַרשפעטיגט — און דוד רחלעס האָט איהם דערלאַנגט דאָס פּאָסט־קאַרט׳ל.

דער יונגער מאַן האָט גענומען דאָס פּאָסט־קאַרט׳ל. דוד רחלעס האָט אַוועקגעלייגט די אַרבייט אויף די קני, האָט צונויפ־געלייגט די דאַרע הענט אויף דער אַרבייט, האָט אויסגעצויגען זיין האַלז־און־נאַקען, ביז די בלויע אָדערען האָבען אַרויסגעשטאַר־צעט פון ביידע זייטען, און די געלע־גרויע באָרד איז געהאַנגען אין דער לופטען. זיינע קליינע בלישצענדיגע אויגען האָבען זיך ווייט געעפענט און וואַרטענדיג האָט ער געקוקט אויף ישראל׳ן.

ער האָט זיך צוגעגרייט צו הערען דעם אינהאַלט פון דעם קאַרט׳ל.

ישראל האָט אַ סעקונדע בעטראַכט דאָס קאַרט׳ל, מאַשי־נאַלנע האָט ער עס צוגעטראָגען נעהענטער צו זיך און האָט זיך צוגעבויגען צו דעם, און האָט זיך גוט צוגעקוקט. ער האָט עס שטום, פאַר זיך געלעזען און האָט געשטוינט... זיינע אויגען זע־נען געלאָפען איבער די געשריבענע שורות. ווילד־פאַרוואונדערט... פלוצלונג האָט ער זיך צוריקגעוואָרפען אויף זיין שטוהל מיט אַ שטאַרקען אימפעט, די האַנט מיט דעם קאַרט׳ל איז לויז אַראָבגעפאַלען ביי זיין זייט, דער קאָפּ האָט זיך פאַרוואָרפען צו־ריק איבער דעם ביינקעל, און פון זיין ברוסט האָט אַרויסגעשאָסען אַ ווילדער געלעכטער. ער האָט געלאַכט הילכיג, קלינגענדיג, שטאַרק. געדרייט זיך אויף זיין שטוהל און געלאַכט.

— אָה, די פילאַנטראָפּען — האָט ער געלאַכט און געהאַל־טען זיך ביי די זייטען — די פילאַנטראָפּען — האָט ער זיך געטריי־סעלט און געצאַפּעלט און געלאַכט...

— ישראל—האָט דוד רחלעס אויסגערופען מיט אַ ציטער און זיין קול און אַ יועהטאָג אין האַרצען. ישראל האָט זיך ווי אַ צומישטער אויפגעכאַפּט. איצט ערשט האָט ער דערפילט ווי ער האָט וועה געטהון דעם אַלטען. ער האָט מיט אַלע כּחות גע-פּרובט איינצוהאַלטען זיין געלעכטער. עס איז איהם ניט גרינג אָנגעקומען, צווישען איינגעהאַלטענע קאָנוואולסיווע צוקונגען פון געלעכטער האָט ער אין דער היך געלעזען דאָס פּאָסט-קאַרט'ל.

„ווערטהער הער, איהר זייט דאַמיט העפליכסט איינגעלאַדען— איז געווען געשריבען אין פּאָסט-קאַרט—צו קומען מאָנטאָג, אָק-טאָבער דעם 16-טען, אַכט אוהר אַבענדס אין דעם * * * אינסטיטוט, וואו דער קלאַס אין טעלעגראַפיע צו וועלכען זיי גע-הערען ויאונשען אונד האַבען דאַצו איהר נאָמען געגעבען, ווירד דאָס ערשטע מאָל צוזאַמענקומען.

אַכטונגס-פאָל * * *"

און אין אַ ווינקעל פון דעם קאַרט'ל איז מיט רויטען טינט געווען אָנגעשריבען: רעקאָמענדירט פון הערען ערנעסט צווייהאַרץ.

— אָרימער פעטער, — האָט ישראל טרויעריג געזאָגט און האָט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס האָט בעדייטעט דער „קלאַס". אַ קלאַס צוזאַמען טעלעגראַפיסטען פון אָרעמע טאַלאַנטפאָלע קינדער—אָט דאָס קענען די הערען פי-לאַנטראָפען—האָט ער געטראַכט און האָט פאַרשטיקט אין זיך די ספּאַזמען פון היסטערישען געלעכטער. און דוד רחלעס איז גע-זעסען—די אַרבייט אויף זיינע קני, די דאַרע הענט אויף זיין אַר-בייט און האָט געקוקט מיט די קליינע פינקעלדיגע אויגען אויף דעם לאַכענדיגען יונגען מאַן. ער האָט נאָך ניט קלאָהר פאַרשטאַ-נען, וואָס עס טוהט זיך דאָ, אָבער אַן אינווייניגסטער שמערצ-

ליבער געפיהל האָט שטאַרק געפרעסט זיין ברוסט און האָט איהם ניט געלאָזט אָבעמען. דאָס אַלטע האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז עפּעס אַ מורא'דיגע, אַ שרעקליכע סכּנה סטראַשעט דעם גליק פון זיין קינד, און טיעף אין זיין אָרעמער נשמה האָט עפּעס אַזוי ווער געטהון... געקלאַפּט און וועה געטהון.

II.

די רייכע און אַרטיסטישע קרייזען פון ניו-יאָרק האָבען געקאָכט און געזאָטען מיט איפּרעגונג. דער גרויסער לייפּציגער קינסטלער, דער ווירטואָז — הער יאָהאַנעס פאָן פירסט האָט גע-שפּילט זיין לעצטען, זיין זיי-געזונד קאָנצערט.

דער שיינער קאָנצערט-זאַל איז געווען אָנגעפילט מיט די אויסדערוויילטע פון דער גלענצענדסטער געזעלשאַפט. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען. פאָן פירסט איז געווען דער גרויסער אייראָ-פּייאישער פידלער. אומעדום וואו ער איז געקומען אין די פער-אייניגטע שטאַאַטען האָבען איהם בעגעגענט בעגייסטערטע פער-עהרער. אומעדום האָט אויך דאָ געוואַקסען זיין נאָמען, זיין עהרע און מיט זיי דער אוצר פון גאָלד וואָס ער האָט דאָ פאַרדינט.

דעם אָבענד האָט ער זיך געזעגענט מיט דעם ניו-יאָרקער פּובליקום, און די בעסטע, די אמת'ע מבינים זיינען געקומען הערען די זיסע טענער פון זיין זיי-געזונד-נגון.

און ער האָט וואונדערליך געשפּילט. מיט אַ רעגען פון בלומען און אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען האָבען די פערעהרער בעגעגענט דעם מייסטער. ער איז געשטאַנען אויף דער ביהנע, און איהם האָט זיך געדוכט אַז אַלץ אַרום איהם טאַנצט און דרייט

זיך. פאַרטויבט פון דעם גערויש פון ענטציקונג, האָט ער זיך וויא אַ מלאך געטראָגען אויף אויסגעשפּרייטע פליגלען אין דער ליכטיגקייט וואָס האָט אָנגעפילט דעם זאַל און האָט בעגאָסען די ביהנע. ער האָט זיך געטראָגען אַהין אין דער הויך — אין די הימלען וואו די געטער פון שיינקייט און קונסט זיטצען. און איהם איז געווען אַזוי גוט ,.. אַזוי ליכטיג... ער איז שוין נישט געווען קיין יונגער מאַן. אָבער די שטריכען פון זיין ריין=ראַזירט פנים זיינען נאָך נעווען זאַמעט=ווייך און זיס. אין זייער אויסדריק האָט זיך די קינסטלערישע נשמה וואָס האָט זיך אַזוי וואונדערפאָל געהערט אין די טענער פון זיין פידעל, אָבגעשפּיגעלט און האָט געשיינט אין אַ שטראַהלענדיג ליכט דורך זיינע ווילדע אויגען. און ער האָט זיינע פערעהרער פאַר'כשופ'ט מיט זיין שמייכעל ווען ער האָט זיך פאַר זיי פאַרנייגט. און זיי האָבען גערוישט און געליאַרעמט וויא פאַרשכור'טע אין אַ ווילדען עקסטאַז.

ער האָט זיך גענייגט און געשמייכעלט און זיי האָבען געיובעלט און געשריגען, געפּאַטשט מיט די הענט און פאַרצויגען זיך הילכיג.

— בראַ... וואָ, בראַ — וואָ, בראַ — וואָ.

און אַלעם האָט זיך געענדיגט. דער קינסטלער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ גרויסער אונגעלומפּערטער אָטאָמאָביל האָט איהם געבראַכט צום אַריינגאַנג פון זיין האָטעל. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון דעם טייפעלשען וואָגען, בעצאָלט דעם פוהרמאַן און איז פערטראַכט געבליבען שטעהען, נאָכקוקענדיג וויא די אונגעלומפּערטע בעשעפניש האָט זיך אויסגעקערעוועט און איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער נאַכט.

עס איז געווען אַ שיינע נאַכט. דער גרויסער קינסטלער האָט זיך ניט געהיילט אַרויפצוגעהען צו זיך אין די צימער. עפּעס האָט זיך איהם געוואָלט בלייבען אין דרויסען. אַזעלכע רעש׳יגע סצענעס וויא די היינטיגע פלעגען מאַכען אַ שווערען איינדרוק אויף זיין זעעלע און פלעגען אָפט זיין די שולד פון שלאָף-לאָזע נעכט... פאַר זיי האָט ער מורא געהאַט.

און די נאַכט איז געווען אַזוי שיין און האָט אַזוי געצויגען צו זיך. אַזוי שיין וויא די ערשטע נעכט פון פריהלינג קענען נור זיין. און זי האָט גענאַרט יעדערען צו אָטעמען איהר ריינע קיהלע איופלעבענדע לופט, צו האָבען פאַרגעניגען פון דעם בלאָען דורכזיכטיגען הימעל, בעוואונדערען דעם בלאַסען בליאַסק פון דער לבנה וואָס איז וויא אין אַ ריימעל געווען געפאַסט אין קלאָהרע-בלאָע וואָלקענדלעך, זיי האָבען זיך אויסגעשפרייט אַרום איהרע שיינענדיגע ברעגעס און האָבען אָבגעשפיגעלט אַרום איהר אַ בלוי-ליך-גילדערנע, רויטליכע רייף. עס איז געווען אַ שיינע נאַכט.

די לעצטע קרעפטען פון דעם גוסיס׳דיגען פראָסט האָבען נאָך געפרואווט צו וועבען אויף דער אויבערפלאַכע פון דער שטעהענדיגער וואַטער אויף דער גאַס, פון מיליאָנען דינע פאַרפראָרענע קריסטאַלען-נאָדלען וואונדער-שיינע מוסטערען פון קונסט. עס איז געווען אַ וואונדער-שיינע נאַכט און דער מייסטער איז זיך פאַר-טראַכט אַוועקגעגאַנגען אָהן אַ ציעל און אָהן אַ בעשטימונג. ער האָט פאַרקערעוועט אין אַ שטילער גאַס, ווייטער פון דעם גערויש און געפילדער. איהם האָט זיך געוואָלט טראַכטען אַביסעל. זיינע געדאַנקען זיינען גרינג געפלאָסען איבער דער איבערגעלעבטער צייט אין דעם לאַנד פון גאָלד און הייליגקייט. איבער די שטעט און מענשען וואָס ער האָט בעגעגענט, איבער דעם גרויסען ער-

פאָלג וואָס ער האָט דאָ געהאַט. געקומען איז ער אַהער, צוליעב די גרויסע פאַרדינסטען, און זיי האָבען איהם אַביסעל פאַרדרייט דעם קאָפּ, פאַרבלענדעט די אויגען. אין דעם אַלטעגליכען גערויש פון דעם לעבען האָט ער גאָרניט בעמערקט אַז זיין געליבטער קונסט סטראַשעט אַ געפאַהר. שפּילען האָט ער אַפילו געשפּילט אַזוי צויבעריש וויא תמיד. אָבער... דוכטזיך, אַז צוליעב דעם ערפאָלג וואָס האָט איהם אַזוי איבער׳ראַשט האָט ער עפּעס געוואָלט וויא געפּעלען זיינע צוהערער און פערעהרער, און ער איז, דוכט־זיך, ניט אינגאַנצען טריי געבליבען זיין קונסט... אָבער, דאָס איז געווען דער טיפער סוד פון זיין נשמה... דאָס געלד איז אַזוי פאַרפירעריש... אין מאָמענטען אָבער וויא די אין דעם אָבענד, אין מיטען פון זיין שפּילען, צווישען פריינד און פערעה־רער, בלומען און אַפּפּלאָדיסמענטען, פלעגט זיין גרויסער גייסט זיך אויפהויבען אויף די פליגעל פון געוויסענסביסע, העכער פון דער נידעריגער מאַטעריעלער ווערט־שעצונג פון זיין קונסט — אין די רייכערע ספערען. און דעמאָלט איז ער געווען גליקליך גליקליך וויא אין זיינע יונגע יאָהרען, ווען זיין גרויסע יונגע קראַפט האָט זיך ניט געבוקט פאַר מראָגען, און זיינע טענער האָ־בען זיך ניט אונטערגעגעבען דעם קלאַנג פון מעטאַל.

אָה, דעמאָלט איז ער געווען דער אמת׳ער, דער גרויסער קינסטלער.

אַזוי האָט ער געטראַכט. געגאַנגען און געטראַכט, ווען פון ערגעץ וואו, פון וויטען האָט זיין אויער טענער דערהערט. אינסטינקטיוו איז ער שטעהען געבליבען.

אימעצער האָט אויף אַ פידעל געשפּילט. אויף דעם זעלבען

אינסטרומענט וואָס האָט איהם אַזוי אָפט די סודות פון זיין אייגע-
נער נשמה דערציילט. ער האָט זיך צוגעהערט. איינגעהאַלטען
דעם אָטעם. פונקט וויא ער וואָלט מורא געהאַט איבערצושלאָ-
גען די פליסיגע מעלאָדיע.

און ער איז פּאַמעלאַך נעהענטער געגאַנגען און האָט באַלד
דערקענט די וואונדער-שיינע מוזיקע פון וויעניאַוסקעס „לעגענדע".
נעהענטער און נעהענטער זיינען געקומען די צויבער-טענער. וויא
פראַכטפאָל זיינען געווען די בעקאַנטע קלאַנגען אין דער שטילקייט
פון דער נאַכט, וויא געטליך מעלאָדיש! זיס טרויעריג זיינען
געווען די לאַנגע מוזיקאַלישע וועהען-טענער וואָס האָבען מיט
לעגענדאַרישע פּראַכט דערציילט די ליידען, שמערצען און
ערנידערונג, די האָפענונגען און פערצווייפלונג פון אַן'אונטער-
דריקט פאָלק.

גאָט, וויא צויבעריש זיי זיינען געווען!

אָבער אין דעם איצטיגען שפּילען פון דער „לעגענדע" האָט
דער מייסטער דערקענט עפּעס אַ נייעם טיפען, מיסטישען
אַקקאָרד, אַזאַ איידעלען, אַזאַ בשופ'דיגען וואָס האָט איהם —
דעם וועלט בערימטען קינסטלער — אויסגעוויזען מיט אַ מאַגישער
קראַפט צו ענטדעקען די אינערליכע האַרמאָניע פון דעם קאָמפּאָ-
זיטאָרס נשמה — אַן'אַקקאָרד וועלכען ער האָט נאָך ביז איצט
קיינמאָל ניט געהערט

— האונדערפאָל, וואונדערפאָל — האָט ער אויסגערופען
מיט ענטציקונג, און ער איז געגאַנגען צום הויז פון וואַנען דאָס
שפּילען האָט זיך געהערט.

ביים הויז האָט ער זיך אָבגעשטעלט. בעצויבערט פון דער
געטליכער מעלאָדיע, ערשטוינט פון דעם קינסטלערישען שפּילען

פון דעם אונבעקאַנטען, איז דער מייסטער געשטאַנען, דעם קאָפּ איינגעבויגען, די הענט אין די קעשענעס — פאַרוואונדערט; און דער שאָטען פון זיין פיגור האָט זיך קאָסע אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. ער האָט געהערט און געוואונדערט זיך. און די גרויסע קיילעכדיגע לבנה האָט געוואָרפען איהרע בלאַסע שטראַהלען אויף דעם מייסטער. די ווייכע שטריכען פון זיין פאַרוואונדערט פנים האָבען זיך קלאָהר געזעהען אין דעם מאַטען ליכט. און די פינקעלדיגע שטערען האָבען געבלישצעט און געוויגט זיך אין דעם עפּיר צום טאַקט אַפנים פון די טאַנצענדיגע כוואַליעס פון דער מוזיקע אין דער לופט.

— וואונדערפאַל, וואונדערפאַל — האָט דער מייסטער געמורמעלט פאַר זיך. דאָס שפּילען האָט אויפגעהערט. אַ געריוש פון אַפּלאָדיסמענטען האָט זיך געהערט אין גאַס. אַ טומעל פון ווערטער האָבען זיך דערטראָגען צום מייסטער. ער האָט אַוואָרט פון דעם געטומעל ניט פאַרשטאַנען. ער האָט בעטראַכט דאָס הויז. עס איז געווען אַנאַלטע געביידע. דער אונטערשטער עטאַזש איז געווען איבערגעבויט אין אַ גרויסער קלייט, צעטיילט מיט אַ וואַנט אויף צווייען. אויף דער רעכטער זייט פון דער גלעזערנער טיהר האָבען רויטע אותיות אָנגעוויזען אַז דאָ מאַכט געשעפטען אַ בירגער פון דער „הימעלשער אימפּעריע". זיי האָבען זיך געלעזען — „לו — פונג — טשאַנג. כינעזישע וועשעריי". אויף דער אַנדערער זייט פון דער גלעזערנער טיהר האָט דער מייסטער אויף דעם פענסטער איבערגעלעזען די גרויסע ווייסע בוכשטאַבען — „דוד רחלעס, שניידער. קליידער געריינינגט און פאַריכט. גוט און ציכטיג געמאַכט".

— דוד רחלעס, דוד רחלעס — האָט דער מייסטער

איבערגעחזר'ט פארוואונדערט און האט געקוקט אויף דעם אלטען בלאען פארהאנג וואס האט פארשטעלט דאס פענסטער.

— דוד רחלעס — האט ער נאך א מאל געזאגט — ווער קען עס זיין ?... און האט משונה'דיג א צוק געטהון מיט די אקסלען און איז ווייטער אוועקגעגאנגען. אבער די הילכיגע קולות און דער פרייליכער געפילדער, וואס האבען אין דער שטילער נאכט דערגרייכט זיינע אויערען! האבען געהילכט און דערמאנט איהם נאך א מאל און ווידער א מאל, גלייך וויא אנ'אומבעוואוסטע קראפט וואלט געוואלט ער זאל זיך איינחזר'ן — דוד רחלעס, דוד רחלעס.

III.

— קענט איהר מיר פיללייכט פאריכטען דאס קנעפעל פון מיין וועסט — האט א קלינגענדיגע שטימע, מיט א שארפען דייטשען אקצענט, געפרעגט אויף ענגליש, אריינגייהענדיג צו דוד רחלעס אין שניידער שאפ.

— יא, יא, געוויס, מיסטער, — האט דוד רחלעס געענטפערט אין זיין צעבראכענעם ענגליש, און איז אראבגעשפרונגען פון דעם שניידערשען טיש, אויף וועלכען ער איז געזעסען צונויפגעלייגט די פיס וויא א טערק, און האט פאריכט אנ'אלטען פראק. ער איז געגאנגען, אזוי ווי ביי זיך אין שאפ — אהן א ראק, אין א צעשפילעטער אלטער וועסט וואס איז אויף דער זייט נאט געוועזן א היבש ביסעל צעריסען. די ארבעל פון דעם העמד כמעט ביז די עלענבויגען פארקאטשעט, די קאלטענעוואטע בארד שטארק צעשויבערט, ער איז געוועזן שטארק פארפאטיעט. ווען ער איז

אַראָב פון טיש האָט ער זיך גענומען בעטראַכטען דאָס לייזע קנע־
פעל אויף דער וועסט פון דעם עלעגאַנטען הער. דער פרעמדער
האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט. דוד רחלעס האָט מיט געניטער
שנעלליגקייט אַראָבגעצויגען דעם איבער־ראָק פון דעם הער, אַראָב־
גענומען דעם ראָק, און האָט זיך דער'ביי אַ פּאָר מאָל טיעף פאַר־
נייגט — און האָט ווידער בעטראַכט דאָס לייזע קנעפעל.

— בעטער עס איינגאַנצען אַראָבנעמען און אויף דאָס ניי
אַננעהען — האָט ער אַנ'עצה געגעבען. עס וועט נור נעמען אַ מי־
נוט. איין מינוט — האָט ער אין זיין געקאַליעטשעטען ענגליש
ערקלערט.

— גוט, גוט — האָט דער פרעמדער גיך געענטפערט —
זאָל זיין אַזוי. — דוד רחלעס האָט אַרונטערגענומען די וועסט
פון דעם הער און האָט איהם אונטערגעטראָגען אַ בייגקעל.

— זעצט זיך, ביטע... האָט ער געזאָגט און האָט זיך
קאָמיש פאַרנייגט.

— זעצט זיך, עס וועט באַלד זיין פאַרטיג... שוין —
האָט ער פאַרזיכערט. דער הער האָט געשוויגען און האָט זיך
אַנידערגעזעצט. אַ פּאָר מינוט האָט ער בעטראַכט דעם שאַפּ.

עס איז געווען אַנ'אַלטס, אַ שמוציג פלאַץ. די נעה־מאַשין
וואָס האָט געבלישצעט פאַר דעם טיש איז געווען דאָס איינציגע
צירינג אין שאַפּ. אַ לאַנגער שניידערשער טיש איז געשטאַנען ביי
דער וואַנט און האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע ברייט פון דעם
צימער. ביים עק טיש האָט דוד רחלעס פועל געפרעסט אַ פּאָר
אַלטע הויזען. ער האָט ביי דער אַרבייט משונה'דיג אויסגעזעהען.
אַט האָט ער גיך געפּירט דאָס שווערע הייסע אייזען איבער דעם
פוס פון די הויזען, און אַט האָט ער עס פלוצלונג אַ הייב געטהון

אין דערהויך און האָט עס מיט אַזאַ אימפעט אַראָבגעלאָזט, אַז דער טיש האָט אַזש געציטערט; דער נאָך האָט ער זיך איבערגעבויגען איבער דעם אייזען, האָט אָנגעשפּאַרט זיין ברוסט אויף דער האַנט וואָס האָט געהאַלטען דאָס הענטעל מיט דער האַנטעשקע און האָט עס אַזוי שטאַרק צוגעדריקט, אַז זיינע באַקען האָבען זיך אָנגעבלאָזען, זיינע נעזלעכער צענומען; דאָס פּנים איז געוואָרען פּורפּור-רויט, ער האָט שווער געקרעכצעט און פּאַמעלעך געשאָקעלט זיך פון זייט צו זייט. דער טיש האָט אונטער זיינע שווערע בעוועגונגען אונטערגעסקריפּעט.

אויף דעם טיש איז געלעגען צעוואָרפען דוד רחלעס שניידער-געצייג: אַ שער, אַ קלעצעל פּאָדים, אַ קישעלע מיט איינגעשטעקטע נאָדלען און אַ יאַרד-סטיק*). אַ פינגערהוט האָט זיך געוואַלגערט און פון אַ קליין איבערגעקערט קעסטעלע האָבען זיך אויסגעשאָטען אַלטע קנעפּלעך, פרויען-העקעלעך און קאָלירטע שטיקלעך קרייד.

די ווענט פון דוד רחלעס שניידער-שאַפּ זיינען געווען באַשלאָגען מיט אַלטען אַבגעבליאַקעוועטען שפּאַליער, אויף וועלכען דער שטויב און די עלטער האָבען שוין לאַנג אָבגעריבען די בלומען און די פיגורען. איבער דער וואַנט וואָס האָט געפירט צו דער גאַס-טיהר האָט געטיק-טאַקט אַן אַלטער זייגער. אויף איהם האָט תמיד די צייט און די אייביגקייט וועניגסטענס אויף אַ האַלבע שעה פאַרשפּעטיגט, און אויף אַ הילצערנער פיגור צווישען פענסטער און טיש איז וויא אַ תלית'ל איבער די אַקסלען פון אַ כאָרזינגער דוד רחלעס מאָס געהאַנגען. אין פענסטער זיינען אויף

*) אַ-ענגלישע מאָס וויא אַן-אַרשין

אַ דראַמענער שטאַנג געהאַנגען אַ פּאָר שפּאָגעל־נייע הויזען. זיי האָבען בעשיינט דעם פענסטער. אין מיטען צימער, אין דערליינג, האָט זיך געצווינגען אַ דין הילצערען ווענטעל מיט אַ טיהר וואָס האָט געפירט צו דוד רחלעס וואָהנונג. אַ גערוך פון צוגעברענ־טע ציבעלעס וואָס האָבען זיך דאָרט געפּרעגעלט האָט אָנגע־פילט דעם שניידער־שאַפּ מיט אונאַנגענעהמע ריחות. דאָס ווענ־טעל איז געווען בעהאַנגען מיט אַלטע קליידער: צוויי פּאָר אויס־געפּרעסטע הויזען, אַנ׳אַלטען ראָק אָהן אַרבעל און בילדער פון פאַסאָנען און זשורנאַלען וואָס זיינען שוין לאַנג פון דער מאָדע ארויס. דער פרעמדער האָט דאָס אַלץ בעטראַכט מיט גרויס אינטערעס, און ווען זיינע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט דער טיהר האָט ער פערוואונדערט געפרעגט.

— איהר וואָהנט דאָ אויך?

— זיכער, זיכער — האָט דוד רחלעס געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

— מיר האָבען דאָרט צוויי צימער מיט אַ קיך — האָט ער גוטמוטיג ערקלערט.

— אַזוי? איך קום פון איראָפּאַ, פון דייטשלאַנד — האָט דער פרעמדער געזאָגט. קענטיג אַז ער האָט געוואָלט דעם אַלטען אריינציהען אין אַ שמועות.

— פון וואַנען קומט איהר? — האָט ער געפרעגט

— איך? — איך קום אויך פון איראָפּאַ — האָט דוד מיט שטאָלץ אָנגעוויזען אויף זיך — איך קום פון רוסלאַנד.

— אָה, זאָ!... — האָט דער פרעמדער אויסגעשריגען. ער האָט פאַרשטאַנען ווער דוד רחלעס איז.

— דאַן שפּריכט איהר דאָך דייטש — האָט ער שוין אויף דייטש צוגעזעצט.

— אָף קאָס*), געווים. וואָס פאַר אַ פראַגע איהר פרעגט, מיסטער. — האָט דוד רחלעס אויסגערעדט אויף אַ קול אין פּראָסט אידעש.

— אַבער... איהר זייט יאַ צו לאַוט, צו שטורמיש — האָט דער פרעמדער געזאָגט אין דייטש, אומבייטענדיג די רייד.

— איך וואָהן דאַ דריבען, אים האָטעל „לאָרענץ" — האָט ער ערקלערט — געסטערן, שיינט ס'מיר, וואהרען זי פראָה, צו מוטה; זי האַבען די נאַכבארען אין דער געגענד שלאַפען געשטערט... זי האַבען וואהרשיינליך פיעל געטרונקען. העָ... העָ... הע... האָט ער זיך גוטמוטהיג צולאַכט.

— געטרונקען?! — האָט זיך דוד רחלעס אַ ביסעל דער-שראָקען. ווער ווייסט ווער דער מאַן איז — האָט ער אַ קלעהר געטהון און איז באַלד ווידער צו זיך געקומען.

— עה!... ועה!... האָט ער משונהדיג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנט.

— נאַדיר געטרונקען, אַביסעל זיינען מיר געוועזן פרעהליך — האָט ער מיט דער האַנט מאַקי געפּרואווט צו ערקלעהרען. — אָבער געטרונקען?... פאַרשטייען זי, הין הער, נעכטען ביינאַכט, געסטערען... איז ביי אונז געוועזן אַ גרויסער יום-טוב... אַ... האלידיי... אַ פייער-טאַג. — האָט ער זיך פערכאַפּט.

— וואר'ס פייערטאַג געסטערן? — האָט דער פרעמדער איבערגעפרעגט.

---

*) זיכער.

— יאָ אַ פייערטאַג, עס איז געווען מיין זוהן'ס בר מצוה... זיין געבורטס טאָג — האָט ער זיך ווידער פערכאַפּט.

— זאָ זאָ... האָט דער פרעמדער געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און זיינע גרויסע מילדע אויגען האָבען זיך ווייט געעפענט...

— און ווער האָט וואָלין געשפּילט? האָט ער געפרעגט פעראינטערעסירט.

אויפ'ן פידעל? — האָט דוד רחלעס איבערגעפרעגט און האָט געשטראַהלט.

— מיין אינגעל, מיין קינד, מיסטער — האָט ער געזאָגט מיט גרויס פרייד און האָט עטליכע מאָל אָנגעוויזען אויף זיך. — מיין קינד, מיין זוהן.

— איהר קינד, איהר זאָהן? האָט דער פרעמדער עפּעס ניט געגלויבט.

וויא אַלט איזט איהר קינד? האָט דער פרעמדער אַביסעל שפּאַטיש געפרעגט.

— וויא אַלט? דרייצעהן יאָהר, מיסטער, איז ער נעכטען געוואָרען... בר...

— וואָס? האָט דער פרעמדער געפרעגט איבערראַשט.

— יאָ, יאָ, מיסטער, דרייצעהן יאָהר, זאָג איך אייך, איז ער געוואָרען — האָט רחלעס פּאַרזיכערט. אָבער... מיין אינגעל האָט אַ טאַלאַנט, אַ גרויסען טאַלאַנט. — האָט ער שטאָלץ געזאָגט און האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ פון זיין אַרבייט. זיינע קליינע פינקעלדיגע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם פרעמדען, זיי האָבען געהיט זיין פנים. דער פרעמדער איז אונגעדולדיג אויפגעשטאַנען.

— איז עס מעגליך? — האָט ער געטראַכט.

— זינד זי שוין פערטיג? האט ער זיך געווענדעט צו רחלעס.

— יא, יא... את נור צופרעסען אביסעל. און ער האט דערלאנגט די וועסט דעם פועל.

— קאן איך פיעלייכט איהר זאהן זעהען? האט דער פרעמדער ניט אויסגעהאלטען ניט צופרעגען.

— שור*), מיסטער, געוויס. — און דוד רחלעס האט זיך געווענדעט צו דער טיהר און האט גערופען. — סעם, סעם, סעם... — א קול פון א פרוי האט איהם עפּעס אונפערשטענדליך געענטפערט.

— ער איז ניטא אין דערהיים, מיסטער, מיין זאהן. די מוטער האט איהם געשיקט אין גראסערי*), איינקויפען פאר איהר. אבער, איך זאג אייך, איהר מעגט מיר גלויבען — ער האט א טאלאנט, א גרויסען טאלאנט.

— ברינגעז זי איהם צו מיר, הייטע אבענד. — האט דער פרעמדער פארגעשלאגען, נאך דעם וויא ער האט זיך א ווײלע געעצה׳ט מיט זיך אליין. — און לאסען זי מיך איהם הערען. — האט ער געזאגט און האט געגעבען דוד רחלעס זיין וויזיט-קארטע.

— ברענגען איהם צו אייך? נאך וואס? און דוד רחלעס האט מיט א נייג צום הער גענומען דאס קארטעל. ער האט עס א סעקונדע בעטראכט.

---

*) געוויס

*) באקאלײנע קלויטעל.

— איך פיהר איהם אַהין און פיהר איהם אַהער, אָבער עס ווערט פון דעם גאָרניט... קיינער העלפט ניט זיין טאַלאַנט — האָט ער זיך טרויעריג געקלאָגט. דער פרעמדער האָט פאַרשטאַנען דעם אַלטען.

— יאָ, אויב ער ווירקליך טאַלענט האַט, קאַן איך איהם העלפען.

— איהר? האָט זיך דוד רחלעס פאַרוואונדערט. און מיט אַ ווייכען שמייכעל, עפּעס ניט גלויבענדיג, האָט ער ווידער געפרעגט.

— איהר שפּילט דען?

— יאָ.

— פידעל? —

— וויאָלין... יאָ... — האָט דער פרעמדער געענטפערט אויך מיט אַ שמייכעל.

— אַזוי — האָט רחלעס זיך פאַרוואונדערט און האָט נאָך אַמאָל בעטראַכט דאָס קאַרטעל — און איהר וואָלט געקענט לערנען מיין זוהן?

— יאָ, אויב ער טאַלאַנט האט!

— אָה, וואָס ריידען זי, מיסטער, איך זאָג אייך ער האָט אַ גרויסען טאַלאַנט.

נו, גוט... האָט דער פרעמדער ענטשידען געזאָגט. ער איז געווען צופרידען וואָס ער האָט דערגרייכט די ציעל פון זיין וויזיט.

— ברינגען זי איהם הייטע אַבענדס. איך ווערדע איהן גערן הערען. און ווען ער ווירקליך טאַלענט האָט, ווערדע איך איהם העלפען קענען. — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט שוין אָנגעטהון

דעם אויבערשטען ראָק. דוד רחלעס האָט איהם געהאָלפען זיך אָנטהון. עפּעס האָט ער זיך גיכער געריהרט. ער איז אַרומגע-שפּרונגען אַרום דעם הער לעבעדיג, אויפגערעגט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען ניט צופיעל אַרויסצווייזען זיין פריד, ווייל טיעף אין זיין נשמה האָט געקלאַפּט און געשראָקען איהם דאָס טונקעלע אונבעוואוסטע. אָה, וויפיעל מאָל האָט ער שוין געהאָפט, וויפיעל מאָל האָט ער שוין געמיינט אַז אָט-אָט וועלען די ליכטיגע שטראַה-לען פון אַ שיינענדיגער זון שמייכלען צו איהם פאַר זיין קינד, און אין אַ מינוט שפּעטער, האָט ער אויסגעפונען אַ קאַלטע, אַנ'אייז-קאַלטע ענטוישונג.

דער פרעמדער האָט איהם נאָך אַ ווײַלע בעטראַכט און האָט איהם דערלאַנגט אַ האַלבען דאָלאַר פאַר זיין אַרבייט.

דוד רחלעס איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויפין פרעמ-דען. זיינע לאַנגע הענט זיינען אַראָבגעהאַנגען. דער קאָפּ מיט דער קאָלטענעוואַטער געל-גרויער באָרד אַראָבגעבויגען. די באָרד איז געלעגען אויף דער איינגעפאַלענער ברוסט און אַ וואייבער, וואַ-רעמער אויסדרוק, שטראַהלענדיג מיט נשמה ליכט דורך זיינע אויגען האָט בעדעקט זיין פּנים.

— ניין, מיין הער—האָט ער שטיל געזאָגט—ניין. איך בין אַנ'אָרעמאַן, אַנ'אָרעמער אַלטער שניידער. אָבער... מיין הער, אויב איהר וועט לערנען מיין קינד, אויב איהר וועט העלפען זיין טאַלאַנט, וויל איך ניט קיין געלט פון אייך פאַר אַזאַ קלייניגקייט וויא איינגעהען אַ קנעפּעל. ניין, איך וויל ניט... נאָך ניט אַזוי, מיין הער, וועל איך אייך בעדאַנקען אויב איהר וועט לערנען מיין קינד. איך וועל אייך אַליין, מיט מיינע אַלטע הענט, מאַכען אַ שוואַרצען פראַק, אַ טייערען פראַק, אַזאַ וויא מען מאַכט ביי

אונז אין דער היים — ביי אונז אין יאָראָפּ, וועל איך מאַכען אַ פּרעזענט... האָט ער געענדיגט און זיינע קליינע אויגען האָבען געבלישצעט פול מיט טרערען.

דער פרעמדער האָט פאַרשטאַנען. ער האָט אונטערגעשמייכעלט, און האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף דעם אַלטען שניידער.

— איין עדעלע זעעלע — האָט ער געטראַכט. און האָט אוואָרפגעטהון דאָס געלט אויפ'ן טיש פאַר דעם פּועל. דער פּועל האָט פאַרשעמט אַקוקגעטהון אויף דעם הער; האָט זיך טיעף אַ נייגעטהון און האָט אַריינגעשטעקט דאָס געלט אין קעשענע, דער פרעמדער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט שוין דוד רחלעס געוואוסט ווער דער פרעמדער איז געווען.

— אַ שליח פון גאָט, אַ שליה פון גאָט — האָבען זיינע ליפּען געשעפּצעט ווען ישראל האָט איהם דערציילט.

— פּעטער, דאָס איז דאָך געווען דער גרויסער מייסטער — דער גרויסער לייפּציגער מייסטער. אָט איצט, פּעטער, אָט איצט, האָט זיך ישראל ענטוזיאסטיש געהיצט, וועט איהר אפשר קענען טהון עפּעס פאַר סעמ'ים גרויסען טאַלאַנט. געהט צו איהם, פּעטער, געהט צו איהם.

— אַ שליח פון גאָט, אַ שליח פון גאָט... האָט דער אַלטער שניידער געמורמעלט, און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ זיינס האָט עפּעס אַזוי געקלאַפּט, אַזוי שנעל, אַזוי אונרוהיג. עס האָט געקלאַפּט מיט פרייד פאַר דעם גליק פון זיין קינד.

IV.

אויף דער נאַכט איז סעמי געווען אָנגעטהון ווי צו

אַ חתונה. ער האָט געטראָגען די שיינע בלאָע בלוזע, וועלכע די עלטערע שוועסטער האָט איהם אויפגענייט. די קורצע הייזלעך, וואָס דער טאַטע אַליין האָט אויסגערייניגט און אויסגעפּרעסט. די שיך מיט אַ גלאַנץ, וועלכען די מאַמע האָט מיט איהרע קראַנקע הענט געמאַכט, און אַ ברייטען, ווייסען קאָלנער איבער דער בלוזע מיט אַן עלעגאַנטען רויטען האַלז-טוך, וואָס זיין אינגסטע שוועסטערעל האָט איהם מיט אַרטיסטישען געשמאַק פאַרבונדען. דאָך האָט ער זיך ניט גוט געפילט. זיין לאַנג בלייך פּנים, בעשאָטען מיט דראָבנינקע קלייענדלעך, איז געווען עפּעס אַזוי שטומפּפיג, אויסגעצויגען. פון זיינע גרויסע ברוינע אויגען, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען אונטער לאַנגע רויטליכע וויעס האָט אַרויסגעקוקט אַ מורא... אַ שרעק. אַ שרעק פאַר עפּעס וואָס האָט בעאונרוהיגט זיין קינדערשע נשמה, זיינע אויגען האָבען אויסגעדריקט אונצופרידענהייט, ניט ווילינקייט.

ער פלעגט פיינט האָבען אַזעלכע אָבענדען; דאָס גרייטען זיך צו זיי, דאָס פאַרשטעלען זיך פאַר לייטען, צו וועלכע דער פאָטער פלעגט איהם פירען, איז געווען אַ מאַטערניש פאַר איהם. פאַר איהם האָט דאָס געהייסען — שפּילען פאַר אונבעקאַנטע מענשען וועלכע האָבען איהם גאָרניט אינטערעסירט.

ער האָט ליעב געהאַט צו שפּילען, ווען ער איז געווען אַליין. דעמאָלט פלעגט זיך איהם אויסווייזען, אַז ער האָט געקענט מיט אַ ווייכער, לאַשצענדיגער ליבע צו זיינע סטרונעס אַרויסרופען טאַנצענדיגע טענער פון זיין פידעל. די טענער פלעגען שוועבען אינדערלופטען אַרום איהם, און שפּילען זיך מיט איהם. זיי פלעגען לויפען און שפּרינגען, קוליען זיך און איבערקוליען זיך אַזוי קונציג, וויא די קינדער — זיינע חברים, וואָס פלעגען זיך שפּילען

מיט איהם אין דרויסען. אַזוי פלעגט זיך איהם אויסוויזען. אַמאָל פלעגט זיך איהם אויסדוכטען אַז די טענער פלעגען זיך אויסשטעלען, אויסמושטירען זיך אין שיינע מעלאָדישע אַקקאָרדען אַזוי וויא זיי וואָלטען אין סאָלדאַטען זיך געשפילט... און אַמאָל אַז זיי פלעגען פאַלען אויף זיינע אויערען, און אַזוי וויא פאַנטאַסטישע מלאכים'לעך פלעגען זיי זיך שפילען מיט זיין נשמה און פלעגען שטיל — בנעימות'דיג אָדער פאַרשייט — שעפּצען איהם סודות וועלכע ער האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען. אָבער עס איז איהם געווען אַזוי גוט דעמאָלט, אַזוי אנגענעהם.

דעמאָלט האָט ער ליעב געהאַט צו שפילען.

ער האָט ליעב געהאַט צו שפילען זומער אין פריהמאָרגען. ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפען. ער פלעגט אויפשטעהען גאַנץ פריה, פאַרשפאַרען די טיהר פון זייער איינציגען צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפ'ן הויף־אַריין, און שפּילען אַ זיס, אַ טרוימעריש מאָרגען־ליעד צו דער אויפגעשטאַנענער זון, וועלכע פלעגט איהם שיקען נור איין איינציגען שטראַהל דורך דעם שמאָלען פענסטער. דעמאָלט איז ער געווען גליקליך, גליקליך אָהן אַ שעור. ער פלעגט שפילען, און זיין קליינער גוף פלעגט זיך וויגען מיט זיינע בעוועגונגען הין און צוריק געגען פענסטער, בעגריסענדיג דעם איינאיינציגען ליכטיגען שטראַהל.

ער האָט געקענט שפילען פאַר אַ פובליקום אויך. ער האָט עס געפרואווט, ווען מען האָט דעם פאָטער איבערגעועט צו לאָזען איהם פאַדינגען געלט מיט זיין פידעל. אָבער ער פלעגט דאַרפען איינגאַנצען פאַרגעסען דאָס פובליקום אום צו קענען שפּילען אמת גוט. עס פלעגט איהם אפילו ניט שווער אָנקומען. נאָך אַ פאָר זיפצענדיגע און וויינענדיגע טענער פון זיינע סטרונעס,

טענער, וואָס האָבען געקלונגען וויא די זיפצען און קרעכצען פון זיין אַלטער קראַנקער מוטער. זיי — פלעגען ברענגען דאָס טייערע אַלטע פּנים פאַר זיינע אויגען, און ער פלעגט פאַרגעסען אָן פּובליקום. ער פלעגט זעהען פאַר זיך זיין מוטער.

זיין מוטער! עס איז ניט געווען קיין זאַך אין דער וועלט וואָס ער האָט מעהר ליעב געהאַט וויא זיין מוטער —- אַפילו ניט זיין קונסט. קיין מענש האָט איהם ניט אַזוי ווייך, אַזוי וואַרעם, אַזוי ליבליך=האַרציג בעהאַנדעלט וויא זיין מוטער. זי האָט אפילו ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען האָט געמאַכט אַזאַ גרויסען טאַראַראַם וועגען זיין שפּילען. טיעף אין דער נשמה איז זיין שפּילען איהר גאָר ניט געווען צום האַרצען... עס איז איהר עפּעס ניט אָנגעשטאַנען...

— אמת, איהר אַלטער איז אפילו אויך ניט מעהר ווי אַ בעל=מלאכה — פלעגט זי טראַכטען — אָבער... אַ... כלומר?... נו, און אַז איהר טייער זוהנעלע וועט שוין שפּילען אויף חתונות... איז וואָס? — פלעגט זי זיך שטיל־ערהייד זאָגען. אָבער זי פלעגט עס ניט וואַגען אַרויסצוריידען אינדערהויך. און זי פלעגט הערען וויא אַלע האָבען איהם געליבט, און זי פלעגט איהם אין איהר האַרצען מעהר ליובען; און זי פלעגט זעהען וויא אַלע האָבען איהם געלאַשצעט און געליובעט, און זי פלעגט איהם מעהר און ליבליכער לאַשצען און ליובען. זי האָט איהם זעהער געליבט און זעהער געצערטעלט. און אין זיין קינדערשער נשמה איז זי געווען דאָס ליבסטע און דאָס טייערסטע ביי איהם. ער האָט דעם פאָטער אויך ליעב געהאַט... און אפשר טאַקי אַזוי פיעל וויא די מוטער...

— אָבער, פלעגט איהם אַמאָל איינפאַלען אַ געדאַנק — ווען דער טאַטע וואָלט נאָך אויפגעהערט אַרומשלעפּען איהם צו די גרויסע לייט, אַלע מאָל שפּילען פאַר זיי; ווען ער וואָלט אויפ־געהערט תמיד צו פלאַנעווען עפּעס אַזעלכע מאָדנע זאַכען פאַר איהם — וואָלט ער איהם נאָך מעהר ליעב געהאַט. און די גוטע אַלטע מוטער איז אין זיין קינדערשען שכל אויסגעקומען עפּעס חשוב'ער, ליבליכער. און ווען ער פלעגט פאַרגעסען די פיעלע אָפענע אויגען פון דעם פובליקום און פלעגט דערזעהען פאַר זיך דאָס טייערע פנים פון זיין מאַמען — דעמאָלט, פלעגט ער גוט שפּילען... גוט!...

אָבער ער פלעגט נאָך בעסער שפּילען; ער פלעגט שפּילען וואונדער שיין, ווען, אין זעלטענע מאָמענטען, פלעגט ווייט־ווייט אין דעם גרויסען, שוואַרצען רוים, וואוהין ער האָט געקוקט בעת דעם שפּילען פלוצלונג זיך בעוויזען דאָס קליינע, קיילעכדיגע מלאכים פנים'על פון זיין שטילען פריינד. דאָס קליינע, בילד־שיי־נע מיידעלע וואָס פלעגט זיצען אויף די שטיינערנע טרעפּ נעבען זיין פאָטערס שאַפּ און צוהערען זיך צו זיין שפּילען. זי איז געווען זיין פריינד, זיין טייערסטער פריינד צווישען די קינדער. ער האָט ניט געוואוסט פאַר וואָס. אָבער ער האָט געפילט, אַז ער פלעגט דערזעהען איהר שיין פנים פאַר זיך, פלעגט אַ ווייכע, גרינגע וואַרעמקייט איהם אַרומנעמען, און ווינענדיגע, פולסירענדע כוואַליעס פלעגען פליסען דורך זיין בלוט און דערגרייכען די האַנד ביים סמיטשעק און די פינגער ביי די סטרונעס. זיי פלעגען אָנציגדען זיין פנים, און דאָס בלוט פלעגט רואיגער פליסען אין זיינע אָדערען. די האַנט ביים בויגען און די פינגער ביי די סטרונעס פלעגען דע־מאָלט אַזוי טייפעליש קונציג אַרבייטען. און די כוואַליעס פון דעם

היסען, רווישענדיגען בלוט פלעגען זיך צונויפגיסען מיט די כוואַ־ליעס פון די טענער פון דער מוזיקע און אויסגיסען זיך אין אַ וואונ־דער פאָלער גן־עדן האַרמאָניע... און ער פלעגט שפּילען, וואונ־דערליך שפּילען... ער האָט עס געפּילט... אינווענינ, אין זיך געפּילט... זי איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שטיל, אַזוי שווייגענ־דיג — די קליינע, די ליבע, די האַרציגע... און איהר פּנים'על פלעגט איהם אַזוי בעגייסטערען.

אָבער פאַר פרעמדע האָט ער פיינט געהאַט צו שפּילען. און האָט זיך איצט געגרייט ניט ווילענדיג.

דוד רחלעס, פאַרקערט, איז געווען אין זיבענטען הימעל. זיין נשמה האָט געקוואָלען פאַר פרייד. ער האָט עס ניט אַרויס־געוויזען. ער האָט זי געפּרואווט איינצוימען, בעהאַלטען אונטער זיין אַלטען שוואַכען ראָק — זיין יום־טובדיגער הלבשה. אין דעם אַלטען ראָק, פאַרשפּילעט אינגאַנצען ביז אַרויף, האָט ער איצט אויסגעזעהען נאָך לענגער און דאַרער. נור די קאַלטענעוואַטע געלבליך־גרויע באָרד, וואָס האָט בעדעקט זיין ברוסט וויא אַ בעזים פלעגט אָפט אַ ציטער טהון און די לעבעדיגע קליינע אויגען האָ־בען געפינקעלט...

אַכט אַזייגער, אין אָבענד, איז ער מיט סעמי'ן געגאַנגען צום לייפּציגער מייסטער. די אַלטע האָט זיי בעגלייט ביז דער טיהר. און ווען זיי זיינען שוין אַוועקגעגאַנגען איז זי נאָך אַלץ גע־שטאַנען אויף דער שוועל. עפּעס מיט שרעק האָט זי זיי נאָכגע־קוקט און האָט שטילערהייד נאָכגעשיקט איהר ברכה, איהר טייע־רען, איהר קליינעם זוהנגניו...

* * *

ווען דוד רחלעס איז מיט סעמי'ן אַריינגעקומען צום לייפּציגער מייסטער, האָט דער מייסטער גיך איבערגעלאָזען זיין פריינדין—אַ יונגע דאַמע—ביי דעם ראָיאַל, און האָט זיך געהיילט צו בעגעגענען זיינע געסט. ביי זיך אין דער היים איז דער מייסטער געווען גאָר אַנ'אַנדער מענש. אויפגעלייגט פון דעם גרינגען שפּילערישען מוזיצירען ביי דער פּיאַנאָ, איז ער געווען אין דער גליקליכער, פאַרגלאָזער שטימונג פון אַ טרוימער, אַ קינסטלער—אַ ליבלינג פון די מוזעס. פריי פון דער בלישצענדיגער מאָדע. פריי פון דעם וועלטליכען פּוץ... זיין קורץ וועלוועטען זשאַקעט'ל, זיין לויטער, פריש-געגאָלט פּנים, זיינע מילדע אויגען פול מיט דעם אויסדריק פון גוטסקייט, זיינע לאַנגע, דיקע לאָקען, דאָ און דאָרט באַשאָטען מיט זילבער גרויע האָר, וואָס זענען צוריקגעלעגען איבער זיין קאָפּ און האָבען זיך געשליינגעלט איבער זיין האַלז און-נאַקען—האָבען איהם געגעבען אַנ'עכט-אַרטיסטישעם אויסזעהן. איצט איז ער באמת געווען דער גרויסער פרייער קינסטלער. ער האָט בעגעגענט זיינע פריינד מיט אַ ברייטער, ערדלער פריינדליכקייט.

— גוטען אַבענד, גוטען אַבענד, מיינע הערען—האָט ער מיט קינדערשער פרייד אויסגערופען.—איז דאָס דער מאַעסטרא?—

דוד רחלעס איז געשטאַנען אָנגעבויגען ביי דער טיהר און האָט מורא געהאַט אַ טריט צוטהון ווייטער. אין די הענט האָט ער נערוועז געקנייטשט זיין ווייכע הוט. ער האָט זיך אפילו דעם גאַנצען וועג געחזר'ט ווי אַזוי צו בעגעגענען דעם גרויסען הער. איז אָבער די בעגעגענעס אַנדערש אויסגעקומען ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, און דאָס האָט איהם אינגאַנצען צוטומעלט. זיין לאַנגע, דאַרע פיגור האָט זיך נור געניינט און געשאָקעלט, און זיינע ליפּען

האָבען שטיל איסגערעט. — גוט נאָבענד, גוט נאָבענד. —

סעמי האָט זיך בעהאַלטען אונטער'ן פּאָטער און האָט אויך געשטאַמעלט.

— קום אַוועק, קום אַוועק...

אויף אַ מינוט האָט זיך דער מייסטער אויך פערלוירען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צוטהון מיט זיינע שעמעדיגע געסט.

— קאָם יאַ, קליינער, קאָם קנאַבע. פירכטע ניכטס... עס ווירד דיר ניכטס געשעהען—האָט ער סעמי'ן איינגעלאָדען מיט אַ זים שמייכעל און האָט דערלאַנגט דעם אַלטען אַ שטוהל. דוד האָט זיך אָבער ניט געזעצט. עס האָט ניט געפּאַסט צו זיצען פאַר אַזאַ גרויסען מאַן. און ער האָט געפּרובט העלפען דעם מייסטער אַרויסנאַרען סעמי'ן פון זיין בעהעלטעניש.

— געה, נאַר, געה—האָט ער שטיל גע'טענה'ט צו סעמין און האָט זיך געוואָלט אומדרייען צו איהם. סעמי האָט זיך מיט איהם אַ דריי געטהון און איז אַלץ געבליבען בעהאַלטען פון הינטען. פון דאָרט—פון זיין בעהעלטעניש האָט ער נור געוואָרפען דערשראָקענע בליקען דאָ אויף דעם מייסטער, דאָ אויף דער דאַמע, וועלכע האָט אויף די געסט פריינדליך געקוקט.

פּאָן פירסט האָט געפּרובט אַנ'אַנדער וועג.

— קענסט דו שפּילען? האָט ער געפרעגט און האָט אָנגעוויזען אויף אַ פידעל, וואָס איז געלעגען אויף דער פּיאַנאָ. — קענסט דו שפּילען ווי איך קאָן? — סעמי האָט גיך אַ שאָקעל געטהון מיט דעם קאָפּ „ניין" און האָט זיך ווידער בעהאַלטען אונטער דעם פאָטער.

— דאַס זאָלטע דער יונגע זיין דען איך געסטערען געהערט האָבע—האָט דער מייסטער שטיל געזאָגט צו דער דאַמע. עפּעס

האָט ער איהר נאָר געזאָגט אין אַנ׳אַנדער שפראַך און זי האָט זיך אומגעדרייט צו די קלאַווישען פון דער פיאַנאָ. דער מייסטער האָט גענומען דעם פידעל. ער האָט אָנגעצויגען זיינע סטרונעס און האָט געשפּילט די בעקאַנטע מעלאָדיע. ער האָט געשפילט וויניאַווסקעס „לעגענדע". זי האָט אַקקאָמפּאַנירט.

סעמי האָט זיך צוגעהערט. פּאַמעלעך האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ... פּאַמעלעך, מיט מורא, ווי פון אונטער אַ פאָרהאַנג. האָט ער זיך צוגעהערט און איז ביסלעכווייז פאַרכּשוף׳ט געוואָרען פון דעם שפּילען. ביסלעכווייז איז ער אַרויס פון זיין בעהעלטעניש, נאָכגעפאָלגט מיט זיינע שטומפּפע אויגען די בעצויבערנדע בעוועגונגען פון דעם ווירטואָז. שפּעטער האָט סעמי, אונבעמערקט, פאַר זיך, שטיל צוגעקלאַפּט מיט דעם פוס צום טאַקט פון דעם שפּילען, און דער בלישצענדיגער פלאַקער, וואָס האָט פון צייט צו צייט אויפגעפלאַמט אין זיינע אויגען, די אָפּטע צוקונגען פון זיין שלעפעריג פּנים האָבען אָנגעוויזען, אַז עס וואַכט אויף אַ קראַפט, אַ גרויסע, אַ מעכטיגע קראַפט—צו גרויס און צו מעכטיג ער זאָל זי קענען בעהערשען.

— קענסטו שפּילען ווי איך קען? — האָבען איהם דעם מייסטערס ווערטער געקלונגען אין די אויער׳ן.

— אָה ווען ער וואָלט שוין געווען אַ גרויסער—וואָלט ער שוין געקענט—און איהם האָט זיך פלוצלונג פאַרוואָלט צו ווערען אַ גרויסער... אַ מאַן... אַזוי גרויס ווי דער מייסטער. און איהם האָט זיך פאַרגלוסט צו שפּילען. דער מייסטער האָט עס בעמערקט און ער האָט פאַרשטאַנען דעם אינערליכען באַגעהר פון דער קינדערשער נשמה. ער האָט פאַרשטאַנען זיין וואונש... און ער האָט געענדיגט.

דעמאָלט האָט סעמי געשפּילט. מען האָט געקענט אין זיין פּנים דערקענען וואָס עס האָט זיך אָבגעשפּילט אין זיין נשמה. זיינע אויגען זענען ניט מעהר געווען די שטומפּפיגע, טונקעלע אויגען וואָס זיי זענען פריהער געווען. זיי זענען איצט געוועזן די לעבעדיגע, פלאַמענדיגע אויגען פון דוד רחלעס. אין דער קינדערשער נשמה האָט דער אויפגעוואַכטער קינסטלער בייגעקומען די מורא.

אין ער האָט געשפּילט וויניאַווסקעס „לעגענדע“ וואונדערליך, געטליך. ווידער האָבען די לאַנגע, וויינענדיגע אַקקאָרדען געמאָלען פאַר דעם מייסטערס אויגען לעגענדאַרישע בילדער פון מענשליכע ליידען און מענשליכען מאַרטירטהום און ווידער, ווי נעכטען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָט זיך דעם מייסטער אויסגעוויזען, אז טיעף, ערגעץ וואו אונטער די אַקקאָרדען פון וויה־געשרייען און שמערצען הערט זיך אַן אויפבּרויזענדער רוף—אַ שוואַכינקער פון אָנהויב, אַ ציטערענדיגער, אָבער וואָס וויטער הויבט ער זיך העכער און העכער אויף אין קראַפט און ברייטקייט... און שוועבט ביזן הימעל—און טראָגט אין זיך אַ גרויסע, אַ גליהענדיגע האָפנונג אויף גליק און אויף לעבען פאַר מענשען. און דער מייסטער האָט פאַרשטאַנען די אמת'ע בעדייטונג פון דער „לעגענדע“. ברייטער ווי ער האָט געדאַכט האָבען זיך אויסגעשפּרייט די גרויסע, טיפע הארכאָניען איהרע. ער האָט תמיד געוואוסט, אז די וויינענדיגע און הערצליכע טענער פון דער „לעגענדע“ זענען די טיפע, פאַרוויהטיגטע נשמה־געשרייען פון איהר בעשעפער—אַ קינד פון דעם גלות אַליין. איצט אָבער, ווען די וועה-געשרייען זענען אונבעוואוסטערהייד דורכגעגאַנגען דורך דער וואונדער נשמה פון אָט דעם קינד פון דער גטאָה, האָבען זיי ניט

נור פאַנאַנדערגעטראָגען די אונענדליכע וועה-געשרייען, וואָס די קינדערשע נשמה האָט בירושה איבערגענומען פון דור דורות, נור זיי האָבען נאָך געשיינט צו פעראייניגען אין זיך אָנצעהליגע טע־נער, וואָס האָבען זיך ווי אין אַ נעבעל געוויגט און געקלונגען מיט אַ ליכטיגער האָפענונג אויף גליק און אויף לעבען פאר די פארוואָגעלטע. און דער מייסטער האָט פארשטאַנען די „לעגענדע". און דאָס קינד האָט ווייטער געשפּילט.

דער מייסטער איז געזעסען פאַרטראַכט. דעם קאָפּ האָט ער אָנגעשפּאַרט אויף זיין האַנט און האָט געקוקט, פאַרוואונדערט גע־קוקט אויף די בעוועגונגען פון דעם קינד.

— אַ וואונדער־קינד—האָט ער געטראַכט.

און סעמי האָט געשפּילט. ער האָט אַלעמען פאַרגעסען, זיין וואונדערבאַרע האַנט האָט ווייך און עלאַסטיש געפירט דעם בויגען איבער די טאַנצענדיגע סטרונעס. און זיי האָבען געזונגען, געזיפצט און געלאַכט; געזונגען גן־עדן געזאַנגען. און די טענער האָבען געשוועבט און צעשפּרייט זיך אין דער ציטערענדיגער לופט, און האָבען פארטרונקען די נשמה אין אַ ים פון געפיהלען. זיי האָבען אַראָבגעקלונגען אין די טיפסטע ווינקעלעך פון איהר און האָבען אַ מאָל געבראַכט וואַרעמע טרערען אין די אויגען און אַנ׳אַנדערס מאָל טאַנצענדיגע פרייד אין האַרצען. און סעמי האָט געשפּילט. ער האָט ניט געקוקט אויף זיין פידעל, ער האָט ניט געזעהען די מענשען אין צימער. אין אַ פונקט—ערגעץ ווייט אין דעם רוים—האָט ער זיין מוטער געזעהען. די טייערע אַלטע מו־טער. און נעבען איהר דאָס מלאכים׳שע קליינע פנים׳ל פון זיין שטילער פריינדין. זי איז געזעסען אויף די שטיינערנע טרעפּ. או. האָט זיך צוגעהערט צו זיין שפּילען. און ער האָט זיך ענטציקט

געטראָגען אין קינסטלערישער התלהבות אין יעדער בעוועגונג פון זיינע פינגער, אין יעדער בעוועגונג פון זיינע הענט. עס האָט זיך געדוכט, אַזוי ווי זיינע בעוועגונגען וואָלטען צעוואָרפען כוואַליעס פון וואונדער־אַקקאָרדען, וועלכע זענען געווען דער אויסדרוק פון זיין נשמה, פון זיינע קינדערישע וואונשען און בעגעהרען. און די אַקקאָרדען האָבען זיך כוואַליעס־וויז געטראָגען אין דער הויך, זיי זענען געפלויגען און געצויגען זיך אַרויף צו אונבעקאַנטע ספערען, וואו זיי האָבען זיך פערוואַנדעלט אין אַ רעגען פון וואונדער־קלאַנגען, וואָס האָבען אין אַ הימעלשער שפּראַך געשושקעט איהם זייער הייליגע ברכה און האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז זיין בעגעהר וועט דערפילט ווערען. — און ער האָט געגאַרט נאָך איין זאַך — צו זיין אַ גרויסער.

אין זיין שפּילען, אין זיין וואונדערליכער קונסט איז ער געווען אַ גרויסער... ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער.

און דער מייסטער האָט איהם מיט אויפגעהאַלטענעם אָטעם געהערט. די דאַמע האָט איהם געהערט און בעוואונדערט. דוד רהלעס איז געשטאַנען ביי דער טיהר, אויף דער שוועל, זיין גאַנצער קערפּער אויסגעצויגען פאָראויס, די קנייטשען פון זיין פּנים צעצויגען פון דער גרויסער פרייד, וואָס האָט געשטראַהלט אין עם. זיינע אויגען זענען געווען וויים אָפען, פלאַמענדיג מיט פרייד. ער איז געשטאַנען און זיין אַיינגעדאַרטע ברוסט האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָב מיט דער קראַפט פון שטורמישע געפילען; און זיינע ליפּען האָבען קוים־קוים געשאָקעלט זיך און געמורמעלט.

— ער האָט אַ טאַלאַנט... ער האָט אַ טאַלאַנט...

און דאָס קינד האָט געענדיגט. די דאַמע איז צוגעלאָפען צו

איהם, האָט זיך געשטעלט אויף די קני נעבען איהם און האָט אָנגעכאַפּט זיינע הענט, וואָס האָבען נאָך דעם פידעל און בויגען געהאַלטען און האָט איהם מיט פרייד געקושט...

— וואונדערפאָל, וואונדערפאָל—האָט זי געשריגען און האָט איהם געקוקט אין פּנים אַריין, דער מייסטער איז נאָך געזעסען ווי פאַרשטיינערט אין זיינע טיפע איינדריקען. ענדליך איז אויך ער אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו דוד רהלעס.

— אַלטער--האָט ער געזאָגט מיט אַ קלאָהרער שטימע און יעדער וואָרט האָט געקלונגען הילכיג און שאַרף.

— אַלטער, דו האָסט איין וואונדער פּערעל אין דיינער קראָהנע!...

דוד רהלעס האָט געציטערט און געוויינט פאַר פרייד.

— יאָ, האָט דער לייפּציגער מייסטער ווייטער געזאָגט— לאָז איהם מיט מיר נאָך אייראָפּאַ פאָהרען; לאָז איהם דער גראָ-סער מייסטער זיינער קונסט ווערדען.

— קיין יאָראָפּ?—האָט דוד רהלעס אויסגערופען דערשראָ-קען—גאָט, ניט דאָ?...

— ניין, ניכט דאָ.—האָט דער מייסטער איראָניש גע-שמייכעלט—דאָ האבט איהר יאָ קיינע לעהרער פיר איהם.—דוד רהלעס האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ. ער האָט גע-וואוסט, אַז עס איז אַ'אמת, ווייל דער גוטער אַלטער לעהרער סעמי'ס, וואָס האָט מיט איהם פון קינד-וויים-אָן געלערענט און האָט אונבעוואוסט פאַר דער וועלט ביסלעכוויז איבערגעגעבען איהם די צעפּליקטע ברעקלעך פון זיין אייגענער נשמה, פון זיין אייגענעם פאַרלוירענעם טאַלאַנט; יענער גוטער מענש, וועלכער האָט יאָהרען-לאַנג ווי פון אַ געטליכער לייס סעמי'ס קינסטלערישע

נשמה אויסגעקנאָטען—ער האָט שוין לאַנג געזאָגט, אַז דאָ זענען ניטאָ קיין לעהרער פאַר איהם. דוד רחלעס האָט געוואוסט, אַז עס איז אַנ׳אמת.

— אָבער, מיין הער, קיין יאָראָפּ, ווי קען איך? איך בין אַנ׳אָרימאַן. — האָט דוד רחעלעס פאַרזאָרגט קוים אויסגערעט. און האָט געפילט אַ שרעקליכען ווייהטאָג אין האַרצען. איהם האָט זיך שוין אויסגעדוכט, אַז ווידער ווערען זיינע האָפּענונגען צעשלאָגען אויף שטיקער.

— אָה, דאַפיר זאָרג ניכט, אַלטער. ער ברויכט קיין געלט. לאָס איהם מיט מיר געהען. איך ווערדע איהם פערזאָרגען... ער ווירד דיר נאָך געלט ברייגגען... אָה, יאַ... וואַרט 'מאַל—האָט דער מייסטער געטרייסט דוד רחעלעס, — יאַ, יאַ... אַלטער, די וועלט פערשטעהט דאָך, מאַנכעס מאַל, די גאַבען דער געטער צו שעטצען... האָט ער געשפּאַסט און האָט אין זינען געהאַט זיין ערפאָלגרייכען טור אין אמעריקאַ.

— פירכטען זי ניכט—האָט די דאַמע געזאָגט צו דוד׳ן און האָט צערטליך געקושט דאָס קינד.

— איך ווערדע פיר איהם זאָרגען. ווירסט דו מיך ניכט ליעבען? — האָט זי סעמען קינדערש־נאַאיוו געפרעגט. סעמי׳ס אויגען האָבען שוין ווידער אויסגעזעהען שטומפּפיג... מאַט... און ווידער האָבען די שטריכען פון זיין פנים אויסגעדריקט שרעק... עפּעס האָט ער אַ שאָקעל געטהון מיטן קאָפּ, אַבער קיינער וואָלט ניט געקענט זאָגען, צו האָט ער געמיינט יאָ צו ניין...

— איבערלייגע דיר די זאַכע, אַלטער, און לאָס מיך ווי־סען. — האָט דער מייסטער געזאָגט—אָבער געדיינקע דאָך, פאַן דעם היינגט יאַ אַלעס אַב... זיין גליק... זיין טאַלענט... האָט

דער מייסטער צוגעלייגט און האָט זיך געזעגנט מיט זיינע געסט.

— פאַר זיין גליק... פאַר זיין טאַלאַנט—האָט דוד רחלעס צעמישט געשטאַמעלט און האָט געשאָקעלט טרויעריג מיט דעם קאָפּ—גאָט... וואָס וואָלט איך ניט געטהון פאַר זיין טאַלאַנט... וואָס טוהט ניט א טאַטע פאַר זיינע קינדער... און אין זיין ברוסט האָט ער געפילט עפּעס אַזוי מאָדנע שווער און אַזוי מאָדנע גרינג. עפּעס האָט זיך אין זיין נשמה געראַנגעלט... עפּעס האָט איהם גליקליך געמאַכט און עפּעס האָט פאַרשטערט זיין גליק...

* * *

אינדערהיים האָט די פאַמיליע געוואַרט. אַלע האָבען גע־וואָלט הערען די נייעס. וואָס וועט זאָגען „דער פּראָפעסאָר". דער אַלטער'ס האַרץ האָט איהר עפּעס געזאָגט ניט צו גוטען. עס האָט געטיאָכקעס, אַזוי ליאַרעמדיג געקלאַפּט...

— דער טאַלאַנט, דער טאַלאַנט—האָט זי אַזוי אָפט גע־הערט—קיין גוטס וועט מסתמא ניט אַרויסקומען פון דעם טאַ־לאַנט—האָט זי געטראַכט.

ווען דוד איז אַריינגעקומען אין הויז האָט מען געזעהען, אַז ער איז גליקליך. ער האָט ניט געקענט בעהאַלטען זיין גרוי-סע פרייד.

— נו, נו, וואָס הערט זיך—האָבען אַלע געוואָלט וויסען.

— מיר זענען גליקליך... מיר זענען גליקליך... האָט דוד רחלעס מיט פרייד געענטפערט.

— וואָס הייסט? וואָס איז? וואָס זאָגט ער?—האָט יע-דער בעזונדער געפרעגט.

— וואָס זאָל ער זאָגען ? וואָס זאָל עס הייסען ?.. ס'הייסט, אז איך שיק איהם קיין יאָראָפּ. — האָט ער פעסט געזאָגט.

— קיין יאָראָפּ ? קיין יאָראָפּ גאָר ? — האָבען זיך אַלע פאַר־וואונדערט.

— וועה איז מיר געשעהען ! אַהיים גאָר ! קיין רוסלאַנד... דוד, וואָס רעדסטו ? דאָס קינד אַליין, אַהיים ? האָט די אַלטע ניט פאַרשטאַנען.

— קיין יאָראָפּ, זאָג איך, ניט אַהיים. קיין דייטשלאַנד שיק איך איהם, מיט'ן פּראָפעסאָר, פאַרשטייסט ? — האָט ער איהר ענטשלאָסען געענטפערט.

— גאָטעניו, גרויסער גאָט ! — האָט די אַלטע אויסגעבראָ־כען אין אַגעוויין — ווייה איז מיר, ווייה איז מיר... דוד, דו וועסט זיין זיין מלאך־המות — האָט זי די הענט געבראָכען און האָט גע־קלאָגט. און איהרע אויגען, די גרויסע שטאַרצענדיגע אויגען, שטומפּפיגע און אויסדריקסלאָזע ווי סעמיים, האָבען געפלאָסען מיט טרערען.

דוד רחלעס האָט אויף איהר נור אַבייזען קוק געטהון. ווער האָט זי דען געפרעגט ?

— וואָס ווייסט אַ אידענע אין אַזעלכע זאַכען ? פלעגט דוד זאָגען, און ביי זיך אינדערהיים איז דאָך דוד רחלעס געווען דער בעל־הבית... דער טאַטע... דער האר, וועמען אַלע דאַרפען הערען און פאָלגען...

און דאָס קינד, דאָס וואונדער קינד איז געפאָהרען קיין אייראָפּאַ.

* * *

דעם פריהמאָרגען, ווען סעמי האָט געדאַרפט אויפוואַכען, איז אַ קאַרעטע צוגעפאָהרען צו דוד רחלעס שאַפ און האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע געזינדל צו דער שיף. אין אַ שעה אַרום האָט זיך שוין די גאַנצע פאַמיליע געזעגענט מיט סעמיין אויף דעם דעק פון דעם ערשטען קלאַס פּאַסאַזשירען. אַלע האָבען געוויינט. דער איינציגער פון דער פאַמיליע, וואָס האַט איינגעהאַלטען זיינע טרערען איז געווען דוד רחלעס אַליין. איהם האָט נור פאַרקלעמט דאָס האַרץ ... עס איז איהם עפּעס געווען קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, אָבער ... ער האָט ניט נאָכגעגעבען ... ער האָט געפּרובט פאַרנעהמען זיינע געדאַנקען ... און האָט געטראַכט פון דער צוקונפט. ער האָט זיך געפּרובט פאָרשטעלען די צייט, ווען זיין זוהן וועט זיך אומקעהרען דער גרויסער מייסטער—דער טייערער פּערעל פון זיין קרוין.

— דעמאָלט וועט דאָס זיין אַ פרייד, אַ שמחה!—האָט ער זיך געפּרובט בעגייסטערען.

— און וויפיעל געלט וועט ער ברייגנען?... אָבער וואָס איז געלט?..

די פריינד און די בעקאַנטע פון די פּאַסאַזשירען זענען שוין לאַנג אַראָבגעגאַנגען פון דעם בריטען, הילצערנעם בריק, וואָס איז געווען איבערגעלייגט פון דער שיף צום האַפען. נור סעמי'ס אַלטע מוטער איז נאָך געשטאַנען אויף דעם דעק און האָט בעגאָסען איהר קינד מיט הייסע טרערען. זי האָט זיך ניט געשעמט פאַר די נייגעריגע פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום

זיי. זי האָט איהם געהאַלטען אין איהרע דאַרע אָרעמס, האָט געװיינט אויף'ן קול און האָט איהם געהאַלזט און געקושט.

— קינד מיינס, טייער'ס—האָט זי געקלאָגט—ווער ווייסט צו וועל איך נאָך דערלעבען דיך צו זעהען. — ער האָט זי אויך מיט זיינע הענט אַרומגענומען און האָט זי געהאַלזט און געקושט. פריהער, אין די עטליכע טעג, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט צו'ם פאָהרען, האָט דאָס פאָהרען ביי איהם אַרויסגערופען אַ דערהויבענעם געפיהל פון נייגעריגקייט. — פאָהרען אויפ'ן ים, מיט אַ שיף... עפּעס האָט זיך איהם געדוכט, דאָס עס דאַרף זיין אַזוי גוט... אָבער איצט, אין דער מוטערס אַרעמס... האָט איהם דאָס פאָהרען געשראָקען... ער האָט מורא געהאַט, און אַ געפיהל פון חרטה האָט איהם געמאַטערט און געפּלאָגט. די שיף האָט שוין צום צווייטען מאָהל געפייפט איהר אַבשיידס־סיגנאַל, אָבער די אַלטע האָט איהר קינד ניט אָבגעלאָזען. איהר האַרץ האָט זיך אין שטיקער געריסען, און אינווייניג אין דער ברוסט האָט עפּעס ווי געטריפט דאָס בלוט. איהרע פּיס האָבען זיך אונטערגעהאַקט, און ווען מען האָט זי מיט געוואַלד אָבגעריסען פון איהם און אַרונטער געפיהרט איבער'ן בריק צו'ם האַפען איז זי שיער צו דער ערד ניט געפאַלען. אבער, „אַ אידענע דאַרף זיך ניט אַריינמישען אין אַזעלכע זאכען", האט געזאגט איהר האַר, איהר מאַן, דוד רחלעס. און זיין ווארט איז ביי איהר—דער אַלט־מאדישער אידישער פרוי—געװען אַ געבאט. און זי האט איבערגעלאזט איהר קינד, איהר טייערען זוהן „אויף דעם חסד פון גאט"... און דעם יושר פון די כוואַליעס פון דעם ים... און האט געקלאגט, יאמערליך געקלאגט.

דעם שווערען הילצערנעם בריק האט מען שוין אויפגעהויבען. עטליכע שטאַרקע מאַטראסען מיט גרויסע פאַרהאַרטעוועטע הענט

האָבען עס פון דעם האַפען געצויגען אויף זיינע אייזערנע קייטען אַרויף אויף דער שיף. מיט זייערע דיקע הייזעריגע שטימען האבען זיי אנגעפיהלט דעם האַפען.

— הי—הו—הו—אָ האט געהילכט מיט יעדען ריהר, — הי—הו—הו—אָ... האָבען זיי געשריגען מיט יעדען שלעפּ אַרויף... און דער הילצערנער בריק האָט זיך מעהר און מעהר אָבגעטיילט פון דעם האַפען, מעהר און מעהר פאַרשוואונדען איז ער אויף דער שיף... רעשיג און טומעלדיג איז געוואָרען אויפ'ן דעק און אויפ'ן האַפען. די פריינד אויף דעם האַפען האָבען זיך געזעגענט מיט די פּאַסאַזשירען אויף דעם דעק, און יענע האָבען זיך געשטופּט און געשפּאַרט צו די אייזערנע גראַטעס פון דעם באָרט.

— לעבט וואָהל—האָבען די פּאַסאַזשירען גערופען און געמאַכט מיט די הענט, מיט די היט און טיכלעך—לעבט וואָהל.

— אַ גליקליכע רייזע—האָבען די פריינד זיי געוואונשען—און טיכלעך האָבען געפלאַטערט ווי פאָהנען און הוטען האָבען געוויהט מיט פריינדליכע גרימען.

— לעבט וואָהל, לעבט וואָהל...

— אַ גליקליכע רייזע, אַ גליקליכע רייזע—האָבען זיך פערשידענע קולות אין פערשידענע שפּראַכען געהערט. און פריינד האָבען צו זייערע ליעבע הילכיגע לופט-קושען געשיקט. וועןניט-וועןהאָט זיך אַ שטילער כליפּען געהערט. אויף דעם האַפען האָבען פריינד לוסטיג געזונגען צו זייערע טייערע אַ מונטער זייגעזונד-ליעד. דוד רהלעס האָט געקוקט פון דעם האַפען אויף די פּאַסאַזשירען, אויף דעם לייפּציגער מייסטער און אויף זיין אייגען קינד. און ער האָט געפיהלט, איצט האָט ער דערפיהלט... אַז זיינע חלומות הייבען זיך אָן צו פערווירקליכען. דער גרויסער

דאַמפּפער—דער לויתן—האָט אויף זיין משונה־ווילדען הייזעריגען דאַמפּף־קול אויסגעשריגען זיין לאַנגען לעצטען זיי־געזונד. די מענ־שען אויף דעם האַפען האָבען זיך אַ לאָז געטהון לויפען צום עק פון דעם האַפען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם אָפּענעם ים. דאָרט האָבען זיי געוואָלט כאַפּען דעם לעצטען קוק אויף זייערע ליעבע, שיקען זיי נאָך אַמאָל אַ לופט־קוש און אַ גערוס פון דעם ברעג... און זעהען ווי די גרויסע, שטאַרקע, טונקעל־גרינע כוואַ־ליעס פון דעם אָקעאַן וועלען אַרויסטראָגען אויף זייערע גליטשיגע פּלייצעס די גרויסע מאַכינע און שפּילען זיך מיט איהר ווי מיט אַ שפּילכעל... זיי האָבען געוואָלט, אַז זייער האַרץ זאָל אַ ציטער טהון פאַר זייערע טייערע. און זיי זענען געלאָפען צום עק־האַפען... אַלע... אפילו די אַלטע, סעמי׳ם מוטער אויך...

דוד רחלעס איז געבליבען אַליין. ער האָט נאָך אַלץ גע־קוקט אויף דער גרויסער שיף און האָט פון עפּעס גע׳חלום׳ט...

פּלוצלונג, האָט זיך די גרויסע מאַכינע אַוועג געטהון... אַ שאָקעל געטהון... אַ ריהר געטהון... אָבגעגאַנגען... פאַר זיינע אויגען האָט עפּעס אַ בליטץ געטהון, אינוויינינ האָט זיך עפּעס אָבגעריסען... אַ שוואַרצער באַרג האָט זיך פאַר די אויגען געוואַ־קעלט און דוד רחלעס האָט זיך ווי אַ שכור געשאָקעלט... איהם איז געוועזן פינסטער אין די אויגען און אַלעס האָט זיך געדרייט... ער איז בלייך געוואָרען ווי דער טויט, און איהם האָט זיך געדוכט אָט־אָט וועט ער אומפאַלען. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט פאַר עפּעס זיך אָנכאַפּען... האָט אָבער נור די לופט אין דער האַנט דערטאַפּט. ער איז ניט געפאַלען. ער האָט זיך געשאָקעלט אַ ווײַלע און האָט דעם וועג ניט געזעהען.

די מענשען, דאָרט אויף דעם ברעג פון דעם האַפען, האָ־

בען געשריגען און געליארעמט, געוויהט מיט די טיכלעך, געזע־
גענט זיך און געזונגען מונטערע געזאנגען.

— א גליקליכען וועג ... א גליקליכע רייזע ...

— לעבט וואהל, לעבט וואהל ...

— דוד רחלעס האט ניט געוואגט זיך אומדרייען און א קוק
טהון אהין. פאמעלעך האט ער זיך געווענדעט צוריק און ווי
א שכור האט ער אין דער טונקעלהייט פאר זיינע אויגען געזוכט
דעם וועג—אוועקצוגעהען ...

VI.

דריי וואכען שפעטער איז געקומען א בריעף פון סעמיין.
און ער האט געשריבען:

— טאטע, טייערער טאטע, איך האב א טאלאנט, א גרוי־
סען טאלאנט, אלע זאגען דא, אז איך האב א גרויסען טאלאנט.

אבער דוד רחלעס האט דעם בריעף ניט געלעזען. ער
האט איהם ניט געקענט לעזען. ער האט אפילו ניט געקענט
הערען די ליבע, זיסע ווערטער ... ער האט שוין ניט גע'חלומ'ט
און ניט געביינקט נאך דער גרויסער צוקונפט פון זיין קינד ... ער
איז שוין ניט געווען. פון א הארץ־פעהלער, צו פון א פערקילונג—
דאס האבען די דאקטוירים ניט בעשטימט, אבער פון יענעם פריה־
מארגען אן איז ער שוין קיינמאהל צו זיך ניט געקומען.

ער איז שוין ניט געווען ... און האט איבערגעלאזען דעם
טייערען פערעל פון זיין קרוין—זיין וואונדער־קינד—א גרויסע
ירושה פאר דער געטאה ...

אָהן אַ נָאמֶען

זי איז געזעסען אויף דער שטיינערנער שוועל פון אַ גרויסער קלייט, אָנגעשפּאַרט אָן דער הילצערנער ראַם פון דעָר טיהר. עס איז געוועז אַ פֿאַרטאָג פון אַ קאַלטען, פראָסטיגען פריהמאָרגען. איהר קליינער איינגעהויקערטער קערפּער האָט געפראָהרען און גע־ציטערט פון קעלט!...

ער האָט זי באַמערקט, ווען ער איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען אויף דעם טראָטואַר פון דער שטילער גאַס, וואו אַלעס האָט נאָך פעסט געשלאָפען. דאָס ליכט פון אַ גאַסען־לאָמפּ האָט זיך אָבגע־שפּיגעלט אין דער גרויסער קאָלירנער פלאַש פון אַן אַפּטייקערס פענסטער און פון דאַרט האָט עס געוואָרפען אַ שוואַכע בלאַסע שיין אויף איהר צונויפגעדרייטען גוף. עס איז געווען אַ טרויעריג, אַ שוידערליך בילד!

אויף אַ מינוט האָט איהם די פיגור פון אַ פרוי אָהן אַ הוט און אָהן אַ מאַנטעל עפּעס אַזוי וויא צוגעשמידט צום אָרט און ער האָט זיך אָבגעשטעלט. געקוקט אויף איהר פאַרוואונדערט. זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען פון אונטער איהרע ברעמען און

האָט גנב׳יש געקוקט אויף איהם, בעהאַלטענדיג דאָס מאָרדעלע פון איהר קינדערש פנים אין איהרע אויפגעשטעלטע, צונויפגעבויגענע קניען וועלכע זי האָט פעסטער און פעסטער געדריקט צו איהר קערפּער און... האָט געציטערט פאַר קעלט!...

די גאַס, די גרויסע רעשיגע גאַס פון הענדלער און טענדלער. אויף דער איסט סייד *) האָט אויסגעזעהען וויא פאַרוויגט אין דער שטילקייט — איינגעהילט אין דער פינסטערניש פון דער קאַלטער נאָוועמבער־נאַכט. די הייזער פון דער גאַס, איהרע קליי־טען, איהרע לעבעדיגע קאָפּע־הייזער, אפילו די סטאַנציע פון דעם גאַסען־אייזענבאַהן אויף דער עק גאַס זיינען געווען פאַרזונקען אין אַ וואונדערבאַרען מאָמענט פון רוהע און שטילקייט. אַמאָל נור, זעלטען ווען, האָט זיך די שטילקייט איבערגעריסען פון דעם זידי־גען און קרעכצענדיגען אָטהעם פון אַ לייפענדיגען מאָנסטער — פון אַנ׳אייזענבאַהן — וואָס האָט זיך אין זיין פייער און דאַמפּף מיסיאָן היילענדיג געטראָגען צו — און פון־דער סטאַנציע.

און ער איז געשטאַנען אין דער רוהיגער שטילקייט פון דעם פריהמאָרגען ביז אין דעם טיפסטען ווינקעלע פון זיין נשמה גערירט.

— אַנ׳אונגליקליכע, אַ פאַרלאָזען קינד. — איז דורכגעפלויגען אין זיינע געדאַנקען.

— פאַר וואָס געהסטו ניט אַ היים שלאָפען? — האָט ער עפּעס ניט ווילענדיג געפרעגט און איז צוגעגאַנגען צו דעם קליי־נעם בעשעפעניש וואָס איז אַזוי איינגעשרומפּפען און צונויפגעקאָר־טשעט געזעסען אויף דער שוועל.

---

*) די טהייל שטאט פון דער אידישער געטאה

זי האָט ניט געענטפערט. אָבער איהר קוק איז געווען אַזוי משונה׳דיג... עס האָט אויסגעזעהען אַזוי וויא זי וואָלט איהם אי געבעטען אי געשטראָפט. שטילערהייד האָט איהר קוק גערעדט צו איהם עפּעס ווערטער וועלכע ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

ער איז צו איהר נעהענטער צוגעגאַנגען. ער האָט זיך איינגעבויגען איבער איהר און האָט זי נאָך אַמאָל געפרעגט.

— פאַר וואָס געהסטו ניט אַ היים, קינד? פאַר וואָס געהסטו ניט אַ היים שלאָפען? האָט ער פריינדליך אָנגעריהרט איהר שוואַכינקען אַקסעל. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון איהרע צונויפגעפרעסטע קניען, האָט איהם חוצפהדיג פאַרבויגען אויף אַ זייט און האָט מיט אַ שאַרפען בליק איהם אָנגעקוקט. זיין קערפּער האָט אויף אַ רגע פאַרשטעלט דאָס ליכט וואָס איז אויף איהר געפאַלען, און אין דער טונקעלער שיין פון די פריהמאָרגענדיגע שטונדען האָט איהר קיילעכדיג קליין פּנים׳על אויסגעזעהען בלוי, פאַרפראָרען... שרעקליך...

— איך האָב ניט קיין היים... איך האָב ניט וואו צו געהען. — האָט זי טרויעריג געמורמעלט און אַ הייזעריגע, וויינענדיגע נאָטע האָט געקלונגען אין איהר קינדערשען קול.

— מיין גאָט, האָסט ניט קיין היים? קיין היים האָסטו ניט?... האָט ער איבערגעחזר׳ט און אַ קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען זיין קערפער און האָט איהם אויף אַ מינוט אַריינגעוואָרפען אין אַ שוידער. ער האָט געציטערט, דוכטזיך, אין אנקלאנג מיט איהר פאַרפראָרענעם קערפער.

— אָט — האָט ער אויסגעשריען און האָט אויף גיך אַריינגעלייגט זיין האַנט אין טאַש. ער האָט אַרויסגעצויגען פון דאָרטען אַ זילבערנע מטבע. — נאַ, נעם... אָט דאָ באַלד קענסטו קריי.

גען אַ וואַרעם צימער און עס וועט דיר נאָך בלייבען גענוג אויף מאָרגען אויף איבערבייסען. נו, געם-זשע, קינד, נעם...

זי האָט איהם אָנגעקוקט. איהרע אויגען זיינען געוואָרען גרעסער. זיי האָבען געפלאַקערט מיט אַ ווילדען פייער וואָס האָט געפינקעלט אין דעם שטראַהל פון ליכט וואָס האָט זיך דורכגע־גנב'עט, ווען ער האָט איבערגעביטען זיין פלאַץ, און האָט בעלויכ־טען איהר פאַרפראָרען פנים. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ גדלות'דיגען, ברענענדיגען קוק — און טראָטץ און פעראַכטונג האָבען זיך אָבגעשפיגעלט אין איהרע אויגען.

— פססס — האָט זי אויסגעשפּיעט מיט איהרע ליפען מיט אַ מאָדנע חוצפה. — איך בין נים קיין בעטלערקע, מיין הער, ניין, איך בין ניט... האָט זי געזאָגט מיט אַ ביטערער איראָניע און שמאָלצער פעראַכטונג אין איהרע געציילטע ווערטער. און האָט מיט איהר האַנט ענערגיש אָבגעשטויסען זיין האַנט מיט דער מטבע.

— ניין, קינד, — האָט ער גערופט צו טרייסטען זי. — איך ווייס אז דו ביסט ניט קיין בעטלערקע, אָבער דו מוזט זיך ערגעץ וואו דערוואַרעמען; מוזט דאָך געהען שלאָפען אין אַ וואַרעם בעט, אַ ניט וועסטו נאָך חלילה ביז אין דערפריה דערפראָרען ווערען אין מיטען גאַס. קינד, נאַ, געה... האָט ער זי פריינדליך און ערענסט געבעטען.

זי האָט ניט געענטפערט. נור אַ שטילער כמעט אונגעהער־טער הייזעריגער נעלעכטערעל האָט זיך ווי אַ וואַסערעל געגאָר־געלט אין איהר האַלז... און זי האָט ווידער אַראָבגעלאָזען איהר קאָפּ און האָט בעהאַלטען איהר מאָרדעלע אין איהרע צונויפגע־דריקטע קניען. פונקט ווי זי וואָלט זיך ווידער אומגעקערט צו

איהר כּשוף'דיגען חלום פון גליקליכערע טעג און גלענצענדערע יאָהרען, וואָס דאָס לעבען האָט נאָך פאַר איהר אין דער צוקונפט געהאַט. און זי וואָלט זיך איצט געוואַרעמט ביי דעם פלאַם אין דער ליכטיגקייט פון יענע האָפענונגען... דעם חלום איהרען, וואָס ער האָט אַפּנים אומזיסט און אומנישט איהר איבערגעשלאָגען. ער איז נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט נעבען דער משונה'דיגער קליינער בעשעפעניש און האָט איהר אַלץ פאָרגעשלאָגען זיין פריינדליכע הילף; אָבער זי האָט מעהר ניט געקוקט אויף איהם. זי האָט איהם, דוכטזיך, מעהר ניט געהערט.

און ער איז פאַרוואונדערט, לאַנגזאַם אוועקגעגאַנגען זיין וועג.

* * *

פאַרלאָרען אין זיינע געדאַנקען איז ער זיך לאַנגזאַם געגאַנגען. די מערקווירדיגע פּאַסירונג האָט אויפגעוועקט אין איהם פאַרשידענע אידעען. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי איהם עפּעס ניט ווילענדיג אַרויסגעריסען אַן אויסגעשריי.

— די משונה'דיגע קליינע בעשעפעניש! די מערקווירדיגע קליינע בעשעפעניש! אָבער ווער איז זי — האָט ער געטראַכט — די פאַרלאָרענע, דאָס הילפלאָזע קינד? האָט זי עלטערען? איז זי אַ משוגענע, אָדער אפשר איז זי גאָר שכּור, ווער ווייסט? זי האָט זיך אָבגעזאָגט צו נעמען נעהטיגע הילף. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? און וואָס האָט געקענט בעדייטען איהר בעטענדיגער קוק אין איין סעקונדע, און איהרע חוצפּה'דיגע אויגען טאַקי באַלד אין דער זעלבער מינוט? וואָס האָט בעדייט איהר גאַנץ בענעהמען זיך אַזוי

מאָרנע, משונה׳דיג — האָט עס איהם ניט צו רוהע געלאזט. און וואָס ער האָט ניט איבערגעטראַכט — זי האָט ער דאָך ניט פאַר־שטאַנען. און ווי עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט פריי ווערען פון די אַלע געדאַנקען. זיי האָבען זיך אָבער געקלעפּט, איין גע־דאַנק צום אַנדערען, ביי איהם אין קאָפּ, און האָבען איהם געמאַ־טערט וויא אַ רעטעניש... פּלוצלונג האָט ער דערהערט גרינגע אָבער גיכע טריט הינטער זיך.

די גרויסע רוהיגע גאַס האָט זיך אָנגעהויבען אויפכאַפּען פון איהר שלאָף און האָט זיך ביסלעכווייז אומגעקערט צו איהר רעש׳י־גען לעבען. די ערשטע סימנים פון איהר לעבען — דאָס קלאַפּען און דער טומעל פון אַ מילך וואָגען, וואָס איז האסטיג געפאָהרען איבער איהרע שטיינער, האָבען אָנגעפילט די גאַס מיט ליאַרעם אויף אַ פּאָר מינוט. אָבער ווען דער רויש איז שטילער געוואָרען, ביסלעכווייז, פּאַמעליך פאַרשוואונדען — האָט ער ווידער געהערט די טריט, נאָהענט לעבען זיך. זיי זיינען נעהענטער און נעהענ־טער געקומען...

ער איז שוין געווען ביים עק גאַס לעבען דעם גרויסען עלעקטרישען לאָמפּ, ווען ער האָט דערהערט אַ שוואַכע, הייזעריגע שטימע — די שטימע פון יענעם זאָנדערבאַרען מיידעל. זי האָט גערופען שטילערהייד.

— מיסטער, מיסטער!... ער האָט זיך שנעל אומגעדרייט, און אין דעם גרויסען צירקעל פון ליכט וואָס איז געפאַלען פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ, איז זי געשטאַנען לעבען איהם. זי איז ניט געווען קיין קינד, אָבער זי איז געווען אַזוי יונג, כמעט נאָך גאָר אַ קינד. זי איז ניט געווען שכור — אה, ניין! זי איז געווען ניכטער, אָבער די טרויעריגע סימנים פון אַ שרעקליכער הוליאַנקע

האָבען געשטעמפּעלט די שיינע שטריכען פון איהר צאַרט פּנים'על מיט די עקעלהאַפטע צייכענס פון אַן'אונגליקליכער... דאָרט, אין דער ליכט פון דער לאָמפּע איז זי געשטאַנען און... האָט געצי־טערט פאַר קעלט... צוויי בלוויליכע פאַלבען פון הויט האָבען אונטערגעשטריכען איהרע ברענענדיגע אויגען, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשיינט די חוצפּה'דיגע, פאַרפיהרעריישע לוסט פון אַ ברענענ־דיגע נשמה... איהר פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, איהרע צעשויבערטע בלאָנדע האָר האָבען קוים בעדעקט איהר נאַקעטע האַלז. שרעקענדיג, גנב'יש האָט זי זיך אַוויילע אַרומגעקוקט אין גאַס, און נעהערענדיג זיך צו איהם האָט זי ווינקענדיג מיט אַ פייער אין איהרע אויגען אָנגעוויזען אויף דעם ליכטיגען אריינגאַנג פון אַ האָטעל דערביי.

— קום, האָט זי איהם געשושקעט. — קום מיט מיר. ס'איז וואַרעם דאָרט און... און ס'וועט זיין אַזוי גוט... אַזוי גוט... האָט זי געזאָגט אַלץ ווינקענדיג מיט איהרע לוסטפאָלע, ברענענדיגע אויגען, און האָט געציטערט פאַר קעלט. ער איז גע־שטאַנען ערשטוינט!

זיין שטוינען האָט זי פאַרשטאַנען, אַזוי וויא ער וואָלט זיך ניט געקענט ענטשליסען, און זי האָט נאָך ווידער צוגעזעצט.

— קום, קום, מיין הער, עס וועט דיך ניט קאָסטען פיעל מעהר וויא דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט געבען אומזיסט — האָט זי כמעט בעטענדיג געזאָגט. ער האָט זיך געפילט פאַרלאָ־רען אין די אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען. ער האָט פּשוט ניט געוואוסט וואס צו טהון און איז געשטאַנען פאַרטראַכט, קוקענדיג אויף דער אונגליקליכער. איהר האָט זיך אויסגעוויזען אַז זי האָט ניט גענוג געווירקט אויף איהם, צו בעוועגען איהם צו דעם וואָס

זי בעט איהם, און זי האָט ווייטער גערעט, אפּנים צו געווינען זיין מיטלייד.

— איך האָב זיך נעכטען צעקריגט מיט מיין געליבטען און ער האָט מיך געשלאָגען און האָט מיך נאַקעט, וויא דו זעהסט, אָהן אַ סענט, אַרויסגעטריבען פון מיין צימער... אָבער עס מאַכט ניט, מיסטער, עס מאַכט ניט אויס — האָט זיך שוין געהערט אַ שטאָלצקייט אין איהר קול — איך קען פאַרדינען, ווען איך בין שיין אָנגעטהון... און זעהע בעסער אויס... נישט־קשה... דער שופט וועט נאָך קומען צו מיר... נאָך געלט וועט ער קומען... אָבער אַ מכּה וועל איך איהם געבען — און זי האָט זיך ווידער גנב'יש אַרומגעקוקט.

— בררר... האָט זי אַציטער געטהון מיט'ן גאַנצען קערפּער — קום־זשע, קום, מיסטער, דער פּאָליסמאַן קען נאָך קאַליע מאַכען דאָס גאַנצע געשעפט... און אָה... עס איז אַזוי קאַלט, צום טייפעל, עס איז אַזוי קאַלט... אַ קורצע ווײלע נאָך האָט ער זי אַלץ ניט גוט פאַרשטאַנען. אָבער די קאָקעטע בעוועגונגען פון איהר קערפּער; איהרע לעכצענדיגע, פייערינע בליקען האָבען צו קלאָהר געמאַכט איהר מיין... און ער האָט דערזעהען דעם שרעק־ליכען אמת... ער האָט זי פאַרשטאַנען.

ניט קיין צדקה האָט זי געוואָלט — געשעפט האָט זי געזוכט...

ער האָט מיט שרעק אָבגעטראָטען פון איהר און האָט ענט־שלאָסען געזאָגט.

— ניין, ניין...

— ניין? — האָט זי פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט, פונקט וויא זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. — ניין? — און זי

האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאָסט פון דער עלעקטרישער לאמפּע און האָט מיט שמאָלץ צוגעזעצט. —

— ניין, איז ניין — אָבער קיין בעטלערקע בין איך ניט, מיין הער! — און איהר הייזעריג געלעכטערעל האָט זיך ווידער געגארגעלט אין איהר פאַרפראָרענעם האלז.

— איך בין ניט... איך בין ניט... האָט זי קאָקעטיש פאַרבויגען איהר קאָפּ אויף אַ זייט און איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער. און האָט ווידער געציטערט פון קעלט...

* * *

אַ מינוט האָט עס אויסגעזעהן, איצט וויא פריהער, אַז זיי האָבען זיך ביידע ניט פאַרשטאַנען. פריהער האָט ער זי ניט פאַרשטאַנען — איצט האָט זי איהם ניט פאַרשטאַנען. ביידע, דוכטזיך, האָבען גערעט איין שפּראַך און האָבען זיך דאָך ניט פאַרשטאַנען; ביידע האָבען געלעבט אויף איין גאַס און האָבען זיך געבויקט צו פאַרשיעדענע אָבגעטער!... און ער איז געשטאַנען אַ מינוט און האָט געקוקט אויף איהר — וויא זי האָט געקוקט אויף איהם — שטיל, אָהן ווערטער... דאַן איז ער זיך לאַנגזאַם אַוועק־געגאַנגען זיין וועג.

* * *

זי האָט זיך געפילט דערשלאָגען. אין איין סעקונדע זיינען אַלע איהרע האָפנונגען פאַרשוואונדען. זי האָט געציטערט און

האָט טרויעריג געקוקט אויף זיין לאַנגזאַם פאַרשווינדענדען שאָ־
טען ... דער בלאַסער טויט, דער טויט פון הונגער און קעלט
האָט אַריינגעקוקט אין איהרע פאַרוועלקטע אויגען, עס האָט זי
געשווידערט און עס האָט איהר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן ...

אַ ווינקעל פון אונזער לעבען.

— זוהן מיינער, מזל טוב דיר... און מזל טוב אונז, גוטע פריינד, אַלע — האָט דער אַלטער עליע פלוצלונג צוגעוואונשען זיין זוהן איסאַקען און דעם אַרומיגען עולם אין צימער. דער רעשיגער עולם איז אויגענבליקליך שטיל געוואָרען. די עלטערע מענשען אַרום טיש האָבען פאַרוואונדערט אויפגעהויבען זייערע אויגען אויף דעם אַלטען; די יונגערע, פאַרגליווערט אין פערשידענע פאָזעס, האָבען איבערגעריסען זייער הויך ריידען. אפילו די גרופפע דאָרט אויף דער קושעטקע, וועלכע האָט זיך אַזוי פאַנטאַסטיש צעלייגט, און האָט אונטערגעברומקעט אַ כּאָהר־לידעל, איז פלוצלונג אַנשוויגען געוואָרען. אַלע האָבען געקוקט אויף דעם נידעריגען לעבעדיגען אַלטינקען מיט דער גרויער שפּיציגער באָרד, וועלכע ער האָט היינט ערשט, אַ פּנים, אַביסעלע אונטערגעשאָרען און צוגעפוצט צוליעב דעם גרויסען יום־טוב.

אין שטוב איז שטיל געווען. איינעגע האָבען שטאַרק געראויכערט. צוויי, דריי גאַז־פלאַמען האָבען העל געפלאַקערט אין דער לופט, און וועלכער עס האָט זיך געטראָגען אַ דינער נעבעל

פון רויך, און צוויי גרויסע לאָמפּען האָבען בעלויכטען דעם בעדעקטען טיש, אָנגעשטעלט מיט עסענוואַרג, פרוכטען און געטראַנקען, מיט וועלכע דער עולם האָט זיך שוין היבש משמח געווען.

— היינט, מיין זוהן, — האָט דער אַלטער געזאָגט, אַביסעל דערשראָקען פון דער פלוצליכער שטילקייט, — היינט האָסטו, אַ דאַנק גאָט, געענדיגט. ביזט געוואָרען אַ שטיקעל מענש... אַנ'אינזשעניער... נו, געה דיר, מיין קינד, געה אין דער גרויסער וועלט אַריין, בוי דיר בריקען וויפיעל דיין האַרץ געלוסט... אָבער, זעה... ווען עס וועט דיר גוט זיין, פאַרגעס ניט אָן אַלטע טאַטע-מאַמע...

זיין שטימע האָט אַביסעל געציטערט. דעם אַלטען איז געווען גוט אויפ'ן האַרצען. ער איז געווען פרייהליך. זיינע לעבעדיגע אויגען האָבען געשטראַהלט, און עפּעס האָט זיך געריסען פון זיין נשמה... עפּעס האָט ער געוואָלט דערציילען—אויסריידען זיך.

היינט האָט זיין זוהן געקראָגען דעם דיפּלאָם. גוטע פריינד—יונגע אין אַלטע—זענען זיך צונויפגעקומען פאַרברייגנען מיט דער פאַמיליע און ווינשען זיי גליק. דער יונגער מאַן האָט אויסגענוצט די גליקליכע געלעגענהייט און האָט פאָרגעשטעלט זיין פריינדין, אסתר דינענזאָהן, אַלס זיין כלה. און אין הויז איז געוואָרען אַ צווייעדיגע שמחה.

— אַ קנס-מאָל אָהן תנאים—ווי דער אַלטער האָט זיך געוויצעלט. די יונגע לייט האָבען געהאַלטען וואַרעמע רעדעס און האָבען בעגריסט דאָס גליקליכע פּאָרעל. און דעם אַלטען איז געוואָרען גוט אויפ'ן האַרצען. די רעדעס האָבען איהם אַזוי בעגייסטערט, אַז איהם האָט זיך אויך פאַרגעלוסט רעדען, זאָגען עפּעס... אויסגיסען זיין נשמה!...

— נו, קינדער, פריינד מיינע, לאָמיר געהמען צוביסעלעך — האָט ער זיך געבעטען.

— ווען נאָך וועל איך דערלעבען אַזאַ נחת? ווען? ווען איציק׳ל וועט חתונה האָבען? משטיינס געזאָגט, היינטיגע צייטען חתונה ביי׳ם יונגען דור אין אַמעריקאַ... אָט ווי איהר זעהט, אַ קנס-מאָל אָהן תנאים און אַ חתונה, מסתמא, אָהן כלי-זמר... ניין, קינדער, היינט איז מיין יום=טוב. ניט אומזיסט האָב איך מיט דער אַלטער געצווינגען פון זיך די זיבעטע קליי, צו דערלעבען איהם זעהען אַ געענדיגטען. אמת, אסתר׳קע האָט אינז געהאָלפען. זי האָט איהרע שווערע פאַרהארעוועטע גראשענס איהם אַוועקגע-געבען. נאַ, זאָגט זי, לערען, שטודיר... אָבער ניט זי אַליין האָט געהאָרעוועט... מיר האָבען אויך געהאָרעוועט... שווער געהאָ-רעוועט.

— אסתר׳קע, טאָכטער, קום נור אַ הער, מיט אַזאַ שנור ווי דו מעגען זיך אַלע מאַמעס בענטשען. קום-זשע, טאָכטער, דער אַלטער טאַטע וויל דיך אַ קוש טהון.

— נו, וואָס=זשע שווייגט איהר, וואָס? נעמט-זשע צו קאַ-פעצקעלעך... לחיים, לחיים...

— לחיים, לחיים... האָט זיך געהערט פון אַלע זייטען און גלעזער האָבען געקלונגען אינדערלופטען.

— לחיים, ר׳ עליע — האָט פאַרשפּעטיגט די דינע, קוויטשענ=דיגע שטימע פון בעריל באַשליק — אַנ׳אַיינגעהויקערטער דאַרער שוואַרצער איד מיט אַיינגעפאַלענע אויגען. ער האָט נעבעך גע=פיהלט דעם אַלטענס האַרץ. אַליין איז ער געוועזן אַ גרויסער אָרע-מאַן, בעפאַלען מיט קליינע קינדער, אָבער שוין פון אַ צייט, ווי ער ליינט זיך אין דער לייגג און אין דער ברייט צו האַלטען אַ פּיאַ-

נאָ=לעהרער פאַר זיין טאָכטער. זי שפּילט פּיאַנאָ... קיין תכלית זעהט ער אפילו ניט אין דעם, אָבער מען זאָגט, אַז זי האָט א טאַלאַנט ... און ער פּלאָגט זיך נעבעך ... און ער פֿילט דעם אַל=טענס האַרץ ...

— לחיים—און ער האָט דערלאַנגט דעם אַלטען זיין אויס=געדאַרטע שוואַרצע האַנט.

— גאָט זאָל העלפֿען מיר זאָלען האָבען נחת פון אונזערע קינדער. —

— הלואי, בעריל—האָט דער אלטער פאַרשטאַנען, און האָט צוגעוואונשען—הלואי, אויף אַ שמחה ביי דיין טאָכטער—און זיינע לעבעדיגע אויגען האָבען בעגעגענט די מאַטע איינגעפאַלענע אויגען פון בעריל באַשליק. און זייערע געשלאָסענע הענט האָבען זיך גע-שאָקעלט אין דער ווינשונג.

— אָה, קינדער, האָט דער אַלטער אָבגעזיפצט און צוגע=שאָקעלט מיט'ן קאָפּ—ניט גרינג קומט עס אָן. גאָר ניט גרינג... איז איהם דען גרינג אָנגעקומען? זיעבען יאָהר האָט ער זיך גע=פּלאָגט, זיעבען לאַנגע יאָהר, און געדאַרפט האָט מען נור פיער... פיער אינגאַנצען. זענען מיר דאָך אָבער אין דער געבענטשטער אמעריקאַ בלוטיגע אָרימע לייט... מען קען דען קינדער בילדען? אַמאָל איז ניט געווען מיט וואָס צו בעצאָהלען אין אוניווערסיטעט; אַנ'אַנדערס מאָל איז איציק'ל דורכגעפאַלען—קיין גרויסער גבור איז ער ניט, ווי איהר זעהט; און גאָר אַמאָל... חי... חי... חי... האָט זיך דער אַלטער קינדעריש=נאַאיווגע צעלאַכט, — איך דער-צייהל עס אין נחת, מיין קינד, איז טאַקי דער קאָפּ ביי איהם ניט ווי ביי בעני דעם שניידערס זוהן—מיסטער בעני ראַפּאָפּאָרט הייסט ער דאָ—יענער האָט זיך אַ נעם געטהון, איז ער איינס=צוויי

געוואָרען אַ דאָקטאָר ... און אפילו פּערעלע דער אלמנהס—ניט אַזאַ גוטע קאָפּ, דערפאַר אָבער אַ ממזר אַ יונג, קלוג ווי דער טאָג, איז ער געוואָרען אַנ׳אַדוואָקאַט. אין אַמעריקאַ איז ניט שווער... און מיין זוהן? מיין איין אויג אין קאָפּ. וואָס האָט ער געוואָלט יווערען אין אַמעריקאַ? אַ בעקער, אַ העמדעל נייער, אַנ׳אָרעמאַן? לעבען ווי איך אַליין לעב דאָ אין דער פינסטערער מדינה? ניין, מיינע פריינד, איך בין דאָך פאָרט עפּעס אין דער היים געווען אַ שטיקעל סוחר, אַ איד אַ בעל־הבית, געפאָהרען קיין מאָסקווע אַ פּאָר מאָל. אויף יעגאָראָווסקע יריד פּשוט גע־ברענט אַ וועלט ... אמת, געהאַנדעלט האָב איך ניט מיט מיין געלט, געלעבט אָבער האָב איך ווי אַ מענש—מיט לייטען גלייך; און קיינעמ׳ס אַ קאָפּיקע חלילה ניט אָנגערירט.

— און ברייגגען איהם אַ הער, מיינט איהר, איז מיר גרינג אָנגעקומען? אַרויסראַטעווען איהם פון פאָניעס הענט... ער איז דאָך שוין דאָרט פאַרקראָכען... דאָ האָט ער זיך אפילו אויך די גאַנצע צייט אַרומגעדרייט צווישען דער חברה... אָבער דאָ אין אַמעריקאַ, צווישען אידען—מעג מען כאַטש... דאָרט אָבער? וואָס האָב איך געוואָלט טהון דאָרט? און אַז איך האָב איהם שוין גע־בראַכט קיין אַמעריקאַ, האָב איך איהם געוואָלט לאָזען ווערען אַנ׳־אַפּרייטער?*) בעסער וואָלט איך עס ניט דערלעבט... איך בין מאַקי אַליין פון דער אַלטער וועלט, אָבער... ער, האָב איך גע־וואָלט, זאָל לערנען, שטודירען—לעבען בעסער ווי איך לעב... האָב איך זיך מאַקי געוואָרפען אויף אַלע זייטען. פאַרדינט אַ דאָ־לאַר דאָ און אַ האַלבען דאָרט. ניט געשאָנעוועט ניט זיך, ניט די אַלטע... זי האָט, ווי איך בין אַ איד, באָרדער׳ס**) געהאַלטען,

*) אנ׳ארבייטער ביי דער מאשין. **) קעסט־קינדער, קוואַרטיראַנטען.

וועש פון זיי געוואַשען און איך האָב אַלטוואַרג אויפ'ן מאַרק פאַר־קויפט... אַ מעקלער בין איך געווען, פאַר בעקאַנטע דירות גע־פונען, פון פיער סטראַבירט, אויף פינף טרעפ מיט מיינע אַלטע פיס געקראָכען צוליעב אַ גראָשען... נישקשה, קינדער, מען מעג עס אויסזאָגען—איך דערציהל עס אין נחת... און אָט האָבען מיר דערלעבט...

— אַלטע, קום נור אַהער, מיר האָבען עס דערלעבט. איציק'ל איז, אַ דאַנק גאָט, אַ אינזשענער געוואָרען... איציק'ל, אונ־זער איציק'ל איז מיט מזל אַ חתן געוואָרען... אָה, קינדער, ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט פאַר מיינע אַלטע יאָהרען—און פאַר אייך, יונגוואַרג—וואָלט איך, ווי איך בין אַ איד, פאַרקאַטשעט די פאָלעס און וואָלט געטאַנצט אַ קאַמאַרינסקע...

— נו, טרינקט־זשע לחיים, קינדער; זייט מיך ניט מבייש... לחיים, איציק'ל! לחיים, מיין קינד! זיי גליקליך—בוי דיר בריקען וויפיעל דיין האַרץ גלוסט—אָבער... קינד מיינס, אז עס וועט דיר גוט זיין, פאַרגעס ניט אָן אַלטע טאַטע־מאַמע... ביים אַלטען זע־נען געשטאַנען טרערען פון פרייד אין די אויגען, און אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען האָבען פאַרהילכט דאָס צימער.

II.

צוויי שטאַרקע אידישע האָספּיטאַל־בעדינער האָבען ווי צוויי מלאכי חבלה אַ הייב געטהון איסאַק'ן אונטער די אָרעמס און האָ־בען איהם אַריינגעוואָרפען אין אַ גרויסען עלעקטרישען וואָגען. באַלד זענען זיי געזעסען נעבען איהם פון ביידע זייטען און האָבען

איהם פעסט געהאַלטען. ער האָט זיך ניט אַריהר געטהון. ווי איינגעמויערט צווישען צוויי אַייזערנע פיגורען איז ער געזעסען. נור זיינע גרויסע אויגען האָבען געגליהט מיט אַ ווילד פייער און האָבען געקוקט פאָראויס. דער שאָפער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרעמעל, ער האט זיך אַרומגעקוקט: זיינע פּאַסאַזשירען זענען שוין פאַרטיג געזעסען אין וואגען. ער האט אַרוק געטהון אַ לאַנגע אַייזערנע שטאַנג נעבען זיך, האט אַ דריי געטהון אַ האָריזאָנטאַלנע רעדעל, און דער וואָגען האָט זיך אַ הוידע געטהון — אַ שיפּע געטהון, אַ זיד געטהין און אַלאָז געטהון זיך אין דער ברייטער גאַס... לויפענדיג האָט ער אין זודיג-שיפּענדיגע קאַדענצען אַרויסגעלאָזען שטיקער געדיכטע פאַרע פון זיינע געדערים, און איז פאַרלוירען געוואָרען אין דעם ים פון עלעקטרישער ליכט, וואָס האָט פון אַלע זייטען פאַרטרונקען דעם וועג.

אסתר איז געשטאַנען אַ צוטומעלטע

— וואָס איז געשעהען? — זי האָט נאָך ניט קלאָהר פאַרשטאַנען. איהרע אויגען האָבען ווי פאַרגליווערטע נאָכגעקוקט דעם וואָגען. אין האַלז האָט זי געשטיקט און געוואָרגען אַ קיילעכדיגע זאַך. עס האָט איהר צונויפגעדריקט די ברוסט און האָט איהר שווער געמאַכט דעם אָטעם. זי האָט זיך געשאָקעלט אַ סעקונדע. פאַרלירענדיג איהר גלייכגעוויכט... און זי וואָלט געווים געווען געפאַלען פון דעם שטאַרקען טומעל אין איהר קאָפּ און אָהנמאַכט אין איהרע גלידער, ווען איינע פון איהרע חבר'טעס וואָלט זי ניט אונטערגעכאַפּט. אסתר האָט אַיינגעגראָבען איהר קאָפּ אויף דער חבר'טעס אַקסעל; האָט אָנגעכאַפּט מיט די ציין אַ שטיק פון איהר מלבוש און האָט דערשטיקט אין זיך אַ שרעקליכען אויסגעשריי.

אַזוי האָט זי די חבר'טע געבראַכט אין דעם קליינעם צימער

פון וואַנען מען האָט ערשט צוגענומען איסאַק'ן. פּוסט האָט זיך אין צימער געפילט, פּונקט ווי מען וואָלט פון איהם ערשט אַ מת אַרויסגעטראָגען. אַנ'אומעט, אַ גרויער אומעט האָט זיך צעשפּרייט איבער דעם צימער, און ער האָט זיך ווי שווערע שוואַרצע שאָטענס געלייגט איבער דעם גאַנצען רוים. אַ טרויער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די בלאַסע פּנים'ער פון אַלע—די פריינד און די נאָהענטע—וואָס זענען אין צימער געווען, און ער האָט זיי אויסגעצויגען, דין, לאַנג און טונקעל געמאַכט. און אין די טרויעריגע אויגען ביי יעדען זענען געשטאַנען גרויסע, בלישצענדיגע טרערען. זיי האָבען געציטערט אויף די נאַסע וויעס און האָבען זיך פּאַמעלעך געקאַטשעט איבער די דינע באַקען. יעדערער האָט זיך אַרומגעדרייט אין צימער ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער—מיט שטילע שווערע טריט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און וואָלט ניט געקענט געפינען. נור איסאַק'ס אַלטע מאַמע איז געזעסען ביי'ם טישעל—דאָס ברייטע געקנייטשטע פּנים אויסדרוקסלאָז, די אויגען שטאַרע, גלעזערנע, און האָט זיך מאָנאָטאָנגע געשאָקעלט אַהין און צוריק.

אסתר האָט זיך בעפרייט פון איהר חבר'טע און איז צוגעפאַלען צום קאָפּ פון דער סאָפאַ. זי האָט בעהאַלטען איהר פּנים אויף איהרע צונויפגעלייגטע הענט און פון איהר פאַרשטיקטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען אַ ווילדער געשריי. זי האָט געוויינט... היסטעריש געוויינט... אין צימער האָט געהערשט אַ טיפער, גרויער אומעט.

— גאָט—האָט זי זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבען און האָט מיט איהר האַנט אַ שאַר געטהון איהרע האָר אויף איין זייט קאָפּ—איצט האָב איך שוין חתונה געהאַט... און זי האָט זיך שטיל און

היסטעריש צעלאַכט. זי האָט געלאַכט און געכליפּעט... און איהר קול האָט זיך פאַרצווייגען מיט א קרייען...

— יאָהרען געפלאַגט זיך... יאָהרען געאַרבייט און געהאָפט... יאָהרען געליעבט און געליטען... געליעבט? — האָט זי זיך פאַרטראַכט איבער'ן וואָרט. איצט איז זי געזעסען גלייך. א דינע, א דאַרע, א בלייכע מיט שוואַרצע רינגען, געפינזועלט פון דעם טיפען טרויער, אַרום איהרע שיינע פאַרוויינטע אויגען. א טרויעריגער, איראָנישער שמייכעל האָט געשפּילט אויף איהרע בלוטלאָזע ליפּען.

— אַך, ווי קענען מיר דען ליעבען? מיר — די אויסגעמאַטערטע, פאַרדאַרטע ביי דער מאַשין! און זי האָט זיך פאַרקוקט אין דער פוסטקייט.

— א מאָל, ווען איך האָב איסאַק'ן דערקענט, האָב איך איהם ליעב געהאַט ווי מיין לעבען... דעמאָלט, ווען מיר וואָלטען זיך פאַרגינען, ווען איך וואָלט איהם מיין נשמה אָבגעגעבען... וואָלט ער זי מיט זיין פייער פאַרצעהרט... אָבער, גאָט מיינער, האָט זי זיך לאַנגזאַם געשאָקעלט, האָבען מיר עס געטאָהרט? מיר זענען אזוי אָרעם געווען. און מיר האָבען בעשלאָסען צו אַרבייטען. ער מיט דעם קאָפּ... און איך?... העלפען איהם ביז מיר וועלען מעגען חתונה האָבען... יאָ, מעגען... און איך האָב גענייהט, אלע יאָהרען גענייהט... גענייהט און גענייהט ביז... איך האָב די ליעבע אין די שטעך פערנייהט... מיט די כחות זי פאַרלוירען...

— אַך, אַך, אַך... האָט זי טיעף אָבגעזויפצעט. — וואָס מיר ליעבע, ווער מיר ליעבע?

— יאָ... מיט יאָהרען צוריק, ווען איסאַק פלעגט קומען צו מיר אין אָנאָבענד, פלעגען מירביידע גליקליך זיין. דעמאָלט... פלעגט זי נאָך אויפפלאַמען, די ליעבע... אָבער מיט אזא העליש

פייער, אַז איך פלעג זיך דערשרעקען פאַר איהר. מורא האָבען... ציטערען... זי זאָל אונז חלילה קיין אונגליק ניט ברייגגען... און מיר פלעגען אויסמיידען אַזעלבע גליקליכע מאָמענטען... און איך האָב געגייהט... און גענייהט... ביז אין דער אויסגעדאַרטער ברוסט איז געבליבען נור איין געפיהל—איין גרויסער, שווערער געפיהל—מידיגקייט... אוי, אַזאַ מידיגקייט! און איך האָב געהאַט נור איין באַגעהר: רוהע, געבען איהם... רוהע. גאָט, האָב איך דען פיעל געוואָלט? און איך האָב גענייהט... און גענייהט... איצט מעג איך מיר שוין תכריכים אויפנייהען!.. וואָס דען איז מיר געבליבען אַחוץ נייהען, נייהען ביז'ן טויט ביי דער מאַשין... און אסתר האָט בעהאַלטען איהר פנים אין די הענט. זי האָט אָנגעשפּאַרט איהרע עלענבויגען אָן איהרע קניען און האָט געוויינט. איהר הבר'טע האָט זי צאַרט געגלעט איבער די האָר און האָט מיט־געבליפעט.

— דריי חדשים נאָר האָט אַ שטראַהל געשיינט—האָט זי זיך ווידער אַ ביסעל בערוהיגט—און איך האָב שוין געמיינט, אַז דאָס גליק שמייכעלט צו אונז. אָבער וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען?

— גאָט, האָב איך דען געקענט העלפען... חתונה האָבען?

ער האָט געוואָלט מיר זאָלען חתונה האָבען... ער האָט געפאָדערט... אָבער איצט, נאָך אַזוי פיעל יאָהרען פון פּלאָגע—ווען דאָס גליק איז שוין אַזוי נאָהענט—האָב איך דען געזאָלט איבערשניידען דעם וועג און אויף אייביג פאַרזונקען אין אָרעמקייט? גאָט מיינער, אָרעמ־קייט! ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט ווי איך דעם טעם פון אָרעמ־קייט!.. אוי, ווי איך האָב מורא געהאַט פאַר איהר... און איך האָב ניט געזעהען, אַז דער גרויסער אונגליק קומט, קומט אונגעריכט. און איך האָב זיך געבעטען ביי איהם, מיר זאָלען וואַרטען ביז מיר

וועלען קענען לעבען אָהן נויט... אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט איז רוהע. אביסעלע לעבען... אַטראָפּענדעל גליק... גאָט, האָב איך דען צופיעל געוואָלט? האָב איך דען שולד אין זיין אונגליק?..

זי האָט זיך פאַרטראַכט. די טרערען זענען געפלאָסען איבער די בלייכע, דאַרע באַקען. די הענט האָבען זיך געשלאָסען אַרום איהרע קניען. די מאַטע שיינע אויגען האָבען געקוקט אין דעם רוים. אין שטוב איז געווען שטיל, שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. נור די אַלטע מאַמע איז געזעסען ווי אַ גולם ביי'ם טישעל און האָט זיך פאַמעלעך געשאָקעלט אַהין און צוריק.

III.

דער ברייטער אַספאַלטענער וועג ציהט זיך און שליינגעלט זיך פון דעם וואַלד אַרוים אין טאָהל, באַרג אַרויף, מיילען און מיילען ווייט. פון איין זייט קערעווען זיך אָב, דאָ און דאָרט, שמאָלערע וועגען און סטעזשקעס, וואָס פיהרען צו די גרויסאַרטי־גע וואָהנונגען פון רייכע מאַגנאַטען. פון דער אַנדערער זייט ציהט זיך אַ וויים־געפאַרבטער פאַרקאַן, געפלאָכטען פון אַייזערנע שטאַנגען, דורכגעצויגען דורך ברייטע שטיינערנע קאָלאָנעס. די רייכע הייזער זענען פון זעלטענער אַרכיטעקטור. זיי שטייהען אויף בערגיגע טעראַסען, העכער פון דעם אַספאַלטענעם וועג, און זענען פאַר־טרונקען אין גרינע בוימער און שיינע בלומען. די שפּיציגע טו־רעמס זייערע, די גלעזערנע באַלקאָנעס און קאָלירטע געפאַרבטע טויער'ן קוקען אַריבער דעם וועג, אַריבער דעם באַרג, וואָס איז באַדעקט מיט אַלטע דערנער, הויכע גראָז און פליכוואַטע שטי־

בערגע אַאַזיסען. זיי קוקען אַראָב צום טיפען אָבגרונד. צום טאָהל, וואו עס האָט זיך אויסגעשפּרייט, ווי אַ וואונדער־שפּיגעל צווישען די בערגיגע ברעגעס, דאָס בלוילִיכע וואַסער פון דעם פּראַכטפאָלען הודסאָן.

נאַכט.

אַ שיינע ליבליכע נאַכט. די לבנה צעגיסט איהרע זילבערנע שטראַהלען מיט אַ העל־ווייס צויבער־ליכט און בעלייכט די קייטען פון בערג, דעם טאָהל, דעם טייך און דעם גלאַנציגען אַספאַל־טענעם וועג. און דער וועג ציהט זיך אויף דעם רוקען פון דעם באַרג... אַרויף... העכער און העכער... און אַלץ טונקעלער און טונקעלער ווערט דער אַספאַלטענער וועג ביים אַלטען דיקען וואַלד אויף דעם שפּיטץ באַרג וואו עס שטייט דאָס גרויסע, גרויע הויז...

דאָרט איז מורא'דיג פינסטער. אַהין דערגרייכט ניט דאָס צויבער-ליכט פון דער לבנה דאָרט, הייננגט איבער דעם הויז אַ שוואַרצער וואָלקען, און אַרום דעם הויז דרייננגט זיך צונויף די געדיכטע פינסטערניש פון דער נאַכט... שטיל איז... שאַ...

אָט האָט עפּעס אַ רעווע געטהון איבער דעם טייך, אַ לאַנ־גע רעווע... דער קול האָט זיך אַ סעקונדע געדרייט אין דער לופט, געטראָגען זיך איבער דעם וואַסער, געגליטשט זיך און אָן די בערגיגע ברעגעס זיך אָבגעשלאָגען. אַ ווידער־קול האָט זיך געהערט, העל און לויט. און ערגעץ-וואו פון ווייטען האָבען זיס און מעלאָדיש גלעזערנע שויבען געקלונגען ווי דינע זילבערנע גלעקעלעך... און עס איז ווידער שטיל געוואָרען... ששששאַ... שטיל...

פון ווייטען האָט עפּעס אָנגעהויבען צו האָדען. געהענטער

און נעהענטער איז דאס האידען געקומען אין דער לופט. דורך דער ערד איז א זשומען דורכגעגאנגען און פון דעם וואלד, דארט אונטען אין טאהל, איבער דעם אספאלטענעם וועג, האט זיך א שווארצע מאסע בעוויזען. צוויי גרויסע פייערדיגע אויגען האבען זיך אין דער ערד איינגעגראבען און איבער זיי האט, ווי פון דעם מיטען פון איהר בלישצענדיגען מעטאלישען שטערען, א דריטע אויג געגליהט. איבער דעם אספאלטענעם וועג האט זיך א ברייטער קאנוס פון ליכט צעגאסען און ער האט געציטערט און געטאנצט אויף דער ערד און אין דער לופט. און די מאסע האט זיך גע-הוידעט און געשאקעלט... נעהענטער... נעהענטער... נעהענטער... אין דעם רוים האט זיך א ווינט געדרייט, און ווי אנ'אוראגאן האט ער זיך פארביי געטראגען. די טייפעלשע שווארצע מאסע מיט די פייערדיגע אויגען איז דורכגעפלויגען... א הין צום שפיטץ בארג צום מורא'דיגען הויז... דער אספאלטענער וועג האט פון אנגסטען געציטערט און געקרעכצט...

בערג און טאהל—ערד און וואסער, הימעל און שטערען—אלעס, האט א שטארקען ציטער געטהון... און אין די הימלען, פון יענער זייט טייך, האט זיך א הער אויף דער זייט—ווי פין איין עק וועלט צו דער אנדערער—א שטערען א שליידער געטהון. ער איז געפלויגען איבער די הימלען, בלישצענדיג אויף זיין שליאך, און איז אין א צעשמאלצענער שווארצער מאסע אויף דעם שפיטץ פון דעם בארג אראבגעפאלען... דוכט זיך, ער איז אין יענעם מורא'דיגען הויז אריינגעפאלען... און אלעס איז ווידער שטיל גע-ווארען... שטיל ווי דער טויט...

* *
*

שטיל איז אויך געווען אין יענעם שווארצען, מוראדיגען הויז. די דריי נאכט-וועכטער האבען זיך פארקליבען אין דעם עק פון דעם לאנגען, טונקעלען קארידאר, און צוויי פון זיי האבען אזארטנע געשפילט אין קארטען. דער דריטער, א דיקער, א קור־צער, מיט גרויסע וואנצעס און קליינע אויגעלעך, האט גע‍היט דעם קארידאר און האט בגנבה געפיפקעט זיין ליולקעלע.

— א פעטער העכט, דאכט זיך, דער נייער... האט ער בעריכטעט אין דער שטיל.

— א אידעל, וואס? האט איינער פון די שפילער געפרעגט און האט אויפגעהויבען צוויי רויטע, פארשכור'טע אויגען.

— געוויס א אידעל, ווי דען? חי... חי... חי... דא וועלען באלד אלע זיין אידען—האט זיך דער וועכטער שטיל צעלאכט, און דער רויך פון זיין ליולקעלע האט געטאנצט איבער זיינע וואנ־צעס.— זיי פארנעמען באלד די גאנצע שטאדט, די אידען.

— נו, נו, זאלען זיי גור, דא מאכט ניט אויס... וואס מעהר איז בעסער—האט זיך געוויצעלט דער צווייטער שפילער, א דארער געגאלטער יענקי מיט א גרין פנים.— מעהר הכנסה... פארשטייסט? קנייפ נור שטארקער—און ער האט צוגעשמורעט איין אויג און האט פארקרימט דאס גרינע פנים.— זיי צאלען א גאלד-שטיק פאר א קניפ, ביי גאט... א גאלד-שטיק פאר א קניפ... שטעק נור אויס די האנט אזוי—און ער האט אויסגעשטרעקט זיין האנט אונטען ארום—זיי גיבען ניט אפען, די „שינים"*)... אלע

*) א צונאמען פאר דעם אידען.

האָבען זיך שטיל צעלאַכט און האָבען אָנגעקוואָלען פון נחת...

און ווידער האָבען די צוויי פאַרטיפט זיך אין זייערע קאָר־טען, און דער דרימער האָט מיט פערגעניגען געפּיפקעט זיין ליולקע, בעהאַלטען אין זיין פאַרמאַכטען פויסט.

* * *

עס איז שטיל געווען, אַלע זיינען שוין געשלאָפען. נור אין איין קליין חדר'על האָט נאָך דאָס איינגעמויערטע עלעקטרישע ליכט געברענט מיט אַ מאַטען שיין. אין צימער איז געווען טונקעל און אַ מרה שחורה האָט געהערשט אומעדום. איסאַק איז מיט גע־מאָסטענע טריט אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער. דער לאַנגער גרוי־ער כאַלאַט אויף זיין הויכער, דאַרער פיגור האָט איהם צוגעגעבען אַ משונה'דיגע אויסזעהען. שטונדען לאַנג איז ער שוין אַזוי אַרומ־געגאַנגען, שטום, די הענט פאַרלייגט פון הינטען, דעם געקרויז־טען קאָפּ איינגעבויגען, דאָס געגאָלטע פּנים מיט די טיפע פאַל־דען אַרום מויל קרענקליך־געל. נור די אויגען האָבען ווילד גע־בלישצעט און זיי האָבען געוויזען אַז אינווענינ אַרבייט אַ שטורמי־שער מוח. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אָבשטעלען, און גלייך וויא ער וואָלט געערדט צו זיין שאָטען, פלעגט ער אַ זאָג טהון:

— רעד ניט... רעד ניט, זאָג איך... און ווייטער געהען, מיט נעמאָסטענע טריט נאָכיאָגענדיג מיט די ברענענדיגע אויגען דעם שאָטען זיינעם.

— בייגעל באַקען... בייגעל באַקען — האָט ער אַ זאָג גע־טהון צו זיך אַליין. ער איז קענטיג מיעד געווען און האָט זיך

אַנידערגעזעצט אויף זיין בעטעל. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטעל פון דעם בעט און האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פונקט.

— בייגעל באַקען... בייגעל!... אַ שטיק טייג אַרום און אַרום און גאָרניט אין מיטען—האָט ער געוויזען מיט דעם פינגער.— ביי דעם האָב איך געזאָלט בלייבען... תמיד בלייבען... צו דעם האָב איך געטויגט... אָבער בריקען בויען?... בריקען? ווי קומט עס צו מיר... אַ קליינינקייט בריקען בויען... דאָס איז איבער מיינע קרעפטען... איסאַק האָט זיך אַרומגעקוקט, גלייך וויא ער וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט.

— יאָ... בייגעל באַקען... אי פאַר זיך... אי פאַר זיי... אי פאַר איהר... פאַר אַלע... פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

— אָה, די מענשהייט... זי מאַכט מיר קאָפּ־שמערצען... האָט ער זיך אויפגערייצט און האָט אָנגעכאַפּט דעם קאָפּ מיטביידע הענט. ער האָט זיך איינגעבויגען זיצענדיג אויפ'ן בעט, און דער אויבערשטער טייהל פון זיין קערפּער האָט זיך פּאַמע־לאַך געשאָקעלט.

— בריקען ליגען... איבר וועלכע מענשען דאַרפען געהען, לויפען, פליהען אַהין און אַהער; פערד דאַרפען טופּען, ציגען דאַרפען היילען — אַ וועלט דאַרף זיך בעוועגען — דאָס דאַרף מען קענען... און איך?...

— איך?... האָט ער זיך פלוצלונג אַ שטעל געטהון און האָט מיט שטאָלץ געפרעגט — איך? — האַ... האַ... האַ... האָט ער זיך צעלאַכט. — איצט ערשט בין איך — איך... פריהער בין איך — אי איך, אי ניט איך — אַלע געווען... איצט בין איך — איך... איך אַליין. זיי קענען מיך ניט צווינגען, מיין גייסט האָט

זיך בעפרייט... איצט וועל איך קענען... וואַרט... וואָס האָב איך געזאָגט וועל איך קענען?... ער האָט זיך ווידער אַנידערגע־זעצט און האָט זיך פאַרטראַכט, גלייך וויא ער וואָלט געוואָלט זיך עפּעס דערמאָנען.

— מאָדנע מענשען זיינען זיי — האָט ער פּאַמעלאַך געצוי־גען די ווערטער.

— איך זאָג איהם, פּאַפּאַ, איך וויל פאַר מיין נשמה די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצען רוים וויל איך... זאָגט ער, וואַרט מיין זוהן — וועסט ווערען אַנ׳איגזשעניער, וועסטו בריקען לייגען... אַ שכל... בריקען לייגען... דעם רוים צוימען... איבערשפּאַנען. עפּעס אַ קונץ... עפּעס אַ קליינינקייט? און ער בייגט מיך, און דרייען בייגט ער מיך... און איך קוק אויף מיין אַלטער מוטער — אויף דער אָרעמער... און שטאָפּ אָן מיין קאָפּ מיט ציפערען, פאָרמולעס לאַנאַריפמען... און מיין קאָפּ? אוי, מיין אָרעמער קאָפּ... און איסאַק האָט מיעד, וויא צום איינדרעמלען צוגעמאַכט די אויגען.

— און זיי — מיינע חברים? מאָדנע מענשען זיינען זיי — האָט ער זיך ווידער אויפגעכאַפּט. — אָבער... ששאַ... האָט ער מיט צונויפגעצויגענע ליפּען און וויט געעפענטע אויגען אויסגעשי־פעט, זיין שטערען האָט זיך שטאַרק פאַרקנייטשט.

— רייד ניט, זיי קענען נאָך דערהערען און פאַרוואַרפען מיט שטיינער... איך האָב עס טויזענד מאָל געטראַכט — האָט ער שטיל געוויספּערט — טויזענד מאָל... זיי האָבען זיך אַרומגע־בונדען מיט שטריק, און אין אַ טומעל, אַ רויש, אַ געָרודער, אַ ליאַ־רעם, אַז מען קען טוב ווערען — מען הערט ניט איינער דעם צווייטען — שלעפּען זיי זיך, רייסען זיי זיך, פליהען זיי וויא

משוגעים אין הימעל אַריין און זאָגען אַז די מענשהייט פליהט מיט זיי...

— ס'איז אַ ליגען, זאָג איך, אַ ליגען...

איך זעהע אַליין מיט מיינע אויגען וויא זי שטעהט און לאַכט און שפּאָט פון זיי... און איך דערציייל זיי; איך האָב מיט יענעם שוואַרצען מאַן גערעדט; גערעט ביז די נשמה איז מיר שיער ניט אַרויס; בעוויזען וויא די וועלט לעבט, ענטוויקעלט זיך, אַליין — פון זיך... כסדר... גאַר אָהן אַ גאָט. און גערעדט האָב איך מיט האַרץ, רויט געוואָרען אין פּנים... בענאַסען זיך מיט שווייס... פיינע האָט מיר פון דעם מויל געזעצט... און ער חזר'ט אַלץ איבער... „ס'איז דאָ אַ גאָט, ס'איז דאָ אַ גאָט"... מען דאַרף איהם אָבער ניט, האָב איך בייז אַ געשריי געטהון... האָט ער מיך מיט פאַרציטערטע אויגען אָנגעקוקט און האָט אַ שפּיי געטהון — „טפוי"... זאָגט ער — „איהר זיינט משוגע". און האָט זיך אָבגעקערעוועט. און ער איז ניט איינער, מיליאָנען איז ער... מיליאָנען... די גאַנצע מענשהייט... און זיי גלויבען ניט די חברים... זיי גלויבען אין דער מענשהייט...

— אָה, די מענשהייט... זי מאַכט מיר קאָפּ־שמערצען.

איסאַק האָט זיך האַלב אַנידערגעלייגט אויף דעם בעט. אַ האַלבער קערפּער איז אַראָבגעהאַנגען צום באָדען. די הענט האָט ער פאַרלייגט אונטער'ן קאָפּ און האָט שטיל געקוקט אויף דער סטעליע. זיין געהירן האָט אונערמידליך געאַרבייט. די פייערדיגע אויגען האָבען געבלישצעט און עדות געזאָגט...

— ז'... ז'... ז'... האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ווילדען געשריי. — אסתר, איך זאָג איהר, אסתר... דיינע אויגען ברענען מיר אויס לעבער אין דער נשמה... זיי פאַרברענען

מיך... איך האָב דיך ליעב... פאַרשטייסט, זאָג איך איהר. די גאַטור האָט דיך אַזוי בעשאַפען אַז איך זאָל דיך באַגעהרען... זי האָט דיך פאַר אַ פרוי געמאַכט... און... איך וויל דיך... קום, קום צו מיר, לאָמיר געניסען די ליבע... איך בין ניט שולדיג אין דעם וואָס די נאַטור האָט מיך געמאַכט פאַר דיין קנעכט... קום־זשע, טייערע, מיר וועלען זיך אַרומנעמען... שטאַרק... אָט אַזוי... מיר וועלען זיך צודריקען... דערוואַרעמען איינער דעם אַנדערען... מיר וועלען געניסען דאָס בעסטע פון דער ליבע... אַך, מיר וועלען... מיר וועלען... וואַרט!... וואָס וועלען מיר?.. עָה... עֶה... יאָ, אסתר, מיר וועֶלען התונה האָבען... קוקט זי אויף מיר מיט איהרע ליבע צעֶשראָקענֶע אויגעֶן, ברענט דורך לעבער אין מיין נשמה... און וויינט... וויינט מיט ביטערעֶ טרערען...

— ברויט, ברויט וויל זי — דעֶר נאַר!... זי ווייסט ניט אַז איך בין גרויס, גרעסער פון אַלעֶ גרעֶסטעֶ, שטאַרקער פון אַלע מעכטיגע... זי ווייסט ניט אַז איך בין אַ גאָט און וויל מענשען שאַפעֶן... און איהרעֶ טרעֶרעֶן ברענגען מיין לייב, און איך בייג זיך און קנייטש זיך און קאָרטשעֶ זיך צונויף אין אַ קנויל... און ליג ביי איהרע פיס...

— קעֶן מען עס אויסהאַלטעֶן — קען מען? —

— און זי איז וויאַ זיי — און זיי אַזוי וויא זי... זיי גלויבען ניט און פאַרשטייען ניט, און זי פאַרשטייט ניט און גלויבט ניט... זי אַליין קלאָגט זיך פאַר מיר: איסאַק, זאָגט זי, עס איז שלעכט. — דאָס, זאָגט זי, טאָהר מען ניט און יענעס איז פאַרבאָטען... פאַר וואָס? פרעֶגט זי. זאָג איך איהר, ווייל מעֶנשעֶן לאָזען ניט... מעֶנשעֶן הערשען איבער מענשען... לאָזען זיי ניט!..

זאָגט זי — אָבער איך וויל דאָך קיינעם קיין שלעכטעס ניט טהון, הערסטו? איך ווייס — זאָג איך — אָבער מענשען זיינען טיראַנען און דאָס לעבען שמידט אוים קייטען... און קייטען... זאָג איך... קייטען דאַרף מען רייסען... טיראַנען דאַרפֿ מען טויטען...

— טויטען?... דערשרעקט זי זיך און ציטערט. — איסאַק, טייערער, וואָס רעדסטו? איך האָב עס קיינמאָל פון דיר ניט געהערט!.. און איך העד וויא זי שושקעט זיך מיט זיי... „משוגע"... חאַ... חאַ... חאַ... משוגע זיינען זיי... זי... מיינע חברים... די גאַנצע וועלט איז משוגע... ניט איך...

— רי חברים!.. איך זאָג זיי און זיי גלויבען ניט. בינדען זיך אַרום מיט שטריק... פאַרציהען זיך מיט זיי... און זיי ווילט זיך דער הימעל... די גאָלדענע זון... אַה! וואָלט איך געקענט בריקען בויען, וואָלט איך אַ בריק געלייגט... אין דער לייננ... אין דער הויך... ביזן הימעל... און לאָזען זיי געהען אויף איהם... די הונגעריגע... מיינע חברים — אַלע... אַלע... ער אויך, אפילו ער... די מאָדנע בריאה — מיט די גרויסע, שווערע, פאַרמאַזאָלעטע הענט... אַ מאָדנע בריאה!.. ער זאָגט מיר אַמאָל: ער לעבט ניט, ער מאַטערט זיך... ער האָרעוועט, זאָגט ער, שווער וויא אַן אָקס, אויפֿן שטיקעל ברויט, און האָט עס ניט... דערצייל איך איהם, וויא גוט עס וועט זיין, ווען מענשען וועלען גליקליך זיין אין דער צוקונפט... זיפצט ער, נעבעך, און פרעגט מיך — אָבער וויא קומט מען דערצו? — זאָג איך איהם, מען דאַרף נור אַ קלייניגקייט... מען דאַרף אַז עס זאָלען ניט זיין קיין אָרימע און קיין רייכע... פאַלט איהם איין — דעם אָקס — וויא?.. פאַרוואונדערט ער זיך, וואָס הייסט?... און טאָמער — זאָגט ער — איז מיר אַליין בעשערט רייך צו ווערען?.. צעלאַך איך זיך — וואָס

דאַרפט איהר רייכקייט, פרעג איך איהם, ווען איהר וועט האָבען אַלץ וואָס איהר דאַרפט און וועט גליקליך זיין?.. קוקט ער מיך אָן... אַ מאָדנער קוק... ער האָט מיר אפילו ניט געזאָגט... אָבער איך האָב געזעהען אין זיין קוק, אַז ער מיינט, איך בין משוגע... און ער איז דאָך ניט איינער... ער — זיינען אַלע... די גאַנצע מענשהייט...

— אָך, די מענשהייט, זי מאַכט מיר קאָפּ־שמערצען... און מיינע חברים מיינען אַז זי פליהט מיט זיי צום הימעל.

— ס'איז אַ ליגען, זאָג איך, אַ ליגען... זי בינדט... זי פאַרקנעכט... זי ציהט צו דער ערד... איסאַק האָט געציטערט פון אויפרעגונג און איז האַסטיג געגאַנגען איבער דעם צימער.

— אָבער ניט מעהר... ניט מעהר... איך בין פריי... האָט ער אויסגעשריגען און האָט זיך אָבגעשטעלט.

— אין דעם קאַמפּף מיט דעם לעבען האָב איך געוואונען.. איך... איך האָב צעריסען די קייטען... איך — בין איך... איך בין אַליין...

— דער שטאַרקסטער פון אַלע שטאַרקע — דער מעכטיגסטער פון אַלע מעכטיגע... אַ גאָט!.. זיין פנים, די ברייטע דינגע באַקען האָבען געפלאַמט מיט אַ העליש פייער. די צוויי האַלב־קיילעכדיגע קנייטשען אַרום זיין מויל האָבען זיך טיפער איינגעשניטען אין זיין לייב. פון זיינע אויגען האָבען פונקען געשפּראָצט וויא בליטצען, און אויף זיין הויכען שטערען זיינען געשטאַנען גרויסע, קאַלטע טראָפּענס שווייס. די לאַנגע פיגור אין דעם גרויען מאַנטעל איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בעט, אַביסעל איינגעבויגען; די רעכטע האַנט האָט געפלאַטערט פון אויפרעגונג הויך אין דער לופטען; די ליפּען האָבען געציטערט און געשעפּצעט.

— אַ גאָט... איך בין אַ גאָט... אַ גאָט... אַ גאָט...

צוויי בייזע אויגען האָבען געקוקט דורך די אייזערנע גראַטעס אין דעם פענסטערעל פון דער טיהר. איסאַק האָט זיי בעמערקט און האָט מיט אַ שטאַרקען בליק געקוקט אויף זיי.

קוקט ניט! — האָט ער מיט דעם גאַנצען קערפּער אַ ציטער געטהון און אַ געשריי געטהון ניט מיט זיין קול. און איז אָהנמעכ־טיג געפאַלען אויף דעם בעטעל.

אַ מורא'דיגע, משונה'דיגע שטימע האָט אָבגעהילכט אין צימערעל... זי האָט זיך געטראָגען און געדרייט און געוואַליעט אין דער לופט וויא דער משונה'דיגער קול פון אַ ווינטער ווינט... אין קאָרידאָר האָט עפּעס אַ קנאַק געטהון. דאָס עלעקטרישע ליכט איז פאַרלאָשען געוואָרען. נור דאָס אינוועניגסטע געדרייטע פלאַטי־נום דראָטעל אין דעם גלעזעל פון דער לאַמפּעצקע האָט נאָך אַ סע־קונדע וויא אַ כּשוף שלענגעל געגליהט און איז מיט דעם משונה'־דיגען קול אויסגעגאַנגען... ביסלעכווייז... פּאַמעלעך... פאַרשוואונ־דען... עס איז פינסטער געוואָרען... פינסטער און שטיל...

דָאס פָאלְק און דֶער אָבְגָאט

דאָס פאָלק האָט געיובעלט!..

אַ צעהן=טויזענד=קעפּיגע עדה האָט זיך געוויגט און בע=וועגט אין דעם גרויסען סקוועֶר און האָט מיטווילדע התלהבות געפילדערט און געיובעלט!

אין דער צונויפגעדרענגטער מאַסע האָט מען גאַנצע מענ=שען=קערפּערס נור אַרום די ברעגעס פון דער עדה געזעהן. ווייטער האָבען זיך געוויגט נור קעפּ און פּנים'ער... קעפּ און פּנים'ער...

לאַנגע קעפּ מיט דינע פּנים'ער, שפּיציגע נעזער און אויס=געצויגענע באַקען; גרויסע קיילעכדיגע קעפּ מיט פולע פּנים'ער, פאַרזאָטענע אויגען און פלאַציגע נעזער; קליינע איינגעשרימפּענע קעפּ מיט דאַרע פּנים'ער, אַיינגעפאַלענע באַקען און דינע ליפּען, בעוואַקסענע מיט בערד, און גלאַטע, געגאָלטע!..

שיינע, ווייבע פרויען געשטאַלטען און ברייטע פאַרהאַרטעטע מאַנסבילען=געזיכטער האָבען זיך אין קיילעכדיגע קאָנטורען און אין שאַרפע לענגעכיקע ווינקלען — אַן=פאַס און פראָפיל — מיט

גליהענדע בעגייסטערטע אויגען געצויגען און פארמישט, און האָ־בען זיך אין איין ריזיגע בילד צונויפגעגאָסען. — אין איין ריזיגע בילד פון קעפ און פנים'ער... קעפ און פנים'ער...

און די קעפ און פנים'ער מיט די העליש־ברענענדיגע, בעגייסטערטע אויגען האָבען זיך וויא אין א ברייטער שווארצער פליסיגקייט געטונקען און געבאָדען... געוויגט און בעוועגט...

• • • • • • • • • • • • • • • • • • • •

פון דערהויך, פון ערגעץ וואו פון הימעל, האָט זיך ביז דער ערד, פון דראָבנע טראָפּענדלעך רעגען, א דורכזיכטיגער טיול אויסגעשפרייט, און אין דעם דינעם רעגען נעבעל האָבען איבער די קעפ און די פנים'ער טויזענדער פאקעלען געפלאַקערט. וויא געלבליך־רויטע צונגען האָבען זיי זיך אין דערלופט געצויגען; געפלאַקערט און געדרייבערט מיט א בלוי־גרינעם רויך; געברענט און בעוועגט זיך זיג־זאַג און כוואַלענמעסיג מיט דער אונרוהי־גער בעוועגונג פון דער עדה. זיי האָבען בעלויכטען דאָס ריזיגע בילד.

פלאַגען האָבען געוועהט!...

פאָהנען און פענדלעך מיט רויטע און ווייסע שטרייפען און בלאָע ווינקלען אין איין עק — בעשטערענט מיט ווייסע בלישצענ־דיגע שטערענדלעך — האָבען געפלאַטערט אין דערלופט.

און דאָס פאָלק האָט געיובעלט... געפילדערט, געשריגען, געיובעלט!..

טויזענדער קולות — היזעדיגע און לויטערע, דינע טענאָרנע און דיקע באַסאָווע, מענערשע גראָבע און דינע פרויען קוליכלעך,

האָבען פאַרהילכט דעם סקווער. זיי האָבען זיך געצויגען און פאַר־שפרייט אין דערלופט און האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין ווילדע, בעגייסטערטע דיסאנאנס־געשרייען.

— אָהראַ... אָהראַ. אָהראַ!.. אָהראַ פאַר אונזער קאַנדי־דאַט... אָהראַ פאַר אונזער פרעזידענט... אָהראַ... אָהראַ... אָהראַ!..

. . . .

און דאָרט איז ער געשטאַנען, אויף אַ גרויסען הילצערנעם באַלעמער, בעהאַנגען מיט זיידענע פלאַגען—רויט, ווייס און בלוי, וויא אין אַ ראַהם פון עלעקטרישע לעמפעלעך פון די פלאַגען קוליערען, איז ער געשטאַנען—דער אָבגאָט פון פאָלק!.. אַ רוי־טער... אַ דיקער... אַ זאַטער... שטאָלץ און צופרידען; זיכער מיט זיין זיג!..

און ער האָט גערעט צום פאָלק—

געגליהט האָט זיין אויג. געפלאַמט האָט זיין פנים, געצוי־גען די עדה צו זיך האָט יעדער בליק און בעוועגונג.

געצויגען, גערופען, געלאַשצעט, גענאַרט!..

און דאָס פאָלק האָט געיובעלט — ער האָט בעגייסטערט דאָס פאָלק.

גערייצט אין דער חיה די תאוה צו לוסט און צו שפיעל. גליק איהר אין לעבען פאַרשפּראָכען — יאָהרען גוטע און פיעל.

און דאָס פאָלק האָט געיובעלט!..

. . . .

ער אויך איז געשטאַנען, פון הינטען אַ בלייכער, אַ דאַ־

רער אַנ'עלטערער מענש. פאַרוויקעלט אין שמאַטעס, מיט שטריק־לעך געבונדען די שיך; פאַרוואַקסען מיט גרויע צושויבערטע האָר; פאַרהונגערט, פאַרנעצט פון דעם רעגען, דערפראָרען פון קעלט — האָט זיין נאַקעט לייב, אָהן אַ העמד, אונטער די שמאַטעס געציטערט!

דאָך האָט אין זיין אויג אויך אַ פייער געברענט. ס'האָט די נשמה געצויגען אַהין — צו דעם פאָלק — צו דעם אָבגאָט פון פאָלק...

ער אויך, דער פאַרהונגערטער, — ער אויך האָט געגלויבט אין יאָהרען גוטע און פיעל.

ביי איהם אויך, דעם פאַרפראָרענעם, האָט די תאוה גע־גליהט צו לוסט און צו שפיל

אָבער ער האָט ניט געשריגען. ער האָט ניט געיובעלט... ער איז ניט בכח געווען.

צו שוואַך און פערהונגערט איז ער געווען, און אונטעכטיג איז ער געשטאַנען.

• •

אויף דער ערד איז אין רינשטאָק אַ שטיק פון אַנ'עפּעל גע־לעגען. פון רעגען געווייקט... פאַרפוילט... דער אַלטער פאַר־הונגערטער מענש האָט דעם שטיק פון דעם עפּעל דערזעהען — און ס'האָט אין די אויגען זיך ווידער פאַרשפרייט אַ הונגער פלאַם! — פון וועלפישע אויגען־פינקען צונויפגעשמאָלצען...

און ער האָט דעם עפּעל גענומען, און האָט איהם אַ שטאַר־קען טרייסעל געטהון: דעם שטעמפּעל פון רינשטאָק האָט ער פאַרוואַרפען געוואָלט. ער האָט איהם געביסען... געגעסען...

געקוויקט זיך מיט איהם... און ער האט אפנים כחות—נייע—געקראָגען...

הויך האָט ער די האַנט מיט דעם עפּעל געהויבען... און זי האָט געפלאַטערט, געוועהט אין דער לופט וויא א פאָהן.

און ער האט געוועהט מיט דעם עפּעל—און איז צו דעם פאָלק געגאַנגען.

דאָס פאָלק האָט געיובעלט!

און די כוואַליע, די שטאַרקע, פון פאָלק האָט איהם פער־שלונגען—און ס'האָט איהם געצויגען די מאַכט פון דער ערדה—זיג־זאַג געטראָגען, געוויגט איהם אַהין צום אָבגאָט פון פאָלק.

ער וואָלט ניט געקענט צוריק געהען, אפילו ווען ער וואָלט געוואָלט. און ער האָט ניט געוואָלט... אין איהם האָט געברענט די נשמה... מיט התלהבות... און ער האָט געשריגען... גע־פילדערט... געיובעלט וויא אַלע!..

גערעט האָט דער אָבגאָט. גערעט און גערופען, געצויגען דאָס פאָלק.

און ער האָט בעגייסטערט דאָס פאָלק.

געררייצט אין דער חיה די תאוה צו לוסט און צו שפּיל.

גליק איהר אין לעבען פאַרשפּראָכען—יאָהרען גוטע און פיהל

און דאָס פאָלק האָט געיובעלט!..

די פלאַגען האבען געוועהט אין דערלופט, די פאַקעלען האָבען געברענט וויא געל־רויטע צונגען—געברענט און גערוי־בערט—און האָבען בעלויכטען די טויזענד קעפּיגע ערדה, אין דעם דינעם טיול געפלאָכטען און געוועבט פון דעם רעגען געבעל.

בַּיים יַם

די זון האָט זיך שוין געזעצט. די ברענענדיגע היטץ וואָס האָט דעם גאַנצען זונטאָגדיגען טאָג געפּלאָגט און אויסגעמאַטערט יעדע בעשעפעניש אין דעם תהום-נו-יאָרק—האָט שוין נאָכגעלאָזט. אַ קיהל ווינטעל האָט געבלאָזען פון דעם ים און האָט דערפרישט די מענשען און די חיות. דער גרויסער עולם וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען אין דער זומער-שטאָט, אויף דעם אינזעל נעבען נו-יאָרק, האָט זיך איצט אין קליינע גרופּעס פון מענער, ווייבער און קינדער געצויגען פון דעם ברעג ים איבער די גאַסען פון דער שטאָט צו יענעם לעבעדיגען טהייל וואָס איז געווען בעלויכטען מיט מיליאָנען עלעקטרישע ליכט. דאָרט האָט געזאָטען דאָס לעבען און געפּינעט די לוסט. דאָרט האָט מען געקענט אַ פּאָר שעה פריילין פאַרברייגגען. גראָב אפילו, ציניש, אוננאַטירליך, אָבער דאָך אונטערלעבען: טאַנצען און שפּרינגען אין די גרויסע בעלויכטענע טאַנץ-זאַלען, דרעהען זיך אויף קאַרוסעלען אונטער דער גרילצענדיגער מוזיקע פון שאַרמאַנקעס, לאַכען און שפּאַסען, בע-

זוכען צירקען און פאַנאָראַמעס, זעהען ווילדע חיות, און איינהאַנדלען לעבעדיגע סחורה. דאָרט האָט מען געקענט אַ פּאָר שעה לעבען, לאַכען, איבערגעבען זיך צו אַלע תענוגים פון לוכט און ליבע, רייצען די נערוועץ, טרינקען און הולען... און דער עולם האָט זיך געצויגען איבער די גאַסען—אַהין.

ביים ברעג זיינען געבליבען די פאַרשפּעטיגטע געסט און די זומער איינוואוינער. דאָ איז געווען קיהל און גוט. דאָ האָט מען געקענט פריי אָטעמען די פרישע, מונטערע יב־לופט. עטליכע מענער און פרויען האָבען זיך נאָך געבאָדען אין ים, געשטיפט, געפליאָסקעט זיך, געשריגען און געשפּילט זיך מיט די גרויסע כוואַליעס. אונטערשפּרינגענדיג ווען אַ כוואַליע איז אָנגעקומען, האָבען זיך די שטיפער באַלאַנסירט אויף איהר רוקען ווי אויף אַ גרויסען אָנגעבלאָזענעם פּוכיר און זיינען געשוואומען, געגליטשט זיך און געהוידעט זיך מיט איהר אויף דער ברייטער אויבערפלאַך פון דעם וואַסער—און האָבען געלאַכט און געשטיפט. אָבער אפילו זיי האָבען געהיילט צו ענדיגען דעם ספּאָרט און גיכער פאַרלאָזען דעם ברעג.

אויף דער וועראַנדע פון דער גוטסקאָוס זומער־הויז—וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם אָפענעם ים—האָט אַ חברה פון דער פאַמיליעס פריינד טעה געטרונקען. די חברה האָט לעבעדיג געשמועסט, גערעט, דיסקוטירט; גוטמוטהיג געקריגט און געווערטעלט זיך. די לעפעלעך אין די גלעזער פון די טעה־טרינקער האָבען געקלאַפּט און געקלונגען, די שטוהלען אויף דער וועראַנדאַ האָבען זיך אַלע מאָל אַרומגערוקט, אייניגע פון דער חברה זיינען אַרומגעגאַנגען, אַנדערע זיינען געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן די פּאַרענצעס. זעלטען ווען חברה האָט איינציגווייז גערעט,

מעהר־סטענטהייל האָבען עטליכע, און אַמאָל האָבען אַלע אין איי־נעם גערעט, געלאַכט און געשריגען.

ליליע, די יונגערע טאָכטער פון די גוטסקאָוום, האָט עפּעס געפּלאַנעוועט. אין איהר לעבעדיגען בעגייסטערטען טאָן האָט זיך געפילט אַניעקשנות. אָבער דער אַלטער אברהם האָט ניט נאָכ־געגעבען. איהם, דעם עלטערען און קליגען מענשען, מיט דעם עהרליכען, ניכטערען בליק אויף דער וועלט, האָט די גאַנצע זאַך פאַרדראָסען.

— סעאַנסען, גייסטער — האָט ער זיך געבייזערט — אָנ־שטאָפּען די יונגע מוחות מיט נאַרישקייטען.

— פאַר וואָס איז דאָס נאַרישקייטען? האָט געלאַסען גע־פרעגט „צדק" בראַפּמאַן — אַ מענש פון אַ יאָהר 40 — אַנ'אַלטער בחור, וועמען די חבר'ה האָט געגעבען דעם צונאָמען „צדק" דער־פאַר וואָס ער האָט נאָך ניט חתונה געהאַט. — עס איז אַנ'עקספּע־רימענט, וויא אַלע עקספּערימענטען.

— און מיר וועלען איהם מאַכען, איהר וועט זעהען — האָט ליליע איבערגעשלאָגען — מיר וועלען אָברוקען דעם טיש אַהין, דעם קיילעכדיגען טיש וועלען מיר שטעלען אין מיטען; מיר וועלען אַרויפציהען די לאַמפּע אינדערהויך — פאַרציהען ז' — און עס וועט ווערען פינסטער, אַזוי פאַנטאַסטיש פינסטער, הער לעאָן, קיים־קוים וואָס מען וועט זיך קענען זעהען. דער דאָקטאָר האָט צוגעזאָגט אַז מיר וועלען עס היינט מאַכען. — מען האָט געזעהען אַז איהר געפעלט דער פּלאַן.

לעאָן, צו וועמען ז' האָט זיך אָקאָרשט געווענדעט, האָט געמישט זיין טעה, האָט קאָקעטיש געקוקט אויף איהר און האָט שטיל און שפּאָטיש געלאַכט.

נו, נו, מאַכט, מאַכט...
ווערט איהר מאַכען,
וועל איך לאַכען...

האָט זיך ביי עם אראָבגעגלייטשט פונ'ם צונג. און ער האָט זיך צע־לאַכט. — ליליצקע, טייערע, איהר זייט נאָך א... קינד, האָט ער געוואָלט זאָגען, האָט זי איהם אָבער פאַרשטעלט מיט איהר האַנט דאָס מויל.

— איהר זיינט אַנ'אונגלויבער... אַ שלעכטער. — לעאָן איז געוואָרען לעבעדיגער. און זיינע אויגען האָט אַ שפּיל געטהון אַ מונ־טערער שטראַהל. ער האָט אָנגעכאַפּט איהר האַנט מיט זיינעביידע הענט און זי שטיפעריש אַ קוש געטהון און האָט עקספּראָמ־פּטאָם ריפּמירט:

ווערט איהר גלויבען — יענעם ליבען
וואָס ווערט קונצען מאַכען;
וועל איך פון דערווייטענס שטעהען,
קוקען וועל איך — אַלעס זעהען
און וועל פון אייך לאַכען...

— אהההה... האָט ליליע וויא אַ געפעסטעט קינד קאָקע־טיש זיך געיברוגז'ט און האָט איהם מיט דער האַנט שפּילעריש גע־פּאַטשט איבער די ליפּען. לעאָנען האָט עס אפנים הנאה געטהון; עס איז מעגליך אַז ער האָט זי גיט פיינט געהאַט, און חברה האָט בעשטימט אונטערגערעט, אַז זיי האָבען זיך ביידע ליעב און ווע־לען געווים התונה האָבען.

לעאָן איז געווען אַ מערקווירדיגער יונגער מאַן. אַ מענש פון אַ יאָהר 30, איז ער מיט עטליכע יאָהר צוריק געקומען פון רוס־לאַנד מיט די פרייסטע אידעען און אנזיכטען אויף דעם לעבען און

מענשען. צו ער האָט אין רוסלאַנד גענומען אַנטהייל אין דער בעפרייאונגס בעוועגונג, צו ניט—האָט מען ניט געוואוסט. זיכער אָבער, אַז זיינע איבערצייגונגען האָבען זיך בשום אופן ניט איינגע־פאַסט אין די רעמלאַך פון קיינער פון דאָרטיגע פאַרטייען.

אַ הויכער, ברייטביינעריגער, פעסטגעבויטער יונגער מאַן מיט גוטע מילדע אויגען און אַן׳אויסדריק פון אַ שטאַרקען ווילען אויף דעם שיינעם געגאָלטען פנים, פלעגט ער זיך תמיד האַלטען פריי, גרינג, אונגעצוואונגען; פלעגט תמיד ריידען שיין, פליסיג, אַזוי ערליך גלאַט פון דער נשמה, אַז ער פלעגט פון דער ערשטער מינוט אָן מאַכען אַ זעלטען גוטען איינדרוק אויף יעדען מענשען מיט וועמען ער האָט זיך בעגעגענט. ער איז געווען אַן׳עכט געבילדעטער, אינטעליגענטער מענש, און האָט גאָרניט אויסגעזעהען וויא אַ אידישער דיכטער—אַ דאַרינק איינגעהויקערט נעבעך׳ל מיט אַ גרין פנים און אויסגעדאַרטע גלידער. ער איז געווען אַ געזונטער, שטאַרקער יונגער מאַן, פול מיט שטיפעריש לעבען, און האָט פונדעסטוועגען אָהן אַ שום ספק געהאַט אַ היבשען דיכטערי־שען טאַלאַנט. אַ חוץ דעם איז ער געווען אַן׳אויסגעצייכענטער עלעקטראָטעכניק, און האָט דאָ געפונען אַ שטעלע ביי עדיסאָנען אין דער פאַבריק. ער האָט גוט פאַרדינט, און זיין פרייע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין לעזען, שרייבען, דיכטען, שטיפען — לעבען — וויא ער האָט עס גערופען. ער האָט אַלצדינג אָבגעלייקענט.

— די ווימענשאַפט—פלעגט ער זאָגען, ווען חברה האָט זיך געהיצט און בעוויזען עפעס „ווימענשאַפטליך״—די ווימענשאַפט געפינען אוים די קלוגע צו שרעקען מיט איהר די נאַראַנים...

— די רעגירונג!.. אה, דאָס איז אַ פּאָרטעל פון די שטאַרקע צו האַלטען אין צוים די שוואַכע!..

די געזעלשאַפט... יאָ, און ער פלעגט זיך פאַרטראַכטען — זי איז אפילו נאַטירליך, נעהטיג, אַ גוטע זאַך... אָבער... זי קאָסט דעם מענשען צו טייער. זי וועט זיך ערשט דעמאָלט לוינען — ווען זי וועט גאָרניט קאָסטען!..

— אָך, די קונסט — חאַ... חאַ... חאַ... פלעגט ער זיך צעלאַכען און לאַכען מונטער, לעבעדיג, פון דער גאַנצער ברוסט — די קונסט בין איך אַליין. איך בין אַ קונסטווערק, געשאַפען פון דער נאַטור און פון דעם לעבען. און איך בין אַ קינסטלער — איך שאַף די נאַטור און דאָס לעבען... יאָ, יאָ... די נאַטור און דאָס לעבען, זאָלט איהר עס וויסען. קענט איהר מיך געניסען — גע־ניסט וויפיל איהר ווילט. איך — איך געניס די נאַטור און נעם פון דעם לעבען אַלץ וואָס מיין האַרץ געלוסט. און מען קען ניט זאָ־גען: לעאָן פלעגט אָפט קענען בעצויבערען. ער פלעגט פראַכט־פאָל דעקלאַמירען, און, ווי יעדער פאָעט, פלעגט ער דעקלאַמירען זיינע אייגענע פּערזען. אַמאָל פלעגט ער עקספראָמטאָם דעקלאַמי־רען. און אויב ניט תמיד האָט זיך איהם איינגעגעבען אַזאַ דעקלאַ־מאַציע, האָבען דאָך מערסטענטהייל זיינע פערזען געהאַט אַ שיי־נעם מעלאָדישען קלאַנג, און פלעגען זיך אויסגיסען אין גרינגע ריטמישע וועללען, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט אַן עכט לירי־שע זיסקייט.

— לעאָן, לעאָן, זייט דאָך גוט — האָט איהם איצט ליליע געפּאַטשט איבער די ליפּען און האָט איהם קינדעריש, ליבליך געבעטען.

— דאָקטאָר אַ יאָ מיר וועלען היינט מאַכען דעם סעאַנס? האָט זי דעם דאָקטאָר געפרעגט.

— אויב איהר ווילט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אין ענגליש און האָט אַרויסגעהויבען זיין טונקעל, דאַר פּנים מיט די שוואַרצע אויגען פון דער ציטונג וועלכע ער האָט געלעזען. אין זיינע אויגען האָט געבלישצעט אַ שאַרף, קרענקליך פייער. זייט זיין פרוי איז געשטאָרבען האָט דער דאָקטאָר פאַרלאָזט זיין גרויסע פּראַקטיקע און האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט. ער האָט גע-זוכט אַ מקום מנוחה פאַר זיין קוואלענדער נשמה — און האָט עס ניט געפונען. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין נו-יאָרק אַ גלויבי-גער אין ספּיריטיזם, אין גייסטער, און מעדיומען. דאָס האָט איהם, וויא עס ווייזט, אויסבעפרידיגט, עס האָט איהם געגעבען דעם גלויבען, אַז ער קען זיך פאַראייניגען מיט דעם גייסט פון זיין פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט. ווען ער האָט גערעט פון גייסטער און מעדיומען, האָבען זיינע טיפע אויגען געפלאַקערט וויא ביי אַ האַלבען משוגענעם, די מוסקולען פון דעם פּנים האָבען גע-שפּילט, געציטערט און געצוקט, און דער גאַנצער גוף פון דעם נידעריגען אויסגעדאַרטען מענשען איז אויף איין מינוט ניט רוהיג געוועזען. גערעט האָט ער גיך, געשלונגען די ווערטער. אַ דורך-און-דורך אַסימילירטער אַמעריקאַניש-אונגאַרישער איד ' האָט ער גאַר אָבגעלייקענט אינגאַנצען אַז עס איז דאָ אַ אידיש פאָלק, אַ אידישע נאַציע, אַ אידישע שפּראַך.

— וואָס גיכער אידען מיט אַלע זייערע מיעסע זשאַרגאָנען וועלען פערשווינדען ווערען פון דער וועלט — פלעגט ער אויפגע-רייצטערהייד שרייען — וועט אַלץ בעסער זיין פאַר אַלע נאַציאָנען און פאַר זיי אַליין אויך.

חברה האָט ניט תמיד אויסגעהאַלטען צו פאַרשוויינגען איהם. און לעאָן, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז ווען עס וואָלט ניט גע־ווען קיין אידיש פאָלק, וואָלט מען עס געמענט בעשאַפען, און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין אידישע שפּראַך, וואָלט מען זי געדאַרפט בעשאַפען; לעאָן, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז רעדען און שרייבען און דיכטען דאַרפען אידען אויף אידיש, פּונקט וויא די דייטשען אויף דייטש און די ענגלענדער אויף ענגליש, ווייל פעלקער און שפּראַכען ווערען בעשאַפען אויף דער וועלט פון דעם לעבען אַליין— אָהן דעם „הער דאָקטאָרס" ווילען — לעאָן פלעגט זיך פּשוט אויס־לאַכען פון איהם. אָבער אַריינגעהען מיט דעם דאָקטאָר אין אַ וויכּוח איז געווען אַ נ׳אמת׳ע סכּנה. דיסקוטירען מיט איהם האָט געהייסען צעקריגען זיך מיט איהם און ברייגען איהם צו דער העכסטער מדרגה פון כּעס—און אַמאָל טאַקי האָט עס געקענט פירען צו אַ סקאַנדאַל. און אַלע פון דער חברה ביי די גוטסקאָוס פלעגען עס אויסמיידען. דאָך פלעגט לעאָן ניט תמיד אויסהאַלטען. אַמאָל פלעגט זיך איהם פאַרגלוסטען אַ רייץ טהון זיך מיט דעם דאָקטאָר פאַמעלאַך, געלאַסען זיך רייצען מיט איהם...

— הער דאָקטאָר, היינט סעאַנסירען מיר. — האָט ער שפּאָטיש געזאָגט — מיר רופען אַרויס די גייסטער; מיר פאַראייני־גען דאָס מאַטעריעלע—דעָם וועלט-שטאָף מיט דעם גייסטיגען— דער וועלט זעעלע...

דער דאָקטאָר האָט אַ בייזען קוק געטהון אויף איהם. ליליע איז געווען שטאַרק אונצופרידען. זי האָט קאַפּריזנע אַ טופּע געטהון מיט דעם פוס און האָט אויסגעשריגען

— סטאָפּט, הערטאויף—לעאָן!..

לעאָן האָט איבערגעביטען זיין איראָנישען טאָן. — אָה, איהר

זייט אויך ערענסט—און ער איז אויפגעשטאַנען. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט זי אַרומגענומען אַרום דעם האַלז=און=נאַקען און האָט צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין שטאַרקער ברוסט. ער האָט זיך געוויגט מיט איהר אַ סעקונדע און האָט ווייך און זים דעקלאַמירט.

ליליע, ווייסע ליליע, שטאַרק וויא צויבער איז דיין גערוך
שמעקט וויא בשמים מיר און רייצט מיך,
ליבען הארציג, קוסען דיך...

* * *

אויף דעם ים, דאָרט, שלאָגט די כוואַליע
דעם ווייסען שאָהם מיט ווילדער מאַכט;
און מיין נשמה רעגט דער ווילען,
דיך בעזיצען אין דיין פראַכט.

* * *

דיינע בלעטלעך ווייסע ווינקען
מיר מיט ליבע לוסטיג צו.
אַך, מיין נשמה וויל איך טונקען
אין דיינע בשמים דאָ!...

ליליע האָט זיך געריסען פון איהם. איהר קינדעריש פּנים איז שעמעדיג רויט געוואָרען. זיינע אויגען האָבען געפלאַמט און

שמייכעלדיג געקוקט אויף איהר... און האָבען זי פאַרצערט. חברה האָט לוסטיג און פריילינ געלאַכט. דער דאָקטאָר האָט אויך געקוקט אויף לעאָנען און האָט דאַכטזיך בעוואונדערט די פרייע, לעבעדיגע בעוועגונגען פון דעם קרעפטיגען יונגען מאַן.

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט אַריינגעבראַכט טעה. מיט איהר איז אויף דער וועראַנדע געקומען מאַריע, זי האָט געטראָגען פרעזערווס, ביסקוויטס און אָנגעשניטענע שטיקלעך לימענע.

— מאַמאַ — האָט זיך ליליע, וויא אַ געבאַלעוועט קינד, געקלאָגט — הער לעאָן „בעהייבט זיך ניט גוט...

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט זיך איינגעבויגען אַוועקצושטעלען די טעה אויף דעם טיש. זי האָט זיך נאָך ניט אויסגעגלייכט. אין דער פּאָזע האָט זי אַ דרייגעטהון איהר שיינעם קאָפּ און האָט אויף לעאָנען ליבליך געקוקט. לעאָן איז צוגעלאָפען צו איהר. ער האָט זי מיט די הענט אָנגענומען פון הינטען ביי די אַקסעל און האָט איהר שמייכלענדיג געקוקט אין די אויגען.

— אין איהר גלויבט דאָס, מאַדאַם גוטסקאָוו — האָט ער זי זיס און ווייך געפרעגט. זי האָט געשמייכעלט און האָט איהם אָנ־געקוקט אָהן ווערטער.

זי איז געוועזן אַ ליבליכע, אינטעליגענטע — מיטעליאָהריגע פרוי. אין דער יוגענד איז זי געוועזן זעהער אַ שיינע. פון אַ רייכער אידישער פאַמיליע אין רוסלאַנד, האָט זי זיך ערצויגען אויף דער ליטעראַטור און אויף דעם לעבען פון די אַכציגער יאָהרען. איצט האָט זי שוין אַ צייט געלעבט אין אַמעריקאַ און די פריינד־ליכע בעזוכען פון דער אינטעליגענטער יוגענד אין איהר הויז זיי־נען איהר זעהער טייער געוועזן. עפּעס פלעגען זיי איהר דערמאָ־נען אין יענעם חלומ׳דיגען לעבען פון אַ מאָל. דאָס לעבען וואָס

איז פאַרשוואונדען געוואָרען דאָ אין אַמעריקאַ, און פאַרשווינדענדיג האָט עס אויסגעמעקט יענע שיינע האָפענונגען און אידעאַלען פון איהר יוגענד. און אפשר האָט זי נאָך דערביי אַן׳אַנדער מיין גע־האָט. זי האָט געהאַט צוויי דערוואַקסענע — כלה־מיידלעך. און ליליע — איהר טייערע ליליע — ווער ווייסט צו וועמען אין די הענט זי וועט אַריינפאַלען... וויא אַלע פון איהר דור, עמיגראַנטען, האָט מאַדאַם גוטסקאָוו ווענ׳ג געהאַלטען פון דעם יונגען, אידיש־אַמעריקאַניזירטען דור. אָט, לעאָן... דאָס וואָלט געווען גאָר אַנאַנ־דער זאַך!..

און מאַריע? ווער איז מאַריע געווען?

קיינער האָט ניט געוואוסט. עפּעס האָט זיך ארומגעטראָגען אַ פזמון אַז אין אָנהויב זומער האָט זי אַ מומע איהרע — אַ נארווע־גישע פרוי — געבראַכט אַהער און האָט זי פאַרדונגען אין דעם ב׳שכנות׳דיגען האָטעל צוצודינען די געסט ביים טיש, וואַשען גע־פעס און טהון אַנדערע קלענערע דינסט־אַרבייט. אָבער באַלד האָ־בען אַלע בעמערקט אַז ניט איהר אויסזעהען, ניט איהר בענעמען זיך — ניט דער גאַנצער נפש פון מאַריען איז געווען דאָס אויסזעהען און בענעמען זיך פון אַ דינסט־מיידעל. דאָס האָבען אויך בעמערקט די גוטסקאָווס קינדער און האָבען זיך בעפריינדעט מיט איהר. פון דעמאָלט אָן האָט מאַריע פאַרבראַכט איהר פרייע צייט — עטליכע אָוונדען אין וואָך און די האַלבע זונטאָגען צוויי מאָל אין חודש מיט איהרע פריינד.

זי פלעגט העלפען דער מאַדאַם גוטסקאָוו, העלפען די קינ־דער, דערלאַנגען טעה די געסט, שטיפען מיט זיי און שפּאַסען מיט זיי וויא אַ קינד. און זי איז ביסלעכווייז געוואָרען בעפריינדעט מיט אַלע. יאָ, זי איז געוואָרען דאָס ליבלינג קינד פון דער חברה.

און עס איז קיין חדוש ניט. אַ חברה יונגע לייט וואָס פאַהרט אַרוים זומער, אין די הייסע טעג, צום ברעג ים, איז געוועהנליך אין אַ דערוואַרעמטער שטימונג. עס ווילט זיך מיט דער פולער ברוסט אָטעמען די שטאַרקע ים לופט; עס ווילט זיך פריי ווערען פון אַלע צוואַנגען פון דעם שטאָטיגען ציוויליזירטען לעבען; עס ווילט זיך באָדען זיך, פליוסקען זיך אין דער וואַסער, שטיפען מיט די וועללען פון דעם ים און שטיפען מיט די וועללען פון דעם לעבען. אין אַזאַ חברה איז אַ שיין מיידעל אַ לעבעדיגער אָדער, אַ צאַפּלענדיג האַרץ, וואָס מאַכט ברייטער דאָס לעבען, טיפער, זיסער און עהרליכער דעם געניוס. און מאַריע איז געוועזן זעהער אַ שיין מיידעל — אַ יונג, אונשולדיג קינד. איהר שפּראַך האָבען אפילו די יונגע לייט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט קוים-קוים ענגליש גערעדט און נור עטליכע ווערטער דייטש. פונדעסטוועגען האָט זיך חברה מיט איהר תמיד איינפערשטאַנען. געוויס, דאָס וואָס מען האָט איהר ניט געקענט געבען צו פאַרשטעהען מיט ווערטער, האָט איהר אַ וואַרעמער געפיל פון פריינדשאַפט דערקלערט. פון דערהיים איז זי זיכער ניט געוועזן קיין דינסט. זי האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק אַז זי איז ערגעץ ערצויגען געוואָרען אין אַ מיידעלשען פּאַנסיאָן. זי האָט פּאָרטעפּיאַנאָ געשפּילט, גאַנצע שטיקער פון נאָרוועגישער פּאָעזיע אויסווייניג געקענט און האָט אויסגעצייבענט שיין געזונגען. איהר קוליכעל איז געוועזן אַ קליינס, אָבער אַ זיס און זי האָט מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזוי פיל נשמה געזונגען אַז — מען דאַרף זיך גאָרניט נאַרען — זי האָט די חברה בחורים אָפּטמאָל פאַרכישפּוט. איהר קלאָהר-ווייס, איידעל-קינדערש פּנים׳ל מיט די רויטע בעקעלעך, וועלכע זי האָט נאָך אין אַמעריקאַ ניט פאַרלאָרען, האָט תמיד געלעבט, געשטראַהלט. איהרע

טיפע, בלויע אויגען האָבען עפּעס תמיד גערעט—אָט דאָס, וואָס זי האָט מיט דעם לשון ניט געקענט דערדערען. און דאָס איז תמיד געווען עפּעס אַ לעבעדיגעס, אַ סודות'דיגעס, אַ זים... אַזוי וויא עס וואָלט זיך געבעטען—נעהם מיך, פליהע מיט מיר... איך וויל אַזוי לעבען... און דאָך, דאַרף איך זיין אַ דיענסט...

אַמאָל פלעגט זיך אויך זעהען אַנ'ערענסטע, טרויעריגע שיין אין דעם הינטערגרונד פון איהרע אויגען. און ווען זי פלעגט זיך צוזינגען—איהר שטורמיש נאָרוועגיש ליעד—פלעגט זיך הערען אַ ציטער אין איהר קול, אַזוי וויא ערגעץ טיף אין דער נשמה האָט זיך אַ קרעכץ, אַ דערשטיקטער קרעכץ אַרומגעטראָגען, און האָט זיך צוברעקעלט אין די טענער פון איהר געזאַנג. דעמאָלט האָבען אַלע געפיהלט אַ טיפען מענשליכען מיטלייד מיט דעם אָרימען קינד.

ביי די גוטסקאָווי'ס זיינען אַלע געווען איהרע פריינד. אָבער ניט אַלע האָבען זיך גלייך פאַרהאַלטען צו איהר. מאַדאַם גוטסקאָוו האָט זי ליעב געהאַט וויא אַ קינד, און פלעגט אויף איהר מוטערליך אַכטונג געבען. הער גוטסקאָוו האָט געקוקט אויף מאַריען גלאַט אַזוי... אַזוי וויא אויף אַ שיין מיידעל. די קינדער האָבען זי אמת ליעב געהאַט. פון די יונגע לייט, האָט זיך לעאָן פאַרהאַלטען צו איהר וויא צו אַלעמען—לעבעדיג, פריי, אונגעשטערט.

— אַ שיין מיידעל—פלעגט ער זאָגען — גאָט'ס ברכה, אָבער קינדעריש, נאַיוו... מאָמענטען־וויז, פלעגט זי איהם, מיט איהר זינגען אָדער מיט איהר קינדערשער שטיפעריי, בעגייסטערען, און עס פלעגט זיך דעמאָלט אויסווייזען, אַז ער וואָלט זי געקענט מיט זיינע שטאַרקע הענט אויפהויבען, אַ וואָרפטהון אין דערהויך,

און זי וואָלט געפלויגען וויא אַ ווייסער, אונשולדיגער מלאך אינ־דערלופט, און זיין גייסט וואָלט געפלויגען מיט איהר און געטרוימט און געזונגען פון איהר ... — אַך, — פלעגט ער אויסשרייען, — וויא שיין עס וואָלט געוועזען! ...

פאַרשטאַנען און געשעצט אָבער האָט זי נור דער שוועד — דער זינגער, אַרטיסט און מוזיקער. דאָס איז געוועזען אַ מאָדנער מין מענש, אַ דאַרער מיט אַ לאַנג פארמעט פנים, איינגעפאַלענע אויגען און בלאָנדע לעגגליכע האָר, פאַר וועלכע ער פלעגט אַזוי פיעל אויסשטעהען פון די נו־יאָרקער גאַסען לויפערס *). ער איז געוועזען זעהער אַ געבילדעטער, טאַלאַנטפולער אַרטיסט און מוזיקער. תמיד פלעגט ער זיך גריבלען אין די סודות פון זאַכען. אין דער מוזיקע וויא אין דער קונסט; אין דעם לעבען, וויא אין דעם מענש־ליכען דענקען, האָט ער אַלץ געוואָלט געפינען דעם גרונד, דעם יסוד ... אַמאָל פלעגט ער זיך וויא אַ טירטעל־טויב אַריינציהען אין זיין איינענער שאַלעכץ — אין זיין איינענעם איך — דעמאָלט פלעגט ער אַרומגעהען שטום, כמורנע, גרוי; אַזוי וויא אַ לאַנגער אויס־געצויגענער שאָטען פון אַ מענשען. אַנאַנדערסמאָל פלעגט זיין נשמה זיך צוגיסען — ברייט ווערען — אַרומנעמען די גאַנצע וועלט און דעמאָלט פלעגט ער אַרומגעהען אַזוי וויא שכור, כאָטש ער האָט קיינמאָל ניט אַ טראָפּען צו די ליפּען גענומען. ער אויך האָט זיך ניט געקענט צוזאַמען לעבען מיט זיינע אַמעריקאַנישע שכנים, און ער האָט זיך אַ פּאַסענדע סביבה געפונען צווישען די אידישע עמיגראַנטען. ביי די נוטסקאָוום האָט ער איינער געקענט מאַריעס לשון און האָט פאַרשטאַנען איהר נשמה.

---

*) גאַסען יונגען.

— אַ גאָלדענע נשמה — פלעגט ער אָפּט אויסשרייען — אַ גאָלדענע, אַ ריינע.

אָבער ערענסטער און מיט אַ שטילער, טיפער ליבע האָט זיך פאַרהאַלטען צו איהר צדק בראַפּמאַן. ער האָט געוואוינט אין דעם האָטעל וואו זי האָט געדינט, און ער האָט געזעהען וויא פיעל זי האָט געליטען און איז אויסגעשטאַנען פון די געסט. די געסט האָבען זי פיינט געהאַט. די אויפגעקומענע גבירתות, וואָס וואוינען געוועהנליך אין אַזעלכע האָטעלען פלעגען פשוט מורא האָבען פאַר איהר — טאָמער וועלען זיך חלילה זייערע מענער פאַרקוקען אויף איהר ווען זיי וועלען אויף זונטאָג קומען צו גאַסט צו זיי. און זיי פלעגען זיך נוקם זיין אין איהר, און שילטען די פאַמיליע גוטס־קאָווס דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך בעפריינדעט מיט איהר — מיט אַ דיענסט־מיידעל.

אָפּט פלעגען זיי זיצען אויף דער וועראַנדע פון דעם האָ־טעל — „די ליידיעס“ — בלישצען מיט זייער צירונג, מיט די גאָלדע־נע קייטען און זייגערס, מיט די רינגען אויף די פינגער און בראַס־לעטען אויף די הענט — דימענטענע אוירינגען און האַלז־בענדער פון פערעל — בערימען זיך איינע געגען דער אַנדערער מיט איהר רייכקייט און שילטען און בערײדען די פאַמיליע גוטסקאָוו.

— אַ דיענסט־מויד אַריינגענומען — אַ קוקלעצקע, אַ שיין פּנים'על — אויסגעדאַרט זאָל עס איהר ווערען.

— שיינע מענשען. אין אַ שטוב וויא מען דאַרף איינגענע טעכטער פאַרזאָרגען...

— און וואו בחורים קומען אַריין... אַ מאַמע, אַזאַ יאָהר אויף איהר...

— נישקשה... מען וועט איהר נאָך אין שטוב אַריינוואַר־פען... דער רוסישער אַריסטאָק־אַטקע!..

און זיי פלעגען אויסגיסען זייער כעס אויף דער אָרעמער מאַריע. ניט איין מאָל פלעגט זי אַראָבשלינגען אַ שטילע טרעהר. צדק פלעגט עס זעהען. זיין האַרץ פלעגט צוגעהען פון וויהטאָג און רחמנות... און ער האָט מאַריען ליעב געהאַט. ער איז אָבער געווען אַ רוהיגער שטילער קאַלטבלוטיגער מענש. אַסאַך יאָהרען אין אַמעריקאַ, ניט קיין יונגער מאַן שוין — אַ בחור, אַליין, האָט דאָס לעבען אויסגעאַרבייט ביי איהם אַ קאַלטען געלאַסענעם כאַראַק־טער און אַנ׳אמת אַלט־בחור׳שען קוק אויף דעם לעבען. יעדער זאַך האָט ער לאַנגזאַם, פּאַמעלעך בעטראַכט, איבערגעלייגט, געוואוי־גען. אין קיין זאַך האָט ער זיך ניט געהיילט, ניט געהיצט זיך. אָפּט טאַקי, זעהער אָפּט פלעגט ער זיין רוהיג און געלאַסען וועגען זאַכען, ווייל ער האָט זיך ניט בעשלאָסען צו מען דאַרף זיי טהון. חברה פלעגט זיך לוסטיג מאַכען איבער איהם דערפאַר. זיי פלעגען זאָגען אַז ער האָט נאָך ביז איצט ניט חתונה געהאַט טאַקי נור דערפאַר, ווייל ער האָט זיך נאָך ניט בעשלאָסען צו מען דאַרף חתונה האָבען... אָבער צו מאַריען האָבען אַלע געוואוסט איז ער ניט גלייכגילטיג. מען פלעגט איהם אָפט זעהען זיטצען מיט מאַרי־ען שפּעט ביינאַכט אויף די טרעפּ פון דעם האָטעל. אין זיין האַנט פלעגט ער האַלטען איהר שיינע, ווייסע האַנט, און מיט דער אַנדערער האַנט זיינער האָט ער איהר האַנט צאַרט און פּאַמעלעך געגלעט, און זיין רוהיגע געלאַסענע נשמה האָט זיך געפרייט, און געקוואָלען שטילערהייד—אַ ליידענשאַפטליכע הנאה האָט ער גע־האַט, פּונקט וויא ער וואָלט אין דעם גלעטען פון איהר האַנט געפילט די נאָהענטסטע בעריהרונג פון איהר יונגען, געשמאַקפּאָלען

קערפּער ... וויטער האָט ער זיך ניט ערלויבט... זי איז פאַר איהם צו היילינ געוועזען, ער—צו אנשטענדיג. און ער פלעגט רעדען מיט איהר, פּרואווען איהר געבען צו פאַרשטעהען וואָס פאַר אַ סכנה עס איז צו לעבען דאָ, אין דעם זומער פּלאַץ, אַליין... וויא גוט עס איז וואָס זי האָט זיך בעפריינדעט מיט די גוטסקאָווס. דאָרט זיינען אַלע די אנשטענדיגסטע מענשען, אָבער דאָ, אין האָטעל!.. ער פלעגט פּרואווען דערציילען איהר וויא גליקליך ער איז וואָס ער וואוינט דאָ אין האָטעל. ער פלעגט איהר ממש זאָגען אַז... אָבער זי פלעגט איהם ניט פאַרשטעהען.

ווען זי פלעגט רעדען וועגען ליבע, פלעגט זיך אין איהרע בלאָע אויגען אָנצינדען אַ בלווילך פייער׳ל — און ליבע פלעגט ביי איהר הייסען חתונה האָבען. פּשוט טאַקי געהען צו אַ שופט אָדער אַ רין און חתונה האָבען, וויא גאָט האָט געבאָטען און ווי טאַטע מאַמע וואָלטען געוואָלט... און צדק פלעגט זיצען מיט איהר שפּעט; גלעטען איהר וויך, ווייס הענטעלע; רעדען צו איהר וועגען ליבע און פריינדשאַפט, וועגען דער סכנה פאַר אַ יונגער, שיינער מיידעל אין די האָטעלען פון אַ זומער פּלאַץ, און פיהלען זיך גליקליך... גליקליך, איבער גליקליך...

*
* *

ווען מאַריע איז אַריינגעקומען מיט מאַדאַם גוטסקאָוו, איז ליליען איינגעפאַלען אַ נייער געדאַנק—און זי האָט אַביסעל איבער-געאַנדערשט איהר פּלאַן.

— פריהער וועט מען עסען. יאָ, — האָט ליליע אויף דאָס ביי געפּלאַנעוועט — נאָך דעם וועט מאַריע זינגען. אפשר וועט

איהר איהר העלפֿען — האָט זי זיך פלוצלונג אַ דריי געטהון צום שוועד, וואָס האָט פּאַראַנטערעסירט גערעדט מיט דעם דאָקטאָר וועגען גייסטער.

— געוויס — האָט דער שוועד געענטפערט צעטראָגען, ניט וויסענדיג וואָס און ווען.

— אַך, וועט זיין גוט — האָט זי זיך געפרייט — דערנאָך ערשט וועלען מיר מאַכען דעם סעאַנס.

— פּראַכטפאָל!.. האָט זי ענטוזיאַסטיש צוגעפּאַטשט מיט די הענט. — הער לעאָן, איהר וועט זיך ניט אויסדרייען. אייך אויף צו להכעים וועט איהר מיט אונז „סעאַנסירען" — האָט זי זיך מיט לעאָנען געררייצט.

— נו, מאָלט אייך, דאָס ניט... האָט לעאָן גוטמו־טהיג געלאַכט.

— איהר וועט, אייך אויף צו להכעים... איהר וועט... האָט זי זיך גערייצט מיט איהם און איז אַנטלאָפען. לעאָן האָט זיך אַלאַז געטהון צו כאַפּען זי. מאַדאַם גוטסקאָוו האָט מסכים געווען צו דעם פּראָגראַם, און צדק האָט געהאַלטען מאַריעס בײדע הענט און האָט איהר שטיל ערקלערט וועגען וואָס עס האַנ־דעלט זיך דאָ.

* * *

מאַריע האָט שוין אָבגעזונגען. איהר שיין לויטער פּנים האָט געפלאַמט, איהרע אויגען האָבען געלויכטען וויא די פאָספאָר פונקען פון דעם שאָהם אויפ'ן ים. די געסט זיינען געווען בע־גייסטערט פון איהר זינגען און האָבען איהר הילכיג אַפּלאָדירט.

צדק איז געזעסען שטיל מיט אַ געמאַכטער רוהיגקייט און האָט פאַרדרייט און אָבגעדרייט דאָס קייטעלע פון זיין זייגער אַרום זיין פינגער. אָבער אין זיין נשמה איז ניט רוהיג געווען. פון צייט צו צייט האָט ער זיך נערוועז אַהייב געטהון; שטיל, גנב'יש אויפגע־הויבען די אויגען און אַ קוק געטהון אויף מאַריען. אַ מאָדנער קוק איז דאָס געווען. זיינע אויגען—תמיד קלאָהרע, געלאַסענע, אין וועלכע עס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דער רוהיגער שכל פון אַ קאַל־טען מענשען—האָבען איצט געקוקט אויף מאַריען מיט אַ בנעימות'־דיג שטיל פייער'ל.

— מאַריע, זעהע... האָבען זיי דאַכט זיך געזאָגט און האָ־בען ניט דערערדט...

אויך לעאָן איז געווען אין אַ דערהויבענער שטימונג. זיינע פרייע אוננעצוימטע בעוועגונגען, זיינען דאַכט זיך נאָך פרייער געוואָרען. ער איז צוגעגאַנגען צו מאַריען, האָט זי פעסט אָנגענומען ביי די הענט און האָט זיי געדריקט.

— גוט, גוט... האָט ער זיך געקוויקט מיט ענטציקונג. און מיט זיין געוויינליכער גרינגקייט, האָט ער זיך איינגעבויגען, גלייך וויא ער וואָלט מיט דער רעכטער בעפרייטער האַנט געוואָלט זי אַרומנעמען אַרום דער טאַליע. ניט אָנריהרענדיג זיהאָט ער איבערגעבויגען זיין גרויסען שטאַרקען גוף איבער איהר קליינער פיגור, האָט ליבליך געקוקט איהר אין די אויגען און האָט דעקלאַ־מירט „די ליליע". אָבער שוין ניט יענעם טעקסט וואָס ער האָט פריהער דעקלאַמירט. יענע פרעזען האָט ער שוין פאַרגעסען.

ליליע, וויסע ליליע מיינע—קום צו מיר, נו, קום...

האָט ער דעקלאַמירט.

איך וועל דיך האַלזען, קושען וועל איך, שמעקען דיין
פאַרפיום...

דו — די בלום ביסט, איך — די ביהן, קום — זשע,
ליליע, קום,

ליבען וועל איך, שעצען וועל איך, דיך — מיין
הייליגטהום!..

מאַריע האָט ניט פאַרשטאַנען די ווערטער. נור עפּעס האָט זי דערפילט אַ מעכטיגע קראַפט איבער זיך — אַ ברענענדיגען אָטעם. איהר האָט זיך געדאַכט אַז זי פיהלט די בעריהרונג פון אַ גרויסען שטאַרקען מענשען פול מיט לעבען, און די קראַפט האָט זי פאַרשפּורט... זי האָט זיך איינגעבויגען, צונויפגעקאָרטשעט און האָט געפילט, אַז עפּעס האָט זי געצויגען צו איהם. צדק האָט פון זיי קיין אויג ניט אַראָבגעלאָזט. דאַכט זיך, יעדער וואָרט האָט איהם וויא אַ גליהענדיגע קויל געבריהט, און ער האָט נערוועז געדרייט און אָבגעדרייט דאָס קיטעל פון דעם זייגער אויף זיין פינגער. קיינער האָט דאָס ניט בעמערקט. אַלע זיינען געווען פאַרטהון אין דעם צוגרייטען זיך צו דעם סעאַנס.

ליליע האָט ווייטער געפלאַנעוועט. אַלע האָבען געפּאָלגט און געטהון. זיי האָבען צערוקט די טישען. צעשטעלט די בענקלעך.

— לעאָן, נו? מאַריע — דעם לאָמפּ — אַזו. העכער... גוט. האָט זי בעל־הבית׳טעוועט.

— מאַמאַ, קומט שוין אַריין — האָט זי געשריגען — דאָקטאָר, נו, וואָס הערט זיך?

— ווערט פאַרטיג — האָט ער טרוקען געענטפערט. ער האָט

זיך שטאַרק געווערטעלט מיט דעם אַלטען אברהם׳ען. דער ערענס־טער, עהרליכער אַלטער איז שרעקליך בייז געווען, און עס איז צווישען זיי ביידע באַלד צו אַקריעג געקומען. לעאָן האָט זיך אַריינגעמישט.

— לאָזט איהם צו רוהע—האָט ער צום אַלטען גע׳טענה׳עט... איך האַלט מיט אייך, אָבער יעדער האָט אַ רעכט צו זיין משוגע אויף זיין שטייגער, און נאָך אין דער פרייער אַמעריקאַ!

— אָבער, הער לעאָן, די ווירקונג—די ווירקונג אויף יונגע קינדער, אויף דעם יונגען פאַרשטאַנד, מיט דעם שפּילט מען זיך ניט. — האָט זיך דער אַלטער ניט בערוהיגט.

— פאַרשטאַנד, פאַרשטאַנד... פּלאַפּעלט ער — וואָס ווייסט איהר פון דעם פאַרשטאַנד? האָט דער דאָקטאָר בייז, אויפגערייצט גערעט.

— מילא, ער וויא ער—האָט זיך דער אַלטער געפּרופט טרייסטען—וואָלט מען כאָטש איהר, דער מוטער געקענט דערקלערען. אָבער, געה רייד מיט איהר, אז זי אַליין, דאַכט זיך, האָפט צו זעהען די מאַמע פון דעם קבר...

— הערט איהר, אָט דאָ טאַקי ליגט דער הונט בעגראָבען— האָט לעאָן געלאַכט—טאָ לאָזט זיי—און ער האָט מיט אַניאייגענעם נגון צוגעזונגען — „דוראַקאָוו ניע אָבאַוויש וו׳ראָסיאי, אַ נאַאָמניך טאַסקו נאַוויעדיאָש!..“

אָבער דעם אַלטען האָט דאָס ניט בערוהיגט.

אין צימער איז כמעט אַלעס גרייט געווען צום סעאַנס. דער אַלטער אברהם האָט זיך אָבגעזאָגט צו פערבלייבען, און איז בייז אַוועקגעגאַנגען. אין דרויסען איז די לופט געווען קיהל און שטאַרק. עס האָט געוועהט מיט אַ שאַרפער פרישקייט פון

גרינם פון דעם ים. ער איז געבליבען שטעהען א פאר מינוט און האט מיט פארגעניגען איינגעאטעמט די לופט.

פונווייטען ביים ברעג איז געזעסען א שניי=ווייסע פיגור אויף אנ'איבערגעקערט שיפעל. ער האט די פיגור דערקענט. דאס איז געווען דער אלטער גרייז — א זקן פון א יאהר 80, א געוועזענער שיפס=קאפי=טאן, וואס האט דא אין זיין אייגען הייזעל דערלעבט זיינע יאהרען אין רוהע און אין פרידען. אלע האבען דעם אלטען קאפיטאן געקענט און אלע האבען איהם ליעב געהאט. דאס איז געווען א טיפישער אמעריקאנער אלטעטשקער מיט א בריים גוט הארץ און קלוגע קלייניקע אייגעלעך אונטער גרויסע ווייסע ברעמען. א ווייצלינג פון דער נאטור, תמיד פארטיג מיט א מעשה'לע פאר קינדער און דערוואקסענע פון זיין גרויסער ערפאהרונג אין לעבען, איז ער נאך געווען גאנץ רירעוודיג און לעבעדיג פאר זיין עלטער. ביים ברעג האבען איהם אלע גערופען „זיידע" צו אלעמען איז ער פריינדליך געווען. מיט די קינדער פלעגט ער זיך שפילען וויא א קינד, מיט די דאמען איז ער געווען אנ'איידעלער קאוואליער, און מיט די מענער פלעגט ער וויצלען זיך, פילאספירען אדער דערציילען זיי א מעשה. דער אלטער אברהם האט זיך געלאזט געהען צו איהם. ער האט געטראכט—ער וועט אביסעל פארברייגגען מיט'ן אלטען קאפיטאן.

* * *

אין צימער איז געווען פינסטער. לעאן איז געשטאנען פון דערווייטענס אנגעשפארט אן דער טיהר וואס איז ארויסגעגאנגען אויף דער ווערענדא. אלע זיינען געזעסען ארום טיש און האבען

געהאַלטען די הענט אויף איהם. אין דערפינסטערניש האָט מען קיין איינציגען מענשען ניט געזעהען; נור אַזוי וויא אַ קיילעכדיגע צונויפגעגאָסענע מאַסע פון אַ געדיכטערען פינסטערען. פלעק האָט זיך געפיהלט אין מיטען פון דעם צימער. ביי לעאָנען אין דער פאַרשטעלונג האָבען זיך אויסגעמאָלט די בעזונדערע סילועטען פון יעדען פערזאָן אַרום טיש. איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַז ער זעהט זיי—איינגעהויקערטע, אָנגעשטריינגטע. דאָס גאַנצע צימער איז געווען אָנגעפילט מיט אַ שוואַרצער מורא, וואָס האָט יעדען דורכגענומען. איין־און־איינציגער בלייכער שטראַהל פון ליכט האָט זיך דורכגע'גנב'עט דורך דער אויבערשטער שפּאַרינג פון דער קיך־טיהר, וואו עס איז ליכטיג געווען.

דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט אַז יעדערער ביים טיש זאָל טראַכטען נור פון דעם וואָס מען האָט געפרעגט ביי דעם גייסט, און אַלע האָבען צוגעזאָגט צו פאָלגען. אָבער נאָך אַ פּאָר סעקונדען נור האָט שוין יעדערער דערפיהלט וויא שווער עס איז—יעדערער האָט דערפיהלט די פינסטערניש און עס איז כמעט אונמעגליך געווען צו פאָלגען דעם בעפעהל. ליליען האָט זיך די פינסטערניש געפלאָנטעט אין די געדאַנקען. „וויא אַזוי זעהט אויס די מאַמאַ אין דער פינסטער"? האָט זיך איהר פאַרגלוסט צו וויסען. „וואו שטעהט לעאָן"? און וויא אַ פאַרשייט קינד האָט זי זיך אַליין אויסגעשטראָפט. „מען טאָר ניט"—האָט זי אין די געדאַנקען געטראַכט. „מען דאַרף טראַכטען פון דעם גייסט". און זי האָט אויף אַ ווײַלע זיך געצוואונגען צו טראַכטען פון דער בקשה וואָס דער דאָקטאָר האָט מיט אַ גראָב, געמאַכט קול געבעטען ביי דעם גייסט. אָבער דאָס טאַקי האָט איהר דערמאָנט די דיקע, געקינצעלטע שטימע פון דעם דאָקטאָר, וואָס האָט איצט משונה'דיג

אָבגעקלונגגען אין איהרע אויערען. און זי האָט זיך קוים איינגע־האַלטען פון צו צעלאַכען זיך אויף אַ קול. אַ חוץ דעם האָט איהר אויף דער האַנט פּסדר געבריהט די בעריהרונג פון איהר שכן — אַ היבשער יונגער מאַן, אַנ'אַפּטייקער — וואָס איז געזעסען לעבען איהר. און אַלע מאָל איז איהר דער געפיהל פון דעם בריה גע־קומען אין קאָפּ אריין.

מאַדאַם גוטסקאָוו האָט געפּרופט צו טראַכטען וויא מען האָט געהייסען. זי האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געקענט אָבטשעפּען פון דעם געדאַנק אַז „עפּעס איז די גאַנצע מעשה צו קינדעריש". דער היבשער יונגער מאַן—דער אַפּטייקער—איז געזעסען וויא אַ גולם. ער האָט גאָרניט געטראַכט. איהם איז אפילו אין דער ליכטיג ניט גרינג אָנגעקומען דאָס טראַכטען—אַ פשיטה שוין אין דער פינסטער—ער האָט פשוט ניט געקענט טראַכטען... ער וואָלט געוויס געוועזען איינגעדרעמעלט, האָט אָבער אויך איהם גע־בריהט די בעריהרונג פון ליליעס האַנט, און יעדער מאָל וואָס ער האָט עס געפילט האָט זיך זיין פעט האַרץ אַ צאַפּעל געטהון פון נחת...

צדק האָט מיט אַנ'ערענסטער כונה געטראַכט וועגען דער פראַגע וואָס מען האָט געשטעלט דעם גייסט. ביי איהם איז עס געוועזען אַנ'עקספּערימענט און ער האָט איצט געוואָלט זיין אַזוי געטריי די בעדינגונגען פון דעם עקספּערימענט, וויא נור מעגליך. איהם איז נור אויסגעקומען קאָמיש און נאַרעשעוואַטע צו זיצען און איבערחזר'ן! „זאָג מיר גייסט" „זאָג מיר גייסט", „זאָג מיר גייסט"—הונדערט, טויזענד מאָל, אָבער ער האָט עס געוויסענהאַפט געטהון. — לאָז ניט זיין זיין שולד אויב די פּראָבע וועט זיך ניט איינגעבען—האָט ער פריהער געטראַכט

דער שװעד—דער אַרטיסט, זינגער און מוזיקער—דער נער־װעזער מענש מיט דער מאָדנער נשמה, איז געזעסען אײנגעבױ־גען און האָט מיט די הענט שטאַרק געדריקט דעם טיש. מיט די גרױסע אָפענע אױגען האָט ער געקוקט אין דער װעלט אַרײן, פונקט װיא ער װאָלט די גײסטער אין דערפינסטערניש געזעהען. ער האָט געגלױבט אין גײסטער.—די גאַנצע װעלט איז נור גײסט—פלעגט ער פילאָזאָפיש דערקלערען. און מען קען זײ אַרױסרופען—װען מען װײסט נור װיא אַזױ... ער האָט געגלױבט אַז דער דאָקטאָר װײסט װיא אַזױ זײ אַרױסצורופען—און הײנט אױף דער נאַכט װעלען זײ קומען. און ער װעט זײ—אױב ניט זעהען—װעט ער זײ געװױס פיהלען. און די נערװען פון זײן פנים האָבען גע־צוקט אין דער ערװאַרטונג. די מוסקולען האָבען געטאַנצט דעם נערװען טאַנץ פון דעם הײליגען װיטוס. זײנע געדאַנקען האָבען זיך בליץ־שנעל געטראָגען אין מאָדנע פאַנטאַסטישע בילדער. העלע שטראַהלען ליכט האָבען זיך געקאַטשעט פאַר זײנע אױגען אױף עטהער װעללען, און פון זײ אַזױ װיא זײלען װײסע רױך זײנען גײסטער אױפגעשטאַנען. לאַנגע, אױסגעצױגענע האָבען זײ זיך געדרײט און געטראָגען אַרױף צום הימעל, מיט שטראַהלענדע פנים׳ער און צוגעמאַכטע אױגען, און זײערע ליפען האָבען עפעס געמורמעלט...

— אײנס... צװײ... דרײ... אײנס... צװײ... דרײ... פיער... פינף... האָט זיך קלאָהר געהער־ט קלאַפּען אין צימער. דער שװעד האָט זיך נאָך מעהר אָנגעשטרײנגט, שטאַרקער האָט ער געדריקט דעם טיש. ער איז זיכער געװען אַז דאָס האָבען די גײסטער גע־ענטפערט. דער טיש האָט זיך פאַר זײנע אױגען בעװאױגען, געװױגט.—ער האָט געפיהלט דער טיש האָט זיך אױפגעהױבען,

געשאָקעלט זיך ... אין דעם רוים האָבען גײסטער געוועלטיגט... לעאָן איז געשטאַנען בײַ דער טיהר און האָט זיך צוגעקוקט. זײַן אויג איז ביסלעכווײז געוואוינט געוואָרען צו דער פינסטערניש, און איהם האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער האָט געזעהען ווער עס האָט געקלאַפּט. ער האָט בעשלאָסען אַכטונג צו געבען אויף הער גוטסקאָוו אַליין. אָבער מאַריע האָט איהם איבערגעשלאָגען.

זי איז געזעסען צווישען צדק'ן און דעם שוועד און האָט די גאַנצע צײַט געציטערט. זי האָט נור האַלב פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. און ווי נור עס איז פינסטער געוואָרען אין צימער איז געפאַלען אויף איהר אַ שרעקליכע מורא. אַ טיפער אבערגלויבען האָט אויפגעוואַכט אין איהר נשמה. איהר האָבען זיך אין דער פינסטער פאָרגעשטעלט הויכע שנײיִגע בערג, און אַזוי ווי פון אַ בית־עולם מיט קברים און קברים־שטײנער זײַנען פון די הויכע בערג, איבער דעם שניי, אַרונטערגעקומען לאַנגע, דאַרע מתים אין תכריכים אַנגעטהון. זיי האָבען דאָס צימער אָנגעפילט און ווען זי האָט דערהערט דאָס קלאַפּען און דערפילט, דאָס שאָקלען זיך פון דעם טיש, איז זי אַ פאַרציטערטע געוואָרען און האָט פון טויט־שרעק אָטעמען ניט געקענט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגען אויף אַ סעקונדע און האָט צוגענומען די הענט פון דעם טיש. ציטערנדיג איז זי שטיל אויפגעשטאַנען און איז אונבעמערקט אַוועקגעגאַנגען. אין דעם ווינקעל, אַנטקעגען דער קיך־טיהר האָט זי זיך אָבגעשטעלט. זי האָט זיך ניט דערוואַגט צו עפענען די טיהר. זי האָט איבערגעקרײצט איהרע הענט אויף דער ברוסט, און האָט אין שרעק און אין פחד געבעטען — צו גאָט געבעטען!.. דער דינער שטראַהל וואָס האָט זיך דורכגעגנב'עט דורך דער קיך־טיהר האָט זי בעלויכטען. איהר פּנים איז געווען טויט־בלײך, איהרע אויגען

פאַרמאַכט, דער גאַנצער שיינער קאָפּ האָט זיך אַרויף צום הימעל געצויגען אין דעם הייליגען עקסטאַז פון איהר נשמה...

לעאָן האָט זי געזעהען. שטיל איז ער צוגעגאַנגען. ער האָט זי אָנגענומען מיט ביידע הענט און האָט איהר שטיל געזאָגט.

— מאַריע, קום אַוועק פון דאַנען. —

זי וואָלט אַ געשריי געטהון. האָט זי איהר קול ניט געפונען. זי האָט געעפענט די אויגען און האָט איהם דערקענט. אין אַ סעקונדע האָט ער זיך דורך דער טיהר אַרויסגעשטופט, און אין אַ צווייטער סעקונדע זיינען זיי ביידע אויף דער וועראַנדע געשטאַנען.

די פרייע שאַרפע לופט האָט זיי ביידע אויפגעמונטערט. לעאָן איז גיך צו זיך געקומען. מאַריע האָט טיף און שווער איינגעאַטעמט די לופט. לעאָן האָט זי אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיין ברוסט, וויא אַ גרויסער שטאַרקער מענש נעמט אַרום אַ קינד — און זי — אַ צונויפגעקאָרטשעטע פון שרעק — האָט זיך אין זיינע שטאַרקע אָרעמס זיכערער געפילט.

און ער האָט איהר שטיל און ווייך געשעפּצעט. כמעט אויף דעם אויער האָט ער איהר מעלאָדיש דעקלאַמירט: —

פריי איז די לופט היינט — אָטעם זי קינד;
האָב פאַר די גייסטער ניט מורא.
זיי זיינען נוד פוסטקייט — לופט נור און ווינד
און טראָגען נור אָן מורה-שחורה...

פריי איז די לופט היינט — ברויזענד דער ים.
מלאכים'לעך זינגען אַ לידעל,

ס׳פינקלען די שטערען צו צו דעם גראַם,
בעגלייט דאָרט פון נאָט איף זיין פידעל...

מאַריע האָט זיך געטוליעט צו איהם. און שטיל—גלייך וויא ער וואָלט זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס בעשיצט פון אל־דאָס־בייז— זיינען זיי פון דער ווערענדע געגאַנגען צום ים.

* * *

דער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט וויא אַן׳אונענדליך גרויסע שוואַרצע מאַסע. ביים ברעג האָבען די כוואַליעס מיט ווייסע פינענדיגע רוקענס זיך געקאַטשעט, לייפענדיג איינע פאַר דער אנדערער און האָבען מיט אַ האַלב קיילעכדיגען זוים פון פינענדיגען שאָהם זיך צעשלאָגען מורמלענדיג אָן דעם ברעג. ווייטער האָט מען נור געזעהען גרויסע שאהמענדיגע, קעפּ, וואָס האָבען זיך וויא ריזען שלאַנגען געוויגט אויף דעם וואַסערפלאַך. נאָך ווייטער, כמעט אויף דעם האָריזאָנט, וואו עס האָט זיך אויסגעשפּרייט פערגליווערטע פינסטערניש, האָבען זיך אויפגעהויבען הויכע בערג וואָס האָבען פון דערווייטענס אויסגעזעהען וויא שטיקער געדיכטע וואָלקענס. דאָרט האָט זיך דאָס וואַסער צונויפגעגאָסען מיט דעם הימעל און פון דאָרט אָן האָט זיך אַ דיקער, שוואַרצער, טוך, אין וועלכען עס זיינען געוועזען איינגעפּאַסט מיליאָרדען פינקלענדיגע שטערען, פאַרשפּרייט ווייט אַרום—איבער דעם ים, איבער דער ערד, איבער דער גאַנצער וועלט. און די שטערען האָבען געבלישצעט און געפינקעלט דורך דעם שוואַרצען טוך; און די כוואַליעס האָ־

בען זיך צעשלאָגען אָן דעם ברעג און האָבען געזאָטען, געפּינעט און געמורמעלט זייער אייביגע ליעד.—עפּעס האָבען זיי גערעדט.

אויף איין זייט ברעג—לינקס—האָט זיך אויסגעשפּרייט די פֿרייליכע זומער־שטאָט. בעגאָסען מיט מיליאָנען עלעקטרישע ליכט, פון וועלכע עס האָט זיך צום הימעל געצויגען אַ העלער ליכטיגער נעבעל. ראַשיג, היים, פּול מיט לופט און מיט לעבען, שכּרות און ליעבע, וואו אלעס האָט געקאָכט און געזאָטען און מיט אַ געוואַלדיגער גיכקייט פֿאַרצעהרט דאָס לעבען—איז געלעגען די זומער שטאָט אין ליכט איינגעהילט. רעכטס, האָט זיך דער ברעג געצויגען צו דעם „צויבער ווינקעל". ער האָט זיך אויפגעהויבען, בערגיג הויך איז ער געוואָרען, און ווידער נידעריג, און ווידער בערגיג. און צווישען צוויי בערג, וויא אַ נאַטירליך וויגעלע ביי דעם שטאַרקען פֿעלזען ברעג, איז דאָס „צויבער ווינקעל" געלעגען. אונטען האָבען די כוואַליעס וויא אונטער אַ הייל זיך געקאַטשעט. שטורמיש, רוישענדיג און מיט כּעס האָבען זיי זיך צעשלאָגען אָן דער שטיינערנער וואַנט, און זידענדיג און פּינענדיג האָבען זיי מיט אַ מבול ווייסע טראָפּענס שאָהם בעשפּריצט און באַשפּיגען דעם ברעג.

ביי נאַכט איז דאָ וואונדערשיין געוועזן. דער טונקעל בלויליבער געוועב פון די הימלען, געפּאַסט מיט שטערען וויא בריליאַנטען; די דיקע, שוואַרצע, וויגענדיגע מאַסע פון דעם ים, דער מורמלען רויש פון די וועללען, די באַרג הויכע פּאַנטאַנען פון ווייסען שאָהם, און דער מאָנאָטאָנער קלאַנג פון דעם גלאָק אונטער דעם ווייסען ליכט פון מאַיאַק—האָט בעצויבערט יעדע מענשען זעלע.

לעאָן מיט מאַריען האָבען געשפּאַצירט ביים ברעג. דאָס מורמלען און פּליעשצען פון די כוואַליעס האָט זיי מונטערער געמאַכט. לעאָן האָט געדריקט מאַריען צו זיך. די גרויסע מאַכט פון

דעם ים האָט איהם גערייצט. ביי מאַריען איז דער חלום פון די מתים ביסלעכווייז פאַרשוואונדען. די ים לופט האָט זי לעבעדיגער געמאַכט. די פינקלענדיגע שטערען האָבען איהר וויא ליכטיגע פייערלאַך אויסגעוויזען און איהר איז ליכטיגער אויף דער נשמה געוואָרען. זי אויך האָט די פּראַכטפאָלע און מעכטיגע נאַטור גע־רייצט, און זי האָט געפילט עפּעס אַנ׳אונפערשטענדליכע קראַפט איבער זיך, וואָס האָט זי בעהערשט.ביידע זיינען שטיל געגאַנגען איבער׳ן ברעג און זיינען געהענטער געקומען צו יענעם רעדעל פון מענשען וואָס האָבען זיך אַרומגעקליבען אַרום דעם אַלטען קאַפּיטאַן. דער אַלטער האָט אַ מעשה דערציילט

רעדענדיג וועגען דער נאַטור — איהר גרויסקייט, איהר פּראַכט, איהר סדר, און דעם פּחד וואָס איהרע מעכטיגע ערשיינונ־גען וואַרפען אַרויף אויף דעם מענשען—דעם קליינעם ווערעמעל וואָס וויל זי בעהערשען—איז מען אַרויפגעקומען אויף די טיפסטע פּראָבלעמען פון דער וועלט און דער אַלטער אברהם—דער גריב־לער—האָט ניט אָבגעלאָזט דעם גלויביגען און אבערגלויבערישען אַלטען קאַפּיטאַן.

— אָבער וואָס איז די מאַכט? ווער איז זי, וואָס רעגירט די וועלט, וואָס פיהרט איהר סדר? האָט ער אַלץ געפרעגט און צוגעדריקט דעם אַלטען יענקי.

— איך ווייס ניט... האָט דער אַלטער גוטמוטהיג געלאַכט און געשאָקעלט זיין ווייסע קאָפּ—וויא קען איך וויסען? — ... איך ווייס ניט... מיין מוח קען עס ניט אַרומכאַפּען... ער קען ניט... אָבער איך פיהל די מאַכט... די גרויסע. אי, קינדער, זי איז דאָ... און ער האָט ווידער געלאַכט און קינדערש גע׳חי׳קעט.

פלוצלונג איז ער ערענסט געוואָרען. דאָס רױטליכע פּנים איז געװאָרען שטײף, די קלײנע אײגעלאַך האָבען זיך װײט געעפענט. — אָט... פּונקט װיא פאַר אַשטורם אויפ'ן ים — האָט ער געזאָגט — פּלעגען מיר פיהלען זי, די מאַכט... אַ גרױסע, אַ גרױע װאָס פּלעגט זיך, דאַכט זיך, אַרומקלײבען אַרום אונזער שיף אויף מײלען און מײלען װײט. זי פּלעגט דיקער װערען. שװאַרצער װערען און נעהענטער צוקומען צו אונז — און מיר פּלעגען פיהלען אַז אונזער שטאַרקע אײזערנע הײם — אונזער געליבטע — איז אין די הענט פון דעם שליח פון דער מאַכט — דעם װינט — אַ שפּענדעל מיט װעלכען ער פּלעגט טאַנצען זײן קדחת־טאַנץ... איך װײס ניט... איך װײס ניט... האָט ער איבערגע'חזרט און האָט קינדערש נאַאיװ געלאַכט.

— װיא אַזױ זי פיהרט די װעלט. איך װײס ניט!.. און װער װײסט? װער?.. חי... חי... אַקלאַציאַסטאַנאַ האָט געװאוסט... אַקלאַציאַסטאַנאַ, קינדער, דער זקן, דער נביא — דער הײליגער פון זײן שבט פּלעגט עס און אַ יום טוב דערצײלען זײן פאָלק. אַ שײנע מעשה... חי... חי... חי... האָט ער זיך צעלאַכט... און אַקלאַציאַסטאַנאַ איז געװען אַ גרױסער מענש... אַ חכם... אַ נביא...

די גרופּע אַרום דעם אַלטען קאַפּיטאַן איז געלעגען צעלײגט אויף דער װײסער ים זאמד אין פערשידענע פּאָזעס. זי האָט זיך צוגעגרײט צו הערען — מען האָט געװאוסט אַז דער אַלטער װעט דערצײלען אַ שײנע מעשה.

— עס איז שױן... עה... לאַנג, לאַנג, לאַנג. איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געװען. איהר פאַרשטײט אַ קימא־לן... חי... חי... חי... האָט דער אַלטער אָנגעהױבען. — דאָס איז נאָך אַלץ

ווילד געוועז ... ווילד. — ער האָט פּאַמעלעך אַ פֿיהר געטהון מיט דער האַנט אין דער לופֿט—אַלעס בעוואַקסען מיט וואַלד. אונזערע האָבען זיך דאָ עטליכע פֿאַמיליעס באַזעצט, אין קליינע הייזלעך. דאָרט—האָט ער אָנגעוויזען—וואו דער טייך פֿאַלט אין ים אַריין, האָט אַנ'אַלטער אינדיאַנער שבט געוואוינט. אַ מאָל אין פֿרידען, און אַ מאָל אין קריעג מיט אונז.

— איך געדיינק—איך בין נאָך גאָר אַ קינד געוועזן—אונזערע מאַטעס פֿלעגען עס איבערדערציילען; זיי פֿלעגען אונזערע מאַמעס דערציילען. דער אינדיאַנישער שבט פֿלעגט אַ יום טוב האָבען, אַרום אַ גרויס פֿייער זיך אַרומקלייבען, אונזערע פֿלעגען אויך זיטצען דערביי, רויבערען זייערע ליולקעס און צוקוקען... אין דערשטיל. מיר קינדער פֿלעגען זיך בעהאַלטען אונטער די עלטערע. חי... חי... הי... מיר האָבען פֿאַר די אינדיאַנער מורא געהאַט, אָבער מעהר פֿאַר אַלע פֿאַר אַקלאַציאַסטאַנען. אָה מיר פֿלעגען ציטערען פֿאַר איהם. פֿאַר זיין ברייט, קופּערנע, געפֿאַרבט פּנים מיט די שטאַרצענדיגע באַקען-ביינער און די שוואַרצע גליהענדיגע אויגען מיט דער קרוין פֿון פֿעדערען אויף זיין קאָפּ און אויף זיין רוקען. אָבער אונזערע זיינען צו אַלץ גרייט געוועזן—האָט ער מיט אַ וואונק פֿון אַנ'אויג בעמערקט—זייערע פּיסטאָלען זיינען שטענדיג גרייט געוועזן אין זייערע טאַשען און גורטלען.

— און נאָך דעם וויא דער שבט פֿלעגט אַרום דעם פֿייער אַ מאָלצייט עסען און אַ משונה טאַנץ טאַנצען מיט דער בעגייסטערונג און התפּעלות פֿון ווילדע פֿאַר זייער גרויסען גייסט, פֿלעגט אַקלאַציאַסטאַנאַ, אין אַ ווילדער התלהבות פֿון אַ הייליגען, פֿון יענעם וועלדעל אַרויסקומען. נידעריג אויף דער ערד, כמעט אויף אַלע פֿיער, פֿלעגט ער קריכען און טאַנצען. וויא אַ פֿלאַם פֿייער האָט

זיין פנים געברענט, ווי גליהענדיגע קוילען האָבען זיינע אויגען געבלישצעט. די שטריכען פון זיין פנים זיינען משונה ווילד גע־ווען און די קרוין פון פעדערען אויף דעם קאָפּ און רוקען האָבען זיך געוואָרפּען מיט איהם און געטאַנצט מיט איהם. און טאַנצענדיג פלעגט ער מיט אַ קליין שטיינערען העקעל צו קלאַפּען צום טאַקט אויף דער ערד, און מיט אַ ווילד משונה קול פלעגט ער שרייען און זינגען און דערציילען זיין פאָלק, וויא די וועלט ווערט רעגירט און בעשאַפען... טאָג־טעגליך רעגירט... און טאָג־טעגליך בעשאַפען...

— ער האָט געזונגען און דערציילט, און זיין פאָלק איז גע־זעסען איינגעקאָרטשעט אויף די שפּיץ פון די פיס פינגער. און שטיל, אין פחד און מורא האָט עס געהערט. נור דאָס האָלץ אויף דעם פייער האָט צוגעקנאַקט און די כוואַליעס האָבען גערוישט און געמורמעלט...

און ער האָט דערציילט:

— און איינגעשלאָפען איז די וועלט. איינגעשלאָפען זיינען אַלע: הימעל, ערד און חיות, מענשען און ביימער. און פון אונ־טער די בערג דאָרט—איבער דעם רוישיגען ים—אַלע נאַכט, קומט ער, דער גייסט, דער גרויסער גייסט. וויא אַ ריזען שלאַנג—אַ מעכטיגע—ראָלט ער און קאַטשעט זיך—גרויס... גרויס, וויא די ערד, וואָס קושט זיך מיט דעם הימעל אויף די בערג, און ווערט בעפרוכטעט פון איהם, האָט איהם געבוירען... גרויס וויא די וועלט... ניט געזעהען פון קיינעם—אונבאַמערקט—ראָלט ער דער שלאַנג דער גרויסער, דער גייסט, דער מעכטיגער—אַהער איבער דעם ברייטען וואַסער ים. ער קאַטשעט זיך און הייבט זיך, מעכטיגער און מעכטיגער, אין דערהויך, אין דערלייננג און אין

דערברייט און פילט אָן דעם רוים אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום.

— און עס גיסט זיך צונויף דער שלאַנג, דער מעכטיגער מיט דעם נאַכט הימעל, דעם שוואַרצען, און די שטערען ווערען זיינע אויגען—מיליאַרדען אויגען זיינע. און זיי קוקען אין אַלע ווינקעלאַך פון דער וועלט. און זעהען דאָס וואָס איז געשעהען אין דער וועלט, און ווייסען וואָס עס דאַרף געשעהען אין דער וועלט.

— און דער שלאַנג, דער מעכטיגער, דער גייסט דער גרויסער, וואָס האָט אָנגעפילט דעם רוים אין מזרח און אין מערב, אין צפון און אין דרום—שרייט אויס מיט אַ קול אַנ'איבערמעכטיגען וואָס פילט אָן די גאַנצע וועלט—אַזוי זאָהל געשעהען...

— שטאַרקער פון אַלע געטער איז דער שלאַנג, דער מעכטיגער—דער גייסט דער גרויסער—

— אַלץ איז אין זיין רשות—און אַזוי מוז געשעהען...

— און ער פילט אָן די וועלט אין דער נאַכט—דער נאַכט, דער שוואַרצער—אין יעדער נאַכט! און דער קול דער גרויסער, דער בעפעהלענדיגער פילט אָן די וועלט—די גאַנצע. אָבער גרויס איז דער קול, צו גרויס פאַר יעדען חלק פון דער וועלט בעזונדער, און ער ברעקעלט זיך און שטיקעלט זיך דער קול—דער גרויסער, דער מעכטיגער. אין מיליאַרדען חלקים'לעך פון דעם גייסט דעם גרויסען, וואָס מען זעהט ניט מיט דעם אויג און מען פיהלט ניט אין דעם שלאָף... און יעדער שטיקעלע און ברעקעלע פון דעם גייסט דעם גרויסען בעזעצט זיך אין דער נשמה פון דעם הימעל און פון דער ערד, פון חיות און מענשען און ביימער...

— און ווען דער טאָג קעהרט זיך אום, מיט דעם קוש פון דעם מאָרגענשטערען אויף זיין קרוין, און ווען די זון קומט צוריק

פון אונטער די בערג אין מזרח זייט, און הימעל, ערד און חיות, מענשען אוןביימער כאפּען זיך אויף פון דעם שלאָף — דעם ברודער פון דעם טויט — ווילען זיי דאָס וואָס מוז געשעהען... און עס געשעהט דאָס וואָס זיי ווילען...

— אַזוי פיהרט זיך דער שלאַנג דער מעכטיגער — דער גייסט דער גרויסער, וואָס קומט פון אונטער די בערג יעדע נאכט ווען די וועלט פאַלט אַנשלאָפען און שאַפט יעדע נאכט דאָס לעבען... און רעגירט עס... דאָס לעבען פון הימעל און ערד, חיות, מענשען און ביימער — דאָס לעבען פון דער גאַנצער וועלט.

— אַזוי פלעגט דערציילען דער חכם, דער נביא, דער הייליגער אַ קלאַציאַסטאַנאַ — דער אַלטער קאַפּיטאַן איז אנשווייגען געוואָרען. ער האָט אַנגעשפּאַרט זיין גרוי-ווייסען קאָפּ אויף זיין האַנט, האָט טיעף אָבגעזיפצט און שטיל געקוקט אויף דער שוואַרצער פליסיגער מאַסע פון דעם ים. אַלע אַרום זענען אויך שטיל געזעסען. יעדערער האָט זיך איינגעטראַכט אין דער אַלטער לעגענדע און האָט זי אויף זיין אייגענעם שטייגער פאַרשטאַנען. מאַריע האָט זיך אין שרעק שטאַרקער געדריקט צו לעאָנען. זי האָט נור אַביסעל פון דער מעשה פאַרשטאַנען.

— איך האָב אַזוי מורא — האָט זי זיך שטיל געקלאָגט — איך האָב אַזוי מורא פאַר אַ שלאַנג! — לעאָן האָט זי פעסטער אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און האָט שטיל געלאַכט.

— שלענג, מאַריע, זיינען נור פאַראַנען אין די וועלדער... ניט צווישען מענשען... האָב ניט קיין מורא. און זיי זיינען ביידע געגאַנגען צו דעם שטיינערנעם ברעג; דאָרט וואו די וואַסערען רוישען — צו דעם „צויבער ווינקעל".

לעאָן איז געווען אויסער געוויינליך אויפגעלייגט. די קראַפט

וואָס האָט איהם פריהער אָנגעהויבען צו באַהערשען האָט איהם איצט נאָך מונטערער, נאָך לעבעדיגער געמאַכט. די מעשה׳לע פון דעם אַלטען קאַפּיטאַן האָט איהם בולט געמאָלען דאָס בילד פון בעגייסטערטע, טאַנצענדיגע אינדיאַנער אַרום אַ פייער, לעבען אַ וועלדעל. די ווערטער פון אַקלאַציאַסטאַנאַ האָבען איהם געקלונ־גען אין דער לופט וויא אַנ׳אַלטע פאַר׳כשופ׳טע ליעד.

ער האָט זיי איבערגעלייגט אויף זיין אייגענער שפּראַך און זיינע אייגענע געפילען. ער האָט געדריקט צו זיך מאַריען און האָט מיט היטץ דעקלאַמירט: —

זי קוקט מיט די שטערען וויא אויגען אַרונטער
די שלאַנג וואָס פּילט אָן דעם רוים
און שרייט מיט אַ שטימע מעכטיג און מונטער —
לעב אָהן אַ ברעג, אָהן אַ צוים...

* * *

נעם פון דעם לעבען די פרייהייט־גענוס
שטיל נור דיין זעעלעס פערלאַנגען...
זים אויף די ליפּען—פרוף—איז דער קוס,
זים איז די ליבע אָהן צוואַנגען.

און ער האָט זיך מעהר און מעהר בעגייסטערט און האָט זיך געטולעט צו מאַריען מיט זיין גרויסען קערפּער. זי האָט געפילט דעם שטאַרקען גוף זיינעם. פון זיין ליעד האָט זי נור געפילט די קראַפט מיט וועלבער ער האָט זי דעקלאַמירט; די התלהבות, דעם

וואַרעמען געפֿיהל וואָס ער האָט אין די ווערטער אַריינגעלייגט. אָבער נאָך עפּעס האָט זי געפֿילט. אַ קראַפֿט — אַ גרויסע, אַניאונ־בעקאַנטע, וואָס האָט זי געצויגען צו איהם און האָט זי מעהר און מעהר בעהערשט. און זיי זיינען ביידע געגאַנגען איבערען ברעג. לעאָן האָט געזונגען דעקלאַמירט זיין ליעד — דאָס אייביגע ליעד פֿון דער מענשליכער נשמה... די כוואַליעס האָבען זיך געקאַטשעט, געפּינעט און געמורמעלט זייער ליעד — דאס אייביגע ריטמישע ליעד פֿון מאַכט און בעוועגונג...

דער אַלטער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבען. ער האָט דער־זעהען אַ גרויסען בלישצענדיגען שטערען אויף מזרח זייט.

— קינדער, — האָט ער געוויזען מיט'ן פֿינגער אויף דעם שטערען — עס איז שוין צעהען דער זייגער; צייט צו בעט צו גע־העין... עה!.. קינדער, מען דאַרף פֿיהרען אַ רעגעלמעסיג לעבען — לעבט מען לאַנג... און ער איז זיך פּאַמעלאַך אַוועקגעגאַנגען.

אָבער וועמען איז געלעגען אין זינען צו געהען שלאָפען. ערשט איצט האָט זיך טיפֿער און ברייטער אויסגעשפּרייט די וועלט רעטעניש פֿאַר אַלעמען. דאָס בילד אַרום און אַרום האָט געהאָלפֿען דערצו.

דאָס גרויסע, מעכטיגע און מיסטעריעזע בילד פֿון דעם שוואַרצען אויסגעשפּרייטען ים מיט די ווייסע פֿינענדיגע קעפּ אויף די כוואַליעס. די גרויסע בערג וואָס האָבען זיך איצט ווייט־ווייט אויף דעם האָריזאָנט אויפגעהויבען וויא אַ הערדע צונויפגעדריקטע קאַמעלען מיט בערגיגע הויקערס אויף די רוקענס, לאַנגע אויסגעצויגענע העלזער און שמאָלע אַראָבגעלאָזטע קעפּ. דער בלוויליך בעשטערענטער הימעל און די רויטע, פֿאַרבלוטיגטע לבנה, וואָס איז אָקאָרשט אַרויסגעקומען פֿון אונטער די בערג און האָט

געוואָרפען אַ רויז=רויטען גאָלדענעם בליאַסק אויף דער וואַסער. דער קאָך=קעסעל פון לעבען און ליכט אויף איין זייט, און די רוישענדע כוואַליעס ביים שטיינערנעם באַרג, אויף וועלכען די סילועטען פון לעגנען און מאַריען האָבען זיך שאַרף אויסגעמאַרקירט, און די לאַנגע דאַרע פיגור פון דעם שוועד, וואָס האָט זיך וויא אַ שאָטען געריקט פון דער וועראַנדע — דאָס וואונדערבאַרע בילד האָט אומבעוואוסט פאַר יעדען געהאָלפען און גערייצט דערצו, אַז אַלע זאָלען זיך היטצען, קאָכען, רעדען מיט האַרץ און בעשטעהען יעדער נור אויף זיינעם. און וועמען איז איצט געלעגען אין זינען צו געהען שלאָפען...

דער שוועד איז צו זיינע פריינד ניט צוגעגאַנגען. ער האָט זיך שפּאַצירט הין און צוריק איבערען זאַמד אַריין געטהון אין זיך אַליין. די חברה איז געלעגען אויף דעם זאַמד לעבען דעם איבערגעקערטען שיפעל און האָט זיך געאַמפערט.

ביז איינעם איז איינגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק.

— זינגט עפּעס — האָט ער אויסגעשריגען צום שוועד— זינגט עפעס, גענוג זיך אַמפּערען. דער שוועד האָט זיך ניט ווידערשפּעניג געמאַכט.

— זינגט עפּעס—האָבען עטליכע קולות געפאָדערט. און דער שוועד האָט זיך אָבגעשטעלט. זיין דאַרע פיגור מיט דעם אויסגעצויגענעם ערדענעם פנים און די איינגעפאַלענע אויגען האָבען מורא'דיג אויסגעזעהען און האָבען אויף יעדען אַ פחד געוואָרפען. עפּעס ווי ניט קיין לעבעדיגס, נור וויא אַ מאַסקע, ווי אַ טונקעל=געלע וואַקסענע מאַסקע האָט זיין פנים אין דער גרויער נאַכטליכט אויסגעזעהען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט אַ ביסעל פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און האָט געזונגען. ער האָט געזונגען דאָס

ליעד פון דעם טויט... וויא דאָס לעבען איז נור אַוויילע—אַ מינוט נור אין דער אייביגקייט... דער טויט איז דער סוף—דער טויט איז די אייביגקייט... און זיין שטימע האָט טיף, מיט רמז און מיט סוד געקלונגען. דער זינגער האָט זיין נשמה אין דעם ליעד איסגעגאָסען און האָט איבער אַלעמען אַ מורא פאַרשפּרייט. עס האָט זיך אויסגעוויזען אַז יעדערער האָט געפילט די אייז קאַלטע בעריהרונג פון יענער אייביגקייט—דעם טויט... און אַלע זיינען שטיל געווען. דעם זינגער האָבען נור טרויעריג אקקאָמפּאַנירט די וועללען פון דעם ים און דער מאנאטאנע קלאַנג פון דעם מאיאַק גלאָק...

מאַריע מיט לעאָנען זיינען פאַמעלאַך פאַרשוואונדען פון יענער זייט באַרג. צדק איז ערשט אַרויסגעקומען פון הער גוטסקאָווס הויז און איז געגאַנגען צו דער חברה. ער האָט מיט די אויגען געזוכט מאַריען. ער האָט זי ניט געפונען. און לעאָן? וואו איז לעאָן געווען? ער האָט זיך צוגעהערט צום זינגען. ער האָט באַמערקט אַז דאָרט פאַרשווינדען' פון יענער זייט באַרג צוויי סילועטען... איהם האָט עפּעס געצויגען אַהין. אָבער ער האָט זיך ניט בעשלאָסען צו געהען.

— וואָס איז זיין געשעפט—האָט ער אַ טראַכט געטהון — אפשר זיינען עס גאָר ווילד פרעמדע!.. לעאָן מיט מאַריען זיינען אראָבגעגאַנגען פון דעם באַרג -- אין טאָהל אַראָב -- אין „צויבער ווינקעל" דאָ האָבען זיי זיך ביידע אַ־ידערגעזעצט ביים סאַמע ברעג. לעאָן האָט שטאַרק געהאַלטען מאַריען און האָט זיך מיט איהר איבערגעבויגען איבער דעם ברעג. די ווייסע, זידענדיגע טראָפּענס שאָהם פון די שטארמישע כוואַליעס האָבען זיי באַשפּריצט און פייכט געמאַכט זיי די פּנים'ער. מאַריע האָט אַלע מאָל לעבעדיג און שפּילעריש אויסגעשריגען... אין האָט געלאַכט. לעאָן האָט

געשפּאַסט און געשטיפט ... שטיפעריש האָבען זיי זיך אַלע מאָל צוגערוקט צום ברעג, און ווען די פינע האָט זיי אין איהר פליעסק און רויש בעשפּריצט, האָבען זיי זיך ווידער אָבגערוקט מיט ליאַ־רעמדיגע אויסגעשרייען און הילכיגען געלעכטער ... זיי האָבען זיך מעהר און מעהר געדריקט איינער צו דעם אַנדערען, מעהר און מעהר זיך איינס אין דעם אַנדערען איינגעקלעפּט. לעאָן האָט גע־לאַכט און האָט שטיפעריש געטריקענט מאַריעס פּנים מיט זיינע גליהענדע באַקען און האָט לעבעדיג געזונגען.

טראָפּענדלעך ווייסינקע,
שאָהם פון די וועללען,
זאָגט אונז דעם סוד אויס —
פון ליבעס קוועלען...

און האָט זיך אַליין געענטפערט

דאָרט אונטען וויא רינגען
פון פינע און שאָהם!
זידען די קוועלען —
פון ליבע אין תהום...

מאַריע האָט געפילט אַז זי געהערט זיך ניט מעהר, פאַר־שכורט פון דער קראַפט וואָס האָט זי בעהערשט. לעאָן האָט זי געהאַלטען אין זיינע אָרעמס און האָט זי שטאַרקער און שטאַרקער געדריקט צו זיך. ער האָט אויך דערפילט אַז איהם באַהערשט א געוואַלטיגע קראַפט ... אַ ליידענשאַפטליכע ... ערשט איצט האָט ער דערפיהלט זי אין איהר פולער מאַכט ... עפעס האָבען זיך די פערזען געפיינטעט; זיי האָבען זיך ניט געגאָסען פון דער נשמה...

אויף אַ מאָמענט איז ער שטיל געבליבען, פּונקט וויא ער וואָלט ניט געוואוסט וואָס צו טהון מיט זיך... ווייט־ווייט האָט זיך גע־הערט דאָס געזאַנג פון דעם שוועד — אַ טיפער אָבקלאַנג וואָס איז פון יענער וועלט, פון אונטער דער ערד געקומען... איבערען בארג האָבען גערווישט די כוואַליעס, וואָס האָבען זיך צעשלאָגען אָן די אויסגעווייקטע שטיינער פון דעם פעלז, און האָבען מיט אַ מעכ־טיגער, זידיגער קראַפט אַרויפגעשלאָגען די ווייסע פינענדיגע טראָ־פענס. און דאָרט — איבער דעם שטח פון דעם פינסטערען וואַסער — האָט געקלונגען און פאַרהיט פון סכנה דעם נאַכט־שווימער — דער מאַיאַק גלאָק. לעאָן האָט געדריקט מאַריען אין זיינע שטאַרקע אָרעמס און האָט זי געקוסט און געביסען. מאַריע האָט זיך גע־טוליעט צו איהם, איינגעוויקעלט און פאַרלאָרען אין זיין קראַפט וואָס האָט זי בעהערשט. און די מיליאָנען שטערען האָבען גע־פינקעלט און געקוקט אַראָב; געקוקט אויף זיי שטום פון די הימלען...

* * *

מאַריע איז פאַרשוואונדען געוואָרען. וואו זי איז אַהינגעקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. די בעל־הבית'טע פון דעם האָטעל, וואו זי האָט געדינט, האָט דערציילט אַ קורצע, אַ טרויע־ריגע מעשה.

— זונטאָג — האָט זי געזאָגט — איז מאַריע געקומען אַ היים זייער שפּעט, און וויא די דיענסט־מיידלעך פון דעם הויז דערציי־לען, איז זי כמעט ניט געשלאָפען די גאַנצע נאַכט. זי האָט גע־וויינט, געוויינט און געוויינט. קיינעם פון די דיענסט־מיידלעך

האָט זי ניט געוואָלט זאָגען פאַר וואָס זי וויינט. נור עפּעס איז זי געווען אַזוי אומעדיג, אַזוי דערשלאָגען ... זי איז געלעגען אין די קליידער אויף איהר בעטעל—איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין איהר קישען און האָט היסטעריש געוויינט און געכליפּעט. און וויא נור זי—די בעל-הבית'טע איז אויפגעשטאַנען, האָט מאַריע צונויפגעלייגט איהר אָרעם קלומעקעל און האָט געבעטען רעכענונג. זי האָט איהר ניט געזאָגט פאַר וואָס. מען האָט איבערהויפּט ניט לאַנג געקענט מיט איהר ריידען, ווייל באַלד האָבען זי טרערען דערשטיקט, און זי האָט אין אַ יאָמער בעהאַלטען איהר פּנים אין איהרע הענט. זי האָט קיינעם גלייך אין די אויגען ניט געקוקט. זי איז געווען בלייך וויא דער טויט, אויסגעמאַטערט, מיט רויטע פאַרשוואָלענע אויגען. אַזוי האָט די בעל-הבית'טע דערציילט. — זי איז אַוועק—האָט זי צוגעלייגט—אַ היים, צו דער מומע מסתמא. ווער ווייסט וואו די מומע איהרע איז; און ווער זי איז? ערגעץ אין שטאָט וואוינט זי. — מעהר האָט זי אַליין ניט געוואוסט. לעאָן האָט אויך קיינער שוין פון עטליכע טעג ניט געזעהען. צדק האָט איהם געזוכט מיט ליכט אומעדום; אָבער ער האָט איהם אין ערגעץ ניט געפונען. אויף דער קוואַרטיר, וואו לעאָן איז געשטאַנען, האָט מען צדק'ן געזאָגט, אַז לעאָן קומט זעהער שפּעט ביינאַכט און געהט אַוועק זעהער פריה. — אפנים אויסצומיידען צו בעגעגענען זיך מיט פריינד און בעקאַנטע—האָט צדק ביי זיך געטראַכט. ביי עדיסאָנען אין פאַבריק האָט ער זיך נאָכגעפרעגט, האָט מען איהם געזאָגט, אַז לעאָן איז גאָר צו דער ארבייט ניט געקומען.

— וויא? וואָס איז דאָס? האָט ער זיך געפרעגט. עס איז געווען אַ רעטעניש ...

— אַה, מיט מאַריען ... איז איהם איינגעפאַלען.

— אונמעגליך, ניט לעאָן--האָט ער זיך געטרייסט — לעאָן איז דאָך נאָך געווען אין האָטעל מאָנטאַג אין דער פריה, ווען מאַריע איז שוין דאָרט ניט געווען—האָט ער לאָגיש צונויפגעשטעלט די פאַקטען. — ער איז אודאי איבער מאַריען אויף אַ קורצער צייט אַוועקגעפאָהרען פון דאַנען ... ביז אַלעס וועט זיך בערוהיגען—האָט צדק בעשלאָסען.

— און ווייטער, ווער ווייסט?..

אָבער רוהען האָט ער ניט געקענט...

ביי די גוטסקאָווס איז געווען אַ שטילער חורבן איז שטוב. אַלע האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט אַ סוד, און בעהאַלטענדיג זיך פון ליליען געשושקעט כסדר. ליליען האָט ניט געדאַרפט וויסען וואָס איז געשעהען. די עלטערע האָבען פאַרשטאַנען. זיי האָבען זיך אָנגעשטויסען. אָבער ליליע האָט געקוקט אויף זיי מיט איהרע שאַרפע לעבעדיגע אויגען און האָט געפאָרשט... איהר פלעגט עפּעס איהר מונטערע נשמה אונטערזאָגען, עפּעס אַזוינס, אויף וועלכען זי פלעגט זיך מורא האָבען אָבצושטעלען... און פאַרשעמען זיך.

און זי האָט געקוקט אויף דעם הויז-געזינד, אויף די פריינד און האָט געזוכט... מאַריען... לעאָנען... געזוכט. מאַדאַם גוטסקאָוו איז אַרומגעגאַנגען אַ בעליידיגטע. איהר פנים האָט געפלאַמט, געדרויטעלט זיך מיט בושה-פאַרב. איהרע אויגען האָבען אויסגעזעהען אַזוי וויא דעמאָלט זאָנטאַג, ווען זי האָט געקוקט אויף לעאָנען, און זיי האָבען איהם דאַכט זיך שטיל, בנעימות׳דיג געמורמט: — ניט שיין, לעאָן; ניט שיין... איך האָב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט...

שפּעט פרייטאָג פאַרנאַכט האָט צדק פּלוצלונג געטראָפען לעאָנען זיצען אויף אַ שטיין אין יענעם „צווייבער ווינקעל" — צווי-

שען די בערג—וואו די וועללען רווישען און שפריצען מיט ווייסער פינע. איבערראַשט, איז צדק שטעהען געבליבען אַ ווילע אונבעוועגט.

לעאָן איז געזעסען איבער זיין בוך מיט פערזען. ער האָט אָקאָרשט איבערגעלעזען די שורות.

זי קוקט מיט די שטערען וויא אויגען ארונטער
די שלאַנג וואָס פילט אָן דעם רוים;
און שרייט מיט אַ שטימע, מעכטיג און מונטער,
לעב אָהן אַ ברעג אָהן אַ צוים...

* *
*

נעם פון דעם לעבען די פרייהייט־געַנוס;
שטיל נור דיין זעלעם פערלאַנגען,
זים אויף די ליפען—פּרואוו—איז דער קוס,
זים איז די ליבע אָהן צוואַנגען...

— זים איז די ליבע אָהן צוואַנגען!... האָט ער אין דער־הייך און פאַמעלאַך איבערגע'חזרט און האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם ברייטען, מעכטיגען גרוי־גרינעם וואַסער־שטח, און האָט זיך פאַרטראַכט. פון יענער צייט וואָס ער איז דאָ מיט מאַריען געוועזן, האָט ער פיל איבערגעלעבט און פיל איבערגעליטען.

פון דעם מאָמענט וואָס ער האָט מאַריען אַ היים געבראַכט, יענעם זונטאָג ביינאַכט; ווען ער האָט זי אין הויז אַריינגעלאָזט און איז אַליין געבליבען שטעהען אין דרויסען, האָט ער מיט אַ מאָל דערפילט וויא איינזאַם, וויא אַליין, וויא דערשלאָגען און געפאַלען זי דאַרף זיך פיהלען איצט אין איהר קליין חדר'ל. איצט—

זוען דאָס, וואָס איז ביי איהר אין דער נשמה — איהר שטאָלץ, איהר אונשולד געווען, איז פאַרשוואונדען אין איין מאָמענט פון עהרליכען, באַגעהרענדען געִנוּם ... — זי איז דאָך ניט איך — האָט ער אַ טראַכט געטהון. — אָבער וויא איך האָט זי דאָך רעכט צו לעבען און געניסען ... און איהם האָט זיך פאַרגלוסט אַריינגעהען צו איהר, איינרוימען איהר שטילערהייד אין אויער, אַז זי איז ניט אליין, ניט קיין דערשלאָגענע, ניט קיין געפאַלענע ... עס איז אָבער צו שפּעט געווען — און מונטער, רוהיג אין דעם בעוואוסטזיין אַז ער וועט נאָך מאָרגען אין דער פריה, איידער ער וועט געהען צו דער אַרבייט — זאָגען איהר דאָס אַלעס, לאַשצען זי און קוסען זי — איז ער געגאַנגען אַהיים.

ער איז אָבער ניט גיך איינגעשלאָפען. גרויס, שטאַרק, מונטער און פריי וויא לעאָן איז תמיד געווען, האָט אויף זיין נשמה די היינטיגע בילדער פון דער נאַטור, פון דעם לעבען און דעם גענוּס צו אַ שטאַרקע שליטה געהאַט און ער איז ניט גיך איינגעשלאָפען. ער האָט זיך געדרייט אויף דעם געלעגער. ניט געבעטענע געדאַנקען האָבען זיך געקניפּט און געפלאָנטעט אין קאָפּ. שווערע קשיות האָבען זיך געשטעלט, און זיינען ניט פאַרענטפערט געוואָרען. ער איז אַ פּאָר מאָל אויפגעשטאַנען, האָט אויפגעשריבען די פרעזען „זי קוקט מיט די שטערען ווי אויגען אַרונטער״ — און האָט זיך ווידער געלייגט.

— פאַר וואָס עפּעס היינט? מעהר וויא פריהער, וויא אַמאָל, וויא אַלע מאָל? האָט ער זיך געפרעגט. — אַביסעל על־טער געוואָרען!.. ניט מעהר? — האָט ער ווי מיט זיך אַליין גע־פירט אַ וכוח — ניין... מעהר געלעבט — מעהר געאַרבייט ... אין אַ סביבה פון אַ רוהיגערען, מיטעלמעסיגערען לעבען געלעבט ...

אין אַמעריקאַ ... דאָס פּראַקטישע לעבען פאַרזוכט ... זיך און מענ־שען טיפער פאַרשטאַנען ... אָט דאָס איז עס ... האָט ער גע־טראַכט און איז בּיסלעכווייז אין פאַרפּלאָנטעטע געדאַנקען איינגעשלאָפען.

אין דער פריה איז ער ווידער געווען מונטער. לעבעדיג. מיט אַנ׳אימפּראָוויזירט לידעל איז ער געגאַנגען איינרוימען מאַרי־ען זיין סוד.

און ער האָט זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט.

אַ שרעָקליכע איבערקעהרעניש האָט זיין נשמה אויפגעטריי־סעלט. אויף אַ מינוט איז ער טויב געוואָרען. דאָס שטיקעל צייט, זייט ער האָט מאַריען געבראַכט אַ היים ביז יעצט, איז ארויסגעפאַלען פון זיין זכרון. ער האָט ווידער דערפילט וויא פאַר־טאָג די שרעקען, דאָס פלאָגען זיך פון מאַריעס זעלע. ווידער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, וויא זי פילט זיך איינזאַם, דער־שלאָגען, געפאַלען און אַליין—אליין אין דער וועלט. וויא א בליץ האָט איהם אָנגעצונדען אַ באַגעהר צו זעהען זי—שוין, באַלד ... געפונען זי. און יעדער מינוט אין וועלכער די בעל־הבית׳טע פון דעם האָטעל האָט אויסגעצייגען דאָס בילד פון מאַריעס טרערען און יסורים, יענעם פריהמאָרגען, איז פאַר איהם די אייביגקייט געווען. ער האָט זיך געריסען—און זיינע געדאַנקען און געפילען האָבען זיך פאָראויס געטראָגען, גיכער וויא זיין גוף, זייגען זיי געלאָפען—צו זוכען זי, געפינען זי... אָבער וואו זוכט מען זי? וואו געפינט מען זי? און געפינען זי מוז ער ... ער מוז!.. דאָס וויל זיין נשמה, דאָס פערלאַנגט זיין ווילען, זיין שטאָלץ, זיין מענשען־ווע־דע. ער קען ערשט ווידער ווערען דער לעבעדיגער, מונטערער, דער פרייער מענש—פריי פון די צוואַנגען פון זיין

אייגענעם איך—ווען זי וועט ניט ליידען דורך איהם.

ליידען דורך איהם... עס שוידערט איהם. און איהם שטעלט זיך פאר איהר שיין, איהר אונשולדיג פנים, איהרע בלוויליך ליכ־טיגע אויגען, וויא זיי האָבען געלויכטען אין „צוויבער ווינקעל", ווען זיי האָבען זיך ביידע געשפילט מיט די זודיגע טראָפּענס שאָהם. ער פילט איהר ווייבען, בוויגיגען גוף אין זיינע אָרעמס, ווען זיי האָבען זיך איבערגעבויגען איבער דעם ברעג און די טראָפּענס שאָהם האָבען בעשפריצט זייערע פנים'ער... ער הערט איהר זיס, קינדערש לאַכען, אָט דאָס וואָס האָט אַזוי גערייצט אין איהם די חיה... ער פילט די דערהויבענע התלהבות פון איהר זעלע אין איהר שטאַרקען ליבעס־קוס... און עס שוידערט איהם... ערשט אַזוי פיל גליק, אַזוי פיל געגוס—און אָט שוין אַזוי פיל ליידען, אַזוי פיל טרערען... ניין, אַזוי האָט ניט געקענט אויסשרייען אין יענער נאַכט אקלאַציאָסטאַנאַס גרויסער גייסט... ער פילט אַנ'אַנ־דער געשריי אין זיין נשמה...

ער מוז זי געפונען. און ער וואַנדערט אַרום אַ גאַנצען טאָג פון אַדרעס צו אַדרעס און געפינט זי ניט. און ער ווערט שיער משוגע. ער ווייסט אַז זי ליידט ערגעץ. און ער שלאָפט ניט ביי־נאַכט. איהם שטעלען זיך פאָר און מאַטערען איהם יענע בילדער וועלכע ער ווייסט, אונגליקליכע וויא זי לעבען איבער, און קורץ און שאַרף מאָלען זיי זיך פאַר זיינע אויגען. זיין כח הדמיון שטעלט זיך ניט אָב אויף זיי... פאַר מורא פאַר זיי... אָט זיצט זי, אַ פאַר־וויינטע, איהר קאָפּ בעהאַלטען און איהרע הענט, מיט רויטע גע־שוואָלענע אויגען און אַ בלייך אויסגעדאַרט פנים—די מומע האָט זי אַרויסגעטריבען, זיצט זי אין גאַס און קוקט... דאַכט זיך, אויף איהם... און ער ווייסט, פאַר וואָס גראָד אויף איהם... זי

זיצט דאָרט ביז דער פּאָליסמאַן נעמט זי צו ... און ... דעם פּער־ברעכערס תפיסה... דער אינזעל איבערען וואַסער ... ניין, ניין ער מוז זי געפינען און ער לויפט אַרום אַ גאַנצען טאָג אָהן אָברוהע. ער פילט ניט קיין מידיקייט.

יעדען פריהמאָרגען שטייט ער אויף מיט דעם שטאַרקען בעשלוס—ער מוז ... זיין ווילען רייצט איהם אונטער — „איך וויל" „איך וויל" ... זאָגט ער זיך. זיין נשמה פאָדערט—„איך מוז", „איך מוז" חזר'ט ער איבער און ער זוכט זי און דאַכט זיך, ער איז שוין אויף אַ וועג.

אָבער איהר בילד פאַרשווינדט ניט פאַר זיינע אויגען. נור אַ מאָל פּאַסירט אַ מאָדנע פאַרענדערונג. ער פאַרשטייט עס ניט, אָבער עס איז אַזוי. גאָרניט זי איז עס—ניט מאַריע—נור ליליצקע ... אָבער ליליצקע קוקט ניט אויף איהם ... זי זיצט וויא מאַריע, דעם קאָפּ בעגראָבען איהן איהרע הענט, מיט רויטע געשוואָלענע, פאַרוויינטע אויגען און אַ בלייך, אויסגעדאַרט פּנים ... אָבער דעמאָלט קוקט אויף איהם מאַדאַם גוטסקאָוו. אַ פאַרוויינטע, מיט בלישצענדיגע טרערען אין די אויגען פרעגט זי איהם שטיל, גלייך ווי זי וואָלט איהם מורא געהאַט איצט צו פאַרלירען ...

— לעאָן, וואָס האָט איהר געטהון? ... און ער לאַכט, פריילין און פריי, וויא זיין שטייגער איז, און ענטפערט איהר.

— מאַדאַם, איך וועל פאַר איהר חתונה האָבען!..

פרייטאָג ביינאַכט האָט שוין לעאָן מאַריען געפונען. מאָרגען וועט ער זי זעהען. זיין בעשלוס איז געפּאַסט, און ער זיצט איצט אויף דעם שטיין אין „צוויבער ווינקעל" און טראַכט וועגען דעם אַלטען פזמון פון זיין היילינען אקלאַציאַסטאַנא... ער ווייסט שוין וואָס דער גרויסער גייסט האָט אין יענער נאַכט אויסגעשריגען.

— לעאָן—האָט איהם צדק פּלוצלונג אַרוף געטהון. לעאָן האָט זיך אומגעדרייט—איהר זייט גאַר דאָ?.. איהר זייט ניט אוועקגעפאָהרען?...

— אַוועקגעפאָהרען, וואוהין? האָט לעאָן פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך מיין, עס טראָגען זיך אַרום אַזעלכע... האָט צדק ניט געענדיגט.

— נו, איז וואָס? איך האָב ניט די טבע צו אַנטלויפען.

— לעאָן—האָט צדק געשטאַמעלט—איז עס אמת... קען עס זיין אַז איהר האָט אונגליקליך געמאַכט אַן׳אונשולדיג, אַן׳עלענד קינד... און טרערען האָבען זיך געהערט אין זיין קול.

— ניין, בראַפּמאַן, אונגליקליך געמאַכט... ניין. איך וועל פאַר די גליקליכע מינוטען פון מיין לעבען גוט בעצאָלען.

— בעצאָלען?... האָט צדק געציטערט.— אונמענש. דער פּרייז פון מאַריעס ליעבע איז ביי איהר—חתונה האָבען פאַר איהר.

— און איך וועל פאַר איהר חתונה האָבען—האָט לעאָן רוהיג געענטפערט.

— וויא? האָט צדק אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען אויף לעאָנען און האָט איהם פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— איך וועל פאַר איהר חתונה האָבען... איך וויל אַזוי, אַזוי וויל מיין נשמה...

— ליבט איהר זי דען?

— ליעב איך זי? הם... און לעאָן האָט וויא פאַר׳חלום׳ט צוגעמאַכט אויף אַ ווײַלע די אויגען. אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט וויא פון אַ שלאָף, ווידער לעבעדיג, פריילוך, פריי אין זיינע בעוועגונגען.

— צדק, האָט ער שוין לייכט און פריי און שטיפעריש געשפּאַסט, פאַרשטייסט, ווען אַ יונגער מאַן ווערט צייטיג אין ווארשא—געפינט ער זיין זווג אין ווארשא, און... ער פאַרליבט זיך דאָרט. ווען ניט, ווען די צייט און די אומשטענדען פאַרוואַרפען איהם קיין מאָסקווע—געפינט ער זיין זווג אין מאָסקווע און... ער פאַרליבט זיך דאָרט. און טאָמער דאָרט אויך ניט; פאָרט ער אַוועק קיין אַמעריקא, טרעפט אין נו-יאָרק זיין קאָנוועגער זווג און... פאַרליבט זיך אין נו-יאָרק...

— אָה, בראַפמאַן, בראַפמאַן, ליבע שאַפט דעם מענשענס זעלע; זי פאַלט ניט אַראָב פון דעם הימעל... איך האָב מאַריען דאָ געפונען... ליעב איך זי? איך וועל זי פּרואווען ליעבען... איך וועל די ליבע בעשאַפען...

— וועט איהר אָבער גליקליך זיין? וועט איהר קענען אַזוי לעבען?

— דאָס וועט די צייט ווייזען, בראַפמאַן, פּונקט ווי נור זי אַליין ווייזט עס ביי אַלע די וואָס גלויבען אַז זיי האָבען זיך ליעב...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי אייך... האָט צדק שוין מיט גיפט געזאָגט. — איהר האָט געהאַנדעלט וויא אייך האָט זיך געגלוסט—וויא איהר האָט געוואָלט—פריהער, איידער איהר האָט אַנ'אײַדעל קינד פאַרפירט; דעמאָלט ווען איך האָב ניט געוואָגט אַזוי צו האַנדלען. איצט אָבער ווען מיין נשמה צערייסט זיך אויף שטיקער, ווען איך וואָלט שוין אפשר געהאַנדעלט וויא מיר ווילט זיך—קענט איהר ניט האַנדלען וויא אייך ווילט זיך: איהר קענט ניט אָבלאָזען דאָס לעבען.. עס וואָלט אייער געוויסען פערגיפטעט... איך פאַרשטיי אייך, איך פאַרשטיי אייך...

— ניין, בראַפמאַן, איהר פאַרשטייט ניט, איך האַנדעל

אינהאלט

געפאַנגען	3
די ניט געענדיגטע ערציהלונג	10
גערעטעט	29
דער מאַרק און דער פאַרק	47
דער זילבערנער האלבער דאָלאַר	64
מאַטיע גוי	82
דאָס אייביגע ווידער-קול	85
דער פערעל פון דער געטאה	91
אָהן א נאָמען	140
אַ ווינקעל פון אונזער לעבען	150
דאָס פאָלק און דער אבגאט	172
ביים ים	177

איצט, וויא פריהער, נאָך דעם באַגעהר פון מיין נשמה. אַזוי האָב איך פריהער געוואָלט און אַזוי וויל איך איצט. איך לעב אַזוי ווייט וויא מעגליך נאָך מיין אייגענעם ווילען. איך וויל אָבער ניט גע־ניסען דאָס לעבען דורך די טרערען פון אַנדערע...

— איהר ווילט ניט געניסען דאָס לעבען דורך די טרערען פון אַנדערע—האָט צדק פאַמעלאַך געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ... און ביידע פריינד האָבען זיך לאַנג, לאַנג אָנגעקוקט. צדק האָט גע־קוקט אויף לעאָנען דורך די פאַרזאָטענע טרערען אין זיינע קלאָהרע געלאַסענע אויגען...